STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04640

# OYSGEVEHLTE MAYSELIKH

Max Simon Nordau

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Paul D. & Dorothy B. Kagen*
*in memory of*
*dear grandparents, Harry & Fanny Kregstein*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקס נאָרדוי.

# אויסגעוועהלטע מעשה'ליך.

פערלאַג
א. גיטלינ'ס פאָלקס-ביבליאָטעק.
וואַרשוי.

תרע"ב.
1912.

Druk. „Modern“ Warszawa Królewska 47.

# אינהאַלט:


די געהיימע מלוכה . . . . . . . . . . . . . . 7—36

לעבען און טויט . . . . . . . . . . . . 39—44

דער מייסטער . . . . . . . . . . . . . . 47—64

גלייך מיט גלייך . . . . . . . . . . . . . 67—75

דער האַרץ-פּאָרעם . . . . . . . . . . . . . 79—94

די דערנער ארום די ראָזען . . . . . . . . . . 97—102

דער פערשקלאַפּטער לייב . . . . . . . . . . . 105—120

דער רייכער און דער אָרעמער הונד . . . . . . . . 123—139

דאָס קאָפּ-וואַסער . . . . . . . . . . . . . . 143—154

דער ברודער און די שוועסטער . . . . . . . . . 157—169

אַ מעשה מיט אַ קליין מעדעל

וואָס איז אין אַ גרויסע שיף געפאָהרען . 173—190

די פליעג פון פאַר אַ יאָהרען . . . . . . . . . . 193—201

# די געהיימע מלוכה.

# די געהיימע מלוכה.

## פון די געשיכטען פון מאקס נארדוי.

אין א גרויסער שטאדט בײ'ם ים האבען די ארבײטער אין האפען אײנמאל גאנץ פריה נאך א שטורמדיגער נאכט געפונען אויפ'ן ברעג א גאנץ קלײן מעדעלע. עס איז געלעגען אויפ'ן זאמד נאר אין אײן העמדעל אויפ'ן לײב, דורכגענעצט דורך און דורך, און האט קײן סימן פון לעבען נישט געוויזען. נישט זעהר װײט פון ברעג האט מען פון װאסער געזעהן ארויסשטעקען א שפיץ פון א מאסט. דא איז אונטערגעגאנגען א גרויסע שיף, מיט אלץ, וואס איז געווען דערין, נאר דאס קלײנע מעדעלע האבען די וועלען אויף דער יבשה ארויסגעווארפען.

א מיטלײדיגער ארבײטער האט עס אויפגעהויבען, אײנגעוויקעלט אין זײן וואלענעם מאנטעל און עס שנעל אוועקגעטראגען אין די נאהנטע קראם פון א צאל-וועכטער, וואו מען האט עס אויסגעטהון דאס נאסע העמדעל, אוועקגעלעגט אויף א באנק און צוגעדעקט. באלד האט עס זיך דערווארעמט, אויפגעעפענט די אויגלעך און אנגעהויבען וויינען.

אלע מענשען אין קראם האבען בעוואונדערט דאס קינד צוליעב איהר פײנער געשטאלט, איהר שען ראזיג פנים'ל, איהרע גרויסע בלויע אויגען און איהרע העל-בלאנדע זײדענע לאקען. דאס העמדעל איז געווען פון דינסטען באטיסט און מיט א נאלדענער קרוינדעל געשטריקט. נאר אויך אהן דעם צײכען האט מען געקאנט דערקענען, אז דאס איז געווען א עדעל, ציטריג קינד, וואס דער שיפס-ברוך האט עס אויף א פרעמדען ברעג ארויסגעווארפען.

אז דאס קינד האט געוויינט, האט עס אלע דערבאײנגע

מענער זעהר לייד געטהון, נאר זיי האבען גארנישט געקאנט העלפען. ווייל זיי האבען נישט געוואוסט, ווי אומצוגעהן מיט קליינע קינדער, און האבען אויך נישט געהאט אונטער'ן האנד דאס נויטיגע, כדי דאס קינד איינצושטילען און צו בעפריעדיגען. דאס קינד האט נאך כלל נישט געהאט אלע צייהנדלעך אין קליין מיילעל און האט נאר איניגע ווערטער אין א אונבעקאנטער שפראך שפראך געקאנט שטאמלען.

די מענער האבען זיך בעראטען און זענען באלד אלע געקומען צו איין בעשלוס, אז דאס קינד מוז זיין הונגעריג און פריהער ווי אלץ מוז דאס האבען קליידונג און נאהרונג. אין קראם איז נאר געווען שלעכטער בראנפען. נאר נישט ווייט פון דארטען איז געווען א טראקטיר פון מאטראזען, וואו מ'האט געקאנט בעקומען עטוואס מילך, א שטיקעל ביסקוויט, וואס דאס קינד האט גערן גענומען. אז דאס האט זיך שוין עטוואס דערקוויקט, האט עס אויפגעהערט צו וויינען און איז איינגעשלאפען.

דער צאל-וועכטער האט געמוזט זיין דיענסט ערפילען און האט נישט געקאנט בלייבען ביי דאס קליינע שלאפענדיגע מעדעל. דער מיטלייידיגער ארבייטער, וואס האט דאס קינד אין קראם געבראכט, האט אויך געהאט וואס צו טהון, ווייל ער איז געווען א ארעמער מענש און אז ער האט איין ארבייטס-טאג פערלארען, אזוי האט ער און זיין הויז-געזינד אויפ'ן צווייטען טאג נישט געהאט וואס צו'ם עסען. דאס הארץ האט איהם אבער נישט דערלאזט אזוי צו פערלאזען דאס שענע קליינע מעדעלע. האט ער איינגעוויקעלט דאס נאסע העמדעלע, עם פארזיכטיג פערבונדען אין זיין גרויסער, בלויער סיצען-טיכעל און ארייינגעשטעקט אין זיין גרויסער הויזען-קעשענע. דאס ארעמע נאקעטע ווערעמעל האט ער ווייטער איינגעהילט אין זיין מאנטעל און אין א וואלענער דעקע, וואס דער צאל-וועכטער האט איהם אנטליהען, און אזוי איז ער זיך מיט זיין טייערער משא אין די הוילע העמד-ארבעל געגאנגען א היים, האטש ער האט פערשטאנען, אז פאר א ארענטליכען ארבייטער און פאמיליען-פאטער איז דאס נישט זעהר פאסיג.

— ביז אהער האסטו מיר שטענדיג געשענקט קינדער,—

האט ער געזאגט צו זיין פרוי, ווען ער האט איהר דאס איינגעוויקעלטע קינד דערלאנגט, — איצט שענק איך דיר אמאל א קינד.

די פרוי האט די מתנה אנגעקוקט ערשטוינט און נישט מיט קיין שטארקער שמחה. זי האט געזאגט, אז זי האט גענוג איהרע איינענע פינף קינדער. נאר אז דער מאן האט איהר דערצעהלט, ווי אזוי ער האט דאס געפונען, האט איהר מוטער־הארץ מיטלייד בעקומען צו׳ם געפונענעם קינד און זי האט געזאגט: „וואו עס עסען פינף, וועט א זעקסטעס אויך קאנען עסען, מיר וועלען די קליינע האלטען ביי זיך, ביז מ׳וועט זי נישט צוריק פאדערן פון אונז".

און אזוי איז דאס קליינע מעדעל פערבליעבען אין דער פאמיליע פון האפען־ארבייטער, און דעם צווייטען זונטאג איז דער ארבייטער אוועק צו׳ם שטאנד־בעאמטען דאס איינצומעלדען. דער בעאמטער האט געקלערט, וואס פאר א נאמען זאל מען דעם אונבעקאנטען קינד געבען. א צפון־ווינד האט דאס שיף צו׳ם ברעג צוגעטריבען, איז עס וואהרשיינליך אנגעקומען פון צפון־זייט. נאר דאס האט אויך געקאנט שטאמען פון דרום־לאנד. האט ער עס דעריבער א נאמען געגעבען האלב גריעכיש, וואס איז א שפראך פון דרום־זייט, און האלב דעניש, וואס איז א שפראך פון צפון־זייט, מארגאריטא בעלגעבארן, דאס הייסט די פערל, דאס קינד פון די וועלען, און האט אנגעזאגט דעם נייען פאטער, ער זאל גוט אב־היטען דאס העמדעל מיט דער איינגעשטריקטער גאלדענער קרוינדעל, אין וואס מען האט דאס קינד געפונען, ווייל דורך דעם וועט מען אפשר אמאל קאנען ענטדעקען דעם קינדס משפחה.

אין יעגער שטורמדיגער נאכט זענען אונטערגעגאנגען זעהר פיעל שיפען, און מען איז קיינמאל נישט דערגאנגען, אין וועלכען פון זיי דאס קינד איז געפאהרען. ס׳האט זיך אויך קיינער נישט געמעלדעט נאכ׳ן קינד, און אזוי איז עס געבליעבען ביי׳ם האפען־ארבייטער און איז אויפגעוואקסען צוזאמען מיט זיינע קינדער.

ריטא — אזוי האט מען מארגאריטא׳ן בקיצור גערופען — האט זיך פרעכטיג ענטוויקעלט. אויבוואויל ס׳איז איהר דארטען נישט

גאַנץ גוט געגאַנגען . זעהר ביטער איז אָנגעקומען דעם מאַן זיך
און דאָס זײַניגע צו ערנעהרען . גאַנץ אָפט האָט מען געמוזט לע-
גען די ציײהן אויף די פּאָליצע . און אַז ס'איז נישט געוועזען גענוג
צו עסען פאַר אַלעמען , האָט ריטאַ געמוזט וואַרטען , ביז עמיץ
װעט פאַר איהר עפּעס איבערלאָזען , און פיעל מאָל האָט זי זיך
געמוזט בעגעהן מיט גאָרנישט . די נײַע מוטער איהרע איז אַפילו
נישט געוועזען קײן בעזע פרוי , נאָר די נויט האָט זי געמאַכט פאַר
אַ שלעכטע, און איהר אײגען פלײש און בלוט איז איהר נעהנטער
געוועזען , ווי דאָס געפונענע קינד , וואָס זי האָט צו זיך גענומען .
זי האָט איהר געשענקט אַ שטיקעל ווינקעל אין איהר אָרעמער
וואָהנונג , נאָר זי זאָל גאָרנישט קאָסטען , ווײַל אויף דעם האָט
נישט געקלעקט דעם פאָטערס פערדיענסט . זי איז געשלאָפען אין
אײן בעט צוזאַמען מיט די צוויי יונגסטע קינדערלעך, וואָס האָבען
געצויגען די שמאָלע קאָלדרע צו זיך און ריטאַ'ן געלאָזען האַלב
אָבגעדעקט, אַזוי אַז זי איז אין די ווינטערדיגע נעכט שיער נישט
פערפרוירען געוואָרען און זי האָט זיך דעריבער געמוזט צו די
נײַע שוועסטערלעך טוליען , כדי זיך נעבען זיי אַ ביסעלע אָנצו-
וואַרעמען . זי פלעגט זיך אָפט דרעהען פון אײן זײַט אויף די
אַנדערע , ווײַל נאָר אויף אַזאַ אופן האָט זי געקאָנט אַ מאָל
די רעכטע זײַט אַ מאָל די לינקע זײַט עטוואָס אָנוואַרעמען , נאָר
דאָס האָט איהר שכנ'טע אין בעט געשטערט צו'ם שלאָפען , און
זי האָט איהר געקניפּט און מיט די פיס געשטויסען , זי האָט
געמוזט פערשווײַגען, און האָט נאָר שטיל, שטיל פאַר זיך געוויינט,
ווײַל ס'איז דאָך פינסטער געוועזען און קײנער האָט זי נישט געזעהן .
בעקלײדט האָט מען זי אין די אָבגעטראָגענע זאַכען פון איהרע
נײַע שוועסטערלעך, וואָס יענע האָבען זיי שוין מעהר נישט גע-
קאָנט אָדער נישט געוואָלט טראָגען . און דעריבער האָט זי
מעהרסטענטײל געמוזט געהן באָרוועס און אין אַלטע, צעריסענע,
און נישט צוגעפּאַסטע קלײדער . נאָר חאָטש זי האָט אויסגעזעהן
ווי אַ סטראַשידלע , האָט דאָך יעדער , וועד ס'האָט זי נאָר געזעהן,
איהר אונגעוועהנליכע שענהייט בעמערקט . איהרע נאַקעטע פיסלעך
חאָטש זיי זענען געוועזען פערברענט פון דער זון און בעשמוצט מיט

בלאַטע פון דער גאַס, זענען דאָך געוועזן ווי דורך אַ סקולפּטאָר אויסגעשניצט, איהר געזיכט איז געוועזן ווייס און ראָזיג און ליעבליך, איהרע גרויסע בלויע אויגען האָבען געקוקט זאַנפט און טרוימעריש, און איהרע זיידענע לאָקען, חאָטש זי האָט זיך גאָר נישט געזאָרגט וועגען זיי, האָבען זיך געשפּיעלט אַרום איהר שען קעפּעל ווי ליכטיגע זונען-שטראַהלען. וואו זי איז נאָר געגאַנגען, פלעגען זיך די מענשען אויפ'ן גאַס אָבשטעלען און זי נאָכקוקען. זיי האָבען אַנדערש נישט געקלערט, נאָר אַז דאָס איז אַ זעהר רייכע מעדעל, וואָס האָט זיך אויס קאַפּריז פערשטעלט פאַר אַ בעטעל-קינד. דאָס האָבען איהרע שטיף-שוועסטער גאַנץ גוט בעמערקט און זיי האָבען איהר מקנא געוועזן פאַר איהר שענהייט און אויך פאַרוואָס מען האָט זי אומעדום בעמערקט, וואו זי האָט זיך נאָר בעוויזען. זיי האָבען איהר אַלץ מעהר און מעהר אָנגעבען צו פיהלען, אַז זי איז נאָר אַ געפונענעם קינד און אַז זיי האַלטען זי אויף צוליעב רחמנות. יעדע האָט זיך געפּלייסט איהר צו געבען וואָס מעהר בעפעהלען און געפאָדערט פון איהר, זי זאָל אַלץ ערפילען. יעדע האָט זיך געלאָזט פון איהר בעדיענען, ווי שטרענגע בעלי בתים פון אַ דיענסט. זי האָט געמוזט די שטוב קעהרען און איין מאָל אין דער וואָך וואַשען און פּראַטירען. זי האָט געמוזט יעדען פריה-מאָרגען פייער אין קיך מאַכען און יעדען אָווענד ביז שפּעט אין דער נאַכט פאַר די שטיף-עלטערן, פאַר די פיער שטיף-שוועסטער און אפילו פאַר'ן שטיף-ברודער די שיך פוצען. זי האָט געמוזט געהן אין אַלע שליחות'ען, און אַז ס'איז קיין געלד אין שטוב נישט געוועזן, האָט זי געמוזט געהן אין קראָם און די אַלע זידלערייען אויסהערען, ווייל זי האָט די חובות נישט בעצאָהלט, און בעטען, מ'זאָל איהר אַלץ ווייטער באָרגען. דערצו נאָך איז זי געוועזן אַזוי אָרעם געקליידט, אַז די שכנ'טעס פלעגען זיך אויף איהר דערבאַרמען און פערשיעדענע זאַכען שענקען. איינע אַ פּאָר שיך, די צווייטע אַ מאַנטעלע, די דריטע אַ לייבעלע, די פיערטע אַ טוך, וואָס איינע האָט געהאַט און געקאָנט אָבגעבען. זי האָט אויך הונגער געליטען און אַזוי ווי דאָס איז געוועזן קעגבטיג אָן איהר, פלעגט מען איהר אין די הייזער, אין די

קראמען און פערבארגענערהייד אין שולע אונטערשטעקען שטיקלעך ברויט און פיצלעך ווארשט, א עפעל אדער א שטיקעל האלענדישען קעז. ווײַל זי איז שטענדיג געזעען גלײַך ליעבליך און פרײַנדליך, האט קיינמאל נישט געשריען, זיך נישט געקריגט, קיינמאל קיין אונפאסיג אדער גראב ווארט גישט געזאגט, פלעגען איהרע שטיף-שוועסטער שטענדיג לאכען פון איהר און זי איבעררופען פרינצעסין. ווײַל זיי האבען אלע געוואוסט, אז זי איז אין א טײַער העמדעל מיט א אײַנגעשטריקטער גאלדענער קרוינדעל געפונען געווארען. זיי האבען אליין געזעהן דאס שענע העמדעלע, חאטש דער האפען-ארבייטער האט עס אין פיעל פאפיער אײַנגעוויקעלט און אין א שופלאד גוט פערשלאסען, און קיינמאל נישט געוואלט אויפמאכען, כדי עמיצען צו ווײַזען; און אז זיי פלעגען זיך פארשטעלען, אז ריטא איז אפשר אין אמת'ען א פירשטליך קינד, פלעגט עס זי שטארק פערדריסען, נאר גלײַכצײַטיג האט עס זיי אויך פערשאפט א בעזע פרייד, וואס א פרינצעסין מוז בעדיענען פראסטע ארבייטער-קינדער און פאר זיי די נידעריגסטע מלאכות טהון.

זײַט ריטא איז צו פערשטאנד געקומען האט זי אויך כסדר עקלערט וועגען איהר אבשטאמונג און סײַ אין חלום סײַ אויף דער וואהר האט זי געטראכט וועגען דאס געהיימניס פון דער געשטריקטער גאלדענער קרוין אין איהר העמדעל. זי האט געהאט א הייסען פערלאנג דאס טײַערע העמדעל צו זעהן און מיט די הענד צו בעריהרען, נאר זי האט עס נישט געוואגט צו בעטען, ווײַל אז זי האט דאס איינמאל געבעטען, האט איהר דער שטיף-פאטער שטרענג אבגעזאגט און גראב געזאגט: „שלאג דיר עס בעסער פון קאפ ארויס, עס וועט דיר נאר דײַן קאפ מיט נארישע פאנטאזיעס אנפילען".

זי איז ביסלעכווײַז דערגאנגען, וואו זי איז געפונען געווארען, און טייל מאל איז זי צו'ם ברעג געגאנגען, אויפ'ן זאמד זיך געזעצט און צו'ם ים ארויסגעקוקט, אויף יענעם ארט, וואו ס'איז דערטרונקען געווארען דאס שיף, וואס האט זי אהער געבראכט, און וואו עס רוהען פילײַכט איהרע עלטערן אויפ'ן גרונד

פון ים. א גרויסער שמערץ פלעגט זי דעמאלט אנחאפען און איהר טרעהרען אין די אויגען אנגעיאגט. איהר האט זיך געדוכט, אז זי מוז זיך אין די וועלען ווארפען און טיעף אראב צו איהרע עלטערן און לעבעדיג אדער טויט ביי זיי בלייבען און זיך מעהר נישט אומקעהרען צוריק צו איהר נויט און פלאג. קיין רייכטהום און גלאנץ האט זי נישט פערלאנגט, זי האט נאר געבענקט נאך ליעבע פון א מוטער. ווי וואונדערבאר שען דאס מוז זיין, צו ווערען ארומגענומען פון די ארעמס פון א מאמען, און מען קאן זי קושען און גלעטען, און מ'וויים, אז מען איז איהר אייגען מעדעל! דאס דאזיגע גליק האט זי נאך קיינמאל נישט געקענט און זי האט דעריבער מקנא געווען איהרע שטיף-שוועסטער, וואס אויסער דעם האבען זיי געהאט אין זיך אזוי וועניג וואס זיי מקנא צו זיין.

ווען זי איז אלט געווארען פיערצעהן יאהר האט זי שוין געמוזט אנהויבען צו פערדינען. צו'ם אנהויב האט מען איהר געהייסען נעהען יוטאווע זעק צו קאווע, נאר אין א פאר טעג ארום האט די אויפזעהערין אליין צו איהר געזאגט: „ריטא, די ארבייט איז פאר דיר צו גראב, דו קאנסט עפעס בעסערס שאפען, און נישט פערגענדיג אפילו ביי איהרע שטיף-עלטערן, האט זי זי אבגעגעבען צו א מאדיסטין אויף דער לעהרע, וואו ס'איז איהר זעהר געפעלען געווארען, ווייל זי האט דא געהאט צו טהון מיט שעגע פרויען-היט פון טייערען שטרויה אדער טיול, מיט סאמעט און זיידענס, מיט בענדער, בלומען און מיט פעדערן, וואס זי האט געוואוסט ווי צוזאמענצופאסען מיט א פיעל נאטירליכען געשמאק. פאר קונדען פלעגט מען די היט אנמעסטען אויף איהר, און וויל אלץ, וואס זי האט אנגעטהון, האט איהר שטענדיג פיין געקליידט, און דאס טייערסטע צו'ם בעסטען, דעריבער פלעגען די דאמען פון איהר קאפ אליין גערן אבקויפען. זי האט באלד בעקומען א גוטען לויהן, וואס זי פלעגט ביז איין גראשען איהר שטיף-מוטער א היים ברענגען, און דערפאר האט מען זי א ביסעל בעסער געהאלטען.

זי איז געווען פערשלאסען אין זיך און האט שטענדיג געזוכט די איינזאמקייט. איהרע שטיף-שוועסטער און די מעדלעך

פון איהר נישעפט האבען דאס געהאלטען פון איהר זייט פאר נאות און האבען זי דעריבער פיינד געהאט. נאר זיי האבען איהר א גרויסע עולה געטהון. זי איז געווען אין זיך פערשלאסען, ווייל זי האט שטענדיג נאר געקלערט וועגען דאס געשטריקטע גאלדענע קרוינדעל און וועגען דאס שיף, וואס איז דערטרונקען געווארען. זונטאג און יום-טוב פלעגט זי אדער בלייבען אין שטוב אין א ווינקעל און טרוימען, אדער זי פלעגט איינע אליין אוועקגעהן שפאצירען, אם מייסטען אויפ'ן ברעג ים, נאר טייל מאל אויך אין א קליין וועלדעל נעבען שטאדט. די מענשען האבען זיך נישט געקימערט וועגען איהר און זיך פרעהליך געמאכט אהן איהר, און דאס איז איהר גראד געפעלען.

איינמאל זונטאג, קורץ נאך פסח, איז זי זיך ווידער אוועקגעגאנגען אין וואלד, כדי זיך מיט'ן יונגען פריהלינג צו פרעהען. באלד ווי זי האט נאר דעם וועג פערלאזען און הינטער די בוימער געקומען, האט זי דערזעהן א קליינע וויעוויארקע, וואס האט זיך פרעהליך געשפיעלט אויף א שפיץ בוים, פון צווייג צו צווייג געטאנצט, מיט גלאנציגע אויגען אויף איהר געקוקט און זיך דאן געזעצט אויף א נאהנטען בוים. זי איז נאכגעגאנגען, כדי נאך אביסעל צו בעטראכטען איהרע שענע בעוועגונגען. דאס חיה'לע איז ווייטער געשפרונגען, ריטא איז אלץ נאכגעגאנגען, און נישט בעמערקענדיג דאס אליין איז זי פערקראכען נאך דער וויעוויארקעלע אין סאמע מיטען וואלד, אויף א ארט, וואו די בוימער זענען געשטאנען געדיכט און וואו זי איז נאך קיינמאל נישט געוועזען. מיט איין מאל האט זי שוין דאס וויעוויארקעלע מעהר נישט געזעהן און זי האט עס אומעדום געזוכט מיט איהר בליק און בשום אופן נישט געקאנט פערשטעהן, וואו דאס איז אהינגעקומען. און ווי זי האט אזוי מיט'ן קאפ אויף אלע זייטען געדרעהט, האט זי פלוצלונג ביי'ם פוס פון א גרויסען בוכען-בוים בעמערקט א הויהל, וואס איז געווען האלב פערוואקסען פון דער הויך מיט מעך און גרויסע בלעטער; זי איז פארזיכטיג נעהנטער צוגעגאנגען, כדי אינוועניג אריינצוקוקען. פלוצלונג האט זיך די פאלשע דעקע פון געוויקסען איבערגעריסען אונטער איהרע פיס און מיט א געשריי

איז זי איינוועניג אריינגעפאלען. זי האט די אויגען צוגעמאכט און געקלערט, אז איצט איז שוין נאך איהר. זי איז געפאלען זעהר טיעף, ביז ס'האט זיך איהר אויסגעדוכט, אז זי פליהט נעבען א ווארעמער ברוסט און אז צוויי ארעמס האבען זי אויפגעחאפט. זי האט די אויגען געעפענט, און וואס זי האט דערזעהן, האט זי אזוי איבערראשט, אז זי האט געמיינט, דאס איז אלץ א חלום.

זי איז געשטאנען אויף דער שוועל פון א גרויסען הויכען זאל, וואס איז געוועזען שענער פון אלץ, וואס זי האט א מאל געזעהן אדער פאר מעגליך געהאלטען. די ווענד זענען געוועזען מיט ווייסע זיידענע טאפעטען בעשלאגען, אהן א שיער קרוי-לייכטער האבען דעם רוים אנגעפילט מיט א ליכטיגקייט, וואס איז געוועזען העל ווי דער טאג און דאך מילד, און זי האט נישט געוואוסט, וואס פריהער צו בעוואונדערן: די ריזען-גרויסע געשליפענע שפיעגעל, די פערגאלדעטע שטוהלען מיט די ווייסע זיידענע געזעסען, די טישען מיט די מאזאאיק-פלאטען פון איינגעלעגטע טייערע שטיינער, אדער די פיעל מענשען אין די גאלד-גלאנצענדיגע אוניפארמען און טייערע קליידער, וואס האבען דעם זאל אנגעפילט. און זי האט גאר קיין צייט נישט געהאט די דאזיגע אלע שענע זאכען צו בעטראכטען. נעבען איהר איז געשטאנען א דאמע פון הויכען, שטאלצען געוואוקס מיט א וואונדער-שען געזיכט, אנגעטהון אין א ווייסער זיידענער קלייד, וואס איז געוועזען דורכגעשטריקט מיט זילבער, און א שלייער, וואס איז מיט א דיאדעם געוועזען בעפעסטיגט צו די גאלד-בלאנדע האר און איז איהר איבער'ן רוקען ביז צו'ם זוים פון קלייד אראבגעהאנגען

די דאזיגע דאמע האט ריטא'ן אין איהרע ארעמס אונטערגעחאפט, ווען זי איז אין אבגרונד געפאלען. זי האט טיעף פאר איהר דריי מאל די קניע געבויגען און זיך געבוקט, פערנייגט דעם קאפ, דאן האט זי זיך אויפגעשטעלט, זי פאר'ן האנד אנגענומען און אין זאל אריינגעפיהרט.

אין דער מינוט, ווי ריטא איז איבער דער שוועל אריבער, האט זיך דערהערט א פייערליכע מוזיק. א אפיציער, הויך ווי א ריעז, האט מיט א שלאנקער שטימע א קאמאנדעווע געטהון,

און גלייך זענען די העלעבארדען מיט א גרויסען געראויש אויף די שפיגעלדיגע פארלאגע אראבגעלאזט געווארען, און צווישען צוויי רייהען פון הויב-וויקסיגע גווארדיע-סאלדאטען אין פרעכטיגע אוניפארמען, וואס זענען געשטאנען ווי די מויערען, איז ריטא לאנגזאם דורכ'ן גאנצען זאל דורכגעגאנגען אין דער בעגלייטונג פון דער דאמע ביז צו א גאלדענעם טהראן אין הינטער-גרונד, וואס איז אונטער א פורפורנער חופה געשטאנען אויף א ביהנע, וואס איז געווען מיט גאלד-שטאף איבערגעצויגען. די וויים-געקליידעטע פרוי האט ריטא'ן מיט א האנד-בעוועגונג איינגעלאדען אויף די דריי שטאפלען פון דער ביהנע ארויפצוגעהן און אויפ'ן טהראן זיך צו זעצען. אז ריטא האט זיך געזעצט, איז די מוזיק שטיל געבליבען, די ווייסע פרוי האט פון א טישעל נעבען טהראן אראבגענומען א זיידען קלייד, געשטריקט מיט זילבער, און עס שנעל אנגעטהון ריטא'ן, דערנאך א בלויען סאמעטענעם מאנטעל, ארומגענעהט מיט הערמעלינ-פוטער, און איהר אויף די אקסלען ארומגעלעגט. און א קרוין פון גאלד און בריליאנטען, גרוים ווי טויבען-אייער, און עס איהר אויפ'ן קאפ אנגעטהון. דאן האט זי זיך פאר איהר ווידער טיעף געבוקט און געזאגט צו איהר מיט א שטימע, וואס האט געקלונגען ווי א זילבערנער גלעקעל: „הויכע הערריןנ, געבענשט איז דיין קומען אין דיין קעניגרייך״.

זי האט זיך אין א זייט געשטעלט און דאן זענען צוגעגאנגען מיט טיעפע פערנייגונגען דאמען אין רייכע קליידער מיט שלעפעס און מיט בלענדענדען לוקסוס און העררען אין ארום און ארום פערגאלדעטע אוניפארם-רעק מיט ארדענס און שטערען און שפיזען און האבען ריטא'ן בעגריסט. די דאמען האבען איהר די האנד געקושט, די העררען האבען מיט זייערע ליפען דעם זוים פון איהר הערמעלינ-מאנטעל בעריהרט, אוודאי הונדערט דאמען און אפשר מעהר האבען ריטא'ן אויף אזא אונטערטהעניגען אופן בעגריסט.

לאנג האט ריטא נישט געוואגט דאס מויל צו עפענען. ווען די בעגריסונג איז געווען געענדיגט האט זי זיך געווענדעט צו דער ווייסער פרוי, וואס איז נעבען איהר טהראן געשטאנען, און

זי שטמעוודיג געפרעגט: „וואו בין איך? וואס בעדייט דאס אלץ"?
„הייליגע הערדין". האט די געפרעגטע געענטפערט. „דו ביזט
אין דיין קעניגרייך און דיינע טרייע אונטערטהאנען זענען גליק-
ליך, וואס זיי קאנען דיר יעצט זייערע בעגריסונגען ברענגען".
„איך פערשטעה נישט", האט ריטא פערלעגען געזאגט.
„איהר האט געווים א טעות, איך בין א אָרעמע מאדיסטין".
„אבער ניין, הייליגע הערדין, האט די ווייסע פרוי געענט-
פערט; „פאר וואס מען האלט דיך אין דער פרעמדס דאס איז
אלץ איינס, דא ביזטו אונזער ערלויכטע יונגע קייזערין און אן-
אמת'ען ווייסטו דאס אליין איך גאנץ גוט און האסט עס שטענ-
דיג געוואוסט".
„איז אלזא דאס גאלדענע קרוינדעל אין מיין העמדעל —"
„א צייכען פון דיין גרעסטער ווירדע, הייליגע הערדין".
„ערקלערט מיר אבער — ווי בינדט זיך דאס אלץ צוזאמען —
ווער זענט איהר —"
די ווייסע פרוי האט אווינק געטהון, באלד זענען די
גווארדיע-סאלדאטען מיט רוישיגע שריט צוריק צו די ווענד פון
זאל אבגעטרעטען, די הויף-לייט האבען פאר'ן טהראָן א גרויסען
האלבען ענגל געבילדעט, די דאמען אין דער ערשטער רייהע,
די הערען הינטער זיי, און אין מיטען פון טיעפער שטילקייט האט
די ווייסע פרוי אנגעהויבען:
„הייליגע הערדין, איך בין די ווייסע פרוי, די בעדיענענדיגע
פעע פון דיין ערלויכטען געשלעכט, און איך בין מחויב צו היטען
די אלע, וואס שטאמען פון דיין עדעל געבליט. מיין נישט, אז
איך האב מיך פערזוימט צו ערפילען מיין פליכט צו דיר, נאר
שונאים, וואס זענען מעכטיגער פון מיר, האבען מיר געשטערט
די פליכט צו ערפילען, אזוי ווי איך האב געדארפט און געוואלט.
זיי ווייסען, אז דו ביזט די טאכטער פונ'ם קייזער און דער קייזערין
פון טהולע און דו ביזט זייער גלייכע יורש'טע. אט דא זענען די
פארטרעטען פון דיינע ערהאבענע עלטערן. זיי גריסען פון די
ראהמען ארויס זייער ליעב קינד".
די ווייסע פרוי האט מיט א אויסגעשטרעקטען פינגער אנגע-

חיזען אויף די וואנד הינטער'ן טהראן. ריטא האט זיך לעבהאפט אומגעדרעהט און דערזעהן רעכטס און לינקס פון פורפורנעם הימעל די לעבענס־גרויסע פארטרעטען פון א הערליך געקרוינטען מאן אין א קייזערליכען מאנטעל, און א פרוי, וואס האט אויסגעזעהן, ווי א הימליש וועזען. דערזעהענדיג זיי האט זי אנגעהויבען ביטערליך צו וויינען און די גאנצע הויפס־כוויתע האט מיט איהר געשלאכצט, די ווייסע פרוי האט איטערגעווארט, ביז זי האט זיך ווידער בעהערשט, און דאן האט זי ווייטער גערעדט:

„צעהן יאהר לאנג האט דיין פאטער געהערשט אין טהולע, רייך אין רוהם און אין כבוד, ווי זיין טאטע, זיין זיידע און דריי און דרייסיג עלטער־זיידעס זייט טויזענד יאהר. דאן האט פלוצלונג דער קעניג פון פאל איהם אהן א שום סבה א מלחמה ערקלערט און אריינגעריסען זיך מיט זיינע מחנות העסליכע קארליקעס אין טהולע. דער קעניג פון פאל איז א גרויסער כשוף־מאכער, וואס האט איבער די אייז־בערען און וואלפיש צו שאפען. ער קאן ווען ער וויל אזעלכע קעלטען מאכען, אז די לופט ווערט פערפרוירען, און פון צפון־שיין נעהמט ער בליצען ארוים און פערלענדט אל'דאס לעבענדיגע: אונזערע פאלקען האבען נישט געקאנט בייששטעהן געגען זיינע בליצען און אייז־בערען, אונזערע שיפען האבען זיך נישט געקאנט וועהרען געגען זיינע קעלטען און וואל־פיש. ער האט איינגענומען טהולע און דיינע עלטערן האבען קיין אנדער ברירה נישט געהאט, ווי צו אנטלויפען מיט דיר, הויכע הערצין, און מיט זייער גאנצער סוויטע אויף זייער לעצטעם שיף. נאר אויך אויפ'ן ים האט זיי דער בעזער כשוף־מאכער פון פאל פערפאלגט. ער האט מיט כישוף געמאכט א שרעקליכען שטורם, וואס האט זיי אהער־צו פערטריעבען, זייער שיף האט זיך אן ברעג אנגעקלאפט און איז אונטערגעגאנגען, די רושיגע וועלען האבען אלץ איינגעשלונגען און מיר איז פון דער העכערער מאכט ערלויבט געווארען נאר דיר, הויכע הערצין, צו רעטען. דאס איז די טרויעריגע געשיכטע פון דעם אונגליק, וואס האט געטראפען דיין ערלויכטען הויז".

די ווייסע פרוי איז אנטשוויגען געווארען און אויך ריטא איז

לאנג געבליעבען שטיל, ווייל זי איז געוועזען צו שטארק בעוועגט פון דעם אלעם, וואס זי האט געזעהן און געהערט. ערשט אין א צייט ארום האט זי זיך געפאסט אין געפרעגט: „און וואס וועט ווייטער זיין? צי ווילט איהר מיך נישט צוריק פיהרען אין מיין קעניגרייך טהולע״?

„אך״, האט די ווייסע פרוי געענטפערט, „דאס איז נישט מעגליך, פון דאנען ביז דיין קעניגרייך ליעגען דריי ים׳ען און פיער ווייטע לענדער מיט סאלדאטען ביז די גרענעצען אין פעס טונגען און פינף אייז=בערג און זעקס הייסע מדבריות און זיעבען רייסענדע שטראמען, און אפילו ווען מיר וועלען שוין בייקומען די אלע שטערונגען און אין טהולע אנקומען, וועלען מיר דארטען דעם קעניג פון פאל טרעפען, וואס וועט דיר פיעל שלעכטס טהון״.

„אזוי מוז איך אייביג דא בלייבען״? האט ריטא טרויעריג געפרעגט.

די ווייסע פרוי האט א זיפץ געטהון און די גאנצע הויפס=סוויטע האט אויך געזיפצט.

ריטא האט נישט געוואוסט, וויפיעל דער זייגער איז געוועזען, נאר זי האט שוין זעהר לאנג געמוזט זיין אין טהראן-זאל, ווייל זי האט אנגעהויבען הינגער צו שפירען. צום אנהויב האט זי זיך געשעמט עפעס צו בעטען, נאר אז אין מאגען האט איהר אלץ מעהר און מעהר גענאגט, האט זי א קלער געטהון: „איך בין דאך קייזערין אין כ׳האב רעכט צו בעפעהלען״, און זי האט געזאגט: „ליעבע פעע, צי קאן איך נישט דא עפעס בעקומען צום עסען? איך בין זעהר הונגעריג״.

„הויכע הערין״, האט די ווייסע פרוי טרויעריג געענטפערט, „מיר האבען דא גארנישט״.

„אפילו קיין שטיקעל ברויט נישט?״

„אפילו קיין שטיקעל ברויט נישט, דיין סוויטע און דיינע סאלדאטען בעדארפען נישט קיין שפייז, און דיין דיענענדיגע פעע אויך נישט״.

„אויב אזוי וואלט איך דאך געמוזט פון הונגער אויסגעהן,

װען איך זאָל דאָ בלײַבען".

די װײַסע פֿרױ האָט װי פֿערשעמט די אױגען אַראָבגעלאָזט און איז שטיל געבליבען.

„אױב אַזױ", האָט ריטאַ טרױעריג געזאָגט, „אַזױ מוז איך אײַך פֿערלאָזען".

און װײַל זי האָט קײן ענטפֿער נישט בעקומען, האָט זי זיך פֿון טהראָן אױפֿגעהױבען און לאַנגזאַם אַראָבגעגאַנגען פֿון די שטיגען פֿון דער ביהנע. װי זי האָט איהר פֿוס אױף די שפּיעגעל־דיגע שטײנערנע פּאָדלאָגע אַראָבגעשטעלט, האָבען אָנגעהױבען שאַלען טרומײטען־קולות און קאַמאַנדאָ־אױסגעשרײען, די גװאַרדיע האָט װידער מאַרשירט פֿון בײדע זײַטען װענד צו'ם מיטען זאַל צו, מיט געראױש אַראָבגעשטעלט זײערע העלעבאַרדען אױף דעם באָדען און געבילדעט אַ אונבעװעגליכע דאָפּעלטע שערענגע. די מוזיק האָט װידער געשפּילט דעם קײזערליכען מאַרש, די װײַסע פֿרױ האָט ריטאַ'ן אָנגענומען פֿאַר'ן האַנד, די הױף־מאַרשאַלען מיט די װײַסע שטאַבען האָבען געשפּרײזט פֿאָראױס, נאָך זײ די הױף־דאַמען מיט לאַנגע שלעפּעס און אַזױ האָט זיך די גאַנצע פּרעכטיגע פּראָצעסיע מיט געמאָסטענע טריט געלאָזט צו'ם אײַנגאַנג צו. דאָ זענען אַלע שטעהן געבליבען װי געלעהמט, די װײַסע פֿרױ האָט ריטאַ'ס האַנד אָבגעלאָזט און זיך דרײַ מאָל טיעף פֿאַר איהר געבוקט.

„נעהמט איהר אַלע פֿון מיר אָבשײד?" האָט ריטאַ טרױעריג געפֿרעגט.

„מיר מוזען", האָט די װײַסע פֿרױ געענטפֿערט.

„װי! װעט קײנער מיך נישט בעגלײטען? צי דען מוז איך אײנע אַלײן צו מײנע שטיף־עלטערן צוריקקעהרען?"

„מיר קאָנען, לײדער, נישט אַנדערש מאַכען", האָט די װײַסע פֿרױ בעטריבט געזאָגט.

ריטאַ האָט טיעף אָבגעזיפֿצט, אומגעאַרמט די װײַסע פֿרױ, װאָס האָט פֿיעל מאָל איהר קאָפּ געקושט, װעהרענד די הױף־הערען און הױף־דאַמען האָבען זיך אַרום און אַרום איהר אױף די קניע געשטעלט און דעם זױם פֿון איהר מאַנטעל מיט די ליפּען בעריהרט, און האָט געזאָגט: „אַזױ זײַט דאָ אַלע געזונד!" טרעה-

רען האבען איהר אנגעהויבען פון די איינגען צו רינען און זי האט גענומען ארויסגעהן דורכ'ן טהיר. וואס צוויי הויף-מארשאלען האבען פאר איהר געעפענט. דאן האט די ווייסע פרוי זאנפט געזאגט: „ענטשולדיג, הויכע הערין“, און האט איהר די בריליאנטענע קרוין פון קאפ אראבגענומען. ריטא איז ערשטוינט געבליבען שטעהן, דאן האט זי אויך אבגעשפיליעט די טייערע העקעלעך פון דעם בלויען סאמעטענעם קייזערליכען הערמעלינ מאנטעל און איהם פון איהרע אקסלען אראבגענומען.

„אפילו קיין איין צייכען פון מיין גרויסקייט לאזט איהר נישט איבער?“ האט ריטא אויסגערופען.

„אזא בעפעהל האבען מיר און מיר מוזען זיך פאלגען“, האט די ווייסע פרוי געענטפערט און איהר אויך דאס וואונדערבארע קלייד פון זילבער און ווייסען זיידענס אויסגעטהון, און ריטא איז ווידער געבליבען שטעהן אין דעם ארעמליכען וונטאגדיגען אנצוג פון א ארעמער מאדיסטין.

„די שענהייט איז אלזא פערביי“, האט ריטא געקלאגט, „איך בין שוין נישט מעהר קיין קייזערין, נאר דאס געפונענע קינד, מארגאריטא בעלגעבארן“.

„אבער ניין, הויכע הערין“, האט די ווייסע פרוי לעבהאפט צוגעגעבען. „א קייזערין ביזטו און א קייזערין בלייבסטו און קיינער קאן דיר דיין ערהאבענע ווערדע נישט צונעהמען. צווישען די מענשען פון דעם לאנד לעבסטו אפילו אונבעקאנט, נאר יעדעס מאל, ווען דיר וועט נאר איינפאלען צוריקצוקומען צו דיינע טרייע אונטערטהאנען, אזוי וועט דיר אבגעגעבען ווערען דער גאנצער כבוד, וואס דיר קומט, און דו וועסט זיך מיט דיינע אייגענע אויגען איבערצייגען, אז דו ביזט אונזער פערעהרטע און געליבטע הערשערין.“

ריטא איז נאך א וויילע געבליבען שטעהן אין דער טהיר, ס'איז איהר זעהר א שאד געוועזען דעם העל-בעלויכטענעם און פרעכטיגען זאל צו פערלאזען. נאר זי האט קיין אנדער ברירה נישט געהאט. אויב זי וויל נישט פון הונגער שטארבען, אזוי מוז זי דאך געהן. זי האט זיך דעריבער איהר גאנצען מוט צונויפגענומען און

איז איבער'ן שוועל אריבערגעטרעטען. אין דעם זעלבען אויגענבליק האט א אונגעזעהענע קראפט זי א חאפ געטהון ווי א שטורם און פייל פון בויגען זי שנעל ארויף־צו אויפגעהויבען. איין סעקונדע שפעטער איז זי שוין געשטאנען אונטער דעם אווענד־רויטען הימעל ביי'ם ראנד פון דער הויהל נעבען פוס פון גרויסען בוכען־בוים און דערזעהן די וויעוויארקע אויף איינעם פון די אונטערשטע צווייגען, און זי איז ווידער לוסטיג געשפרונגען פאר איהר פון בוים צו בוים און זי פון צווישען די געדיכטע בוימער ארויסגעפיהרט.

ס'איז שוין געווען גאר דונקעל, ווען זי איז א היים געקומען חאטש מען פלעגט זיך געוועהנליך איבער איהר נישט שטארק קימערן, דאך איז מען דאס מאל שוין געווען א ביסעל אונרוהיג וועגען איהר, און איהר שטיף־מוטער האט זי בעז געפרעגט, וואו זי האט זיך עס אזוי לאנג ארומגעשלייעט. ריטא האט זיך ענטשולדיגט פאר איהר נישט זיין אין דער היים מיט וויכטיגע ווערטער, זי האט געטראכט וועגען דעם, אז זי איז א קייזערין, און זי האט נישט ווילענדיג געמוזט לאכען פון דער ארעמער פרוי, וואס האט אין איהר אונוויסענהייט מיט איהר אזוי גראב גערעדט. זי האט זיך דערמאהנט אן איהר טהראנ־זאל, אן איהר הויפס־סוויטע, אן איהר גווארדיע, אן איהר בריליאנטענער קרוין, און ס'איז פאר איהר אינטערעסאנט געווען, זיך צו זעצען אין א שטוב פון א ארעמען ארבייטער צו א טיש אהן א טישטוך און עסען א ארעמליכען אווענד־ברויט פון אנגעווארעמטען זויערען קרויט מיט ארבעס, שווארצען ברויט און וואסער, און נאכ'ן עסען געהן שלאפען אויף א סיעניק, וואס זי האט שוין געהאט פאר זיך אליין, זינט זי האט אנגעהויבען פיעל צו פערדיענען.

אז דאס געהיימניס פון איהר געבורט און פון איהר גרויס־קייט איז פאר איהר ענטפלעקט געווארען, איז מיט איהר פארגעקומען א שינוי, וואס אפילו די ארומיגע מענשען, וואס זענען צו איהר אזוי נישט אויפמערקזאם געווען, האבען דאס אויך געמוזט בעמערקען. זי איז געווען נאך שטילער און פערשלאסענער ווי פריהער, נאר צו יעדען מענשען פריינדליך און ליעבליך, אז איהר נייע פאמיליע האט עס גאר קיינמאל צווישען זייער גלייבען

נישט געזעהן. איהר שטענדיגע ליעבליכקייט האט צו׳ם אנהויב
געערגערט די אונגעבילדעטע מענשען, ווייל זיי האבען עס גע-
האלטען פאר געמאכטע פאלשע חנ׳דעלעך און קאקעטעריע און
זיי האבען אויף ריטא׳ס פריינדליכע רעד געענטפערט שפאטיש
אדער גראב, נאר אזוי ווי ריטא האט אויף דעם אלעם קיין אכט
נישט געלעגט און איז געבליעבען מילד און ליעבליך ווי פריהער
האט עס די מענשען ביסלעך-ווייז אבהענדיג געמאכט און זיי
האבען אנגעהויבען אויף איהר קוקען מיט א מאדנעם שרעק.
אויך אין איהר מאדע-מאגאזין זענען די ארבייטארינס און די
קונדינס ערשטוינט געווען צו זעהן ריטא׳ס מאיעסטעטישע אויפ-
פיהרונג און אפט האבען די דאמען דער איינגענטימערין פון גע-
שעפט געזאגט האלב אין שפאס און האלב אין ערנסט, אז איהר
פראביער-מאמזעל האט עפעס אזוי פיעל קעניגליכעס אין זיך, אז
זיי האבען קיים דעם מוט, זיך פון איהר צו לאזען בעדיענען.

אין איהרע פרייע שטונדען איז ריטא נישט געגאנגען
צו׳ם ברעג-ים, וואו דער האפען-ארבייטער האט זי געפונען אלס
פיצעל קינד, נאר אין וואלד, צו׳ם אלטען בוכען-בוים. זי פלעגט
זיך זעצען ביי׳ם ראנד פון דער הויהל, וואס איז געווען בעוואק-
סען מיט מעך און בלעטער, פערמאכען די אויגען און זיך זאכט
ארא‌בלאזען אונטען. זי האט שוין איצט געוואוסט, אז צוויי וואַ-
רעמע ארעמס וועלען זי פארזיכטיג אונטערחאפען, יעדעס מאל
פלעגט ביי איהר ערשיינען אנהויבען שאלען דער פייערליכער
קייזערליכער מארש און די פרייד-אויסגעשרייען פון דער הויפס-
סוויטע, וואס האט זי מיט שמחה בעגריסט. אנגעטהון אין איהרע
פרעכטיגע מלבושים, מיט דער בריליאנטענער קרוין אויפ׳ן קאפ,
פלעגט זי אויף איהר טהראן א שעה אדער צוויי שעה אונטער-
זיצען צווישען איהרע אונטערטהאנען, און געהערט, ווי די ווייסע
פרוי האט איהר דערצעהלט טויזענדער זאכען, וואס זי האט
געגארט צו וויסען: צוערשט פון איהרע עלטערן, און בעזונדערס
פון איהר מוטער, וואס איז געווען א פרינצעסין פון שוואנ-לאנד,
דאן פון איהרע אור-עלטערן, פון איהר לאנד טהולע, איהר
פאלק, זיינע מנהגים און זיטען. הויפס-דאמען פלעגען איהר זינגען

אלטע ליעדער פון די גרויסע טהאטען פון איהר משפחה, זייער חכמה אין דער צייט פון שלום און זייערע גבורות אין דער מלחמה. געלעהרטע קאמערהערן האבען איהר דערצעהלט די געשיכטע פון טהולע, מ'האט איהר געוויזען פופען אין פאלקס-קליידונג און בילדער פון איהרע אור-עלטערנס פאלאצען, זייערע שלעסער, זייערע שטעדט, די שענסטע לאנדשאפטען פון איהר קעניגרייך, און אם ענדע האט זי שוין געוואוסט אלץ, וואס איז נוגע צו טהולע, און אזוי געננוי, ווי זי וואלט דארט שטענדיג געלעבט און קיין אנדער זאך נישט געקענט. איצט איז איהר שוין מעהר נישט שווער געווען צו פערלאזען איהר טהראן-זאל און זיך אומצוקעהרען צוריק אין שטאדט אלס ארעמע מאדיסטין. אין געדאנקען האט זי דאך שטענדיג געלעבט אין איהר קעניגרייך, זונטאג און אום יום-טוב פלעגט זי זיין די אנערקענטע קייזערין צווישען דער גאנצער פראכט פון איהר הויף, און דעריבער האט זי געדולדיג און שמייכלענדיג פערטראגען, וואס זי האט אין משך פון דער גאנצער וואך געמוזט לעבען אונבעמערקט צווישען פראסטע מענשען, ווי זי וואלט געווען פון זייער גלייכען.

נאר איהר פאמיליע, וואו זי האט זיך אויפגעהאלטען, האט ביסלעכווייז דאך בעמערקט מיט פערוואונדערונג, אז אלע זונטאג, גלייך נאך מיטאג, פערלאזט זי זיי און קומט א היים ערשט אין אווענד מיט א אבגלאנץ פון אינערליכער פרייד איף איהר געזיכט, ווי א מענש, וואס איז עטליכע שטונדען דורכאנאנד גליקליך געווען. איהרע שטיף-שוועסטער פלעגען זיך צוזאפנעהמען און זיך סוד'ען צווישען זיך און ארויסזאגען פערשידענע השערות, וואס זענען פאר ריטא'ן קיין כבוד נישט געווען. זיי האבען דורכאויס געוואלט דערגעהן דאס געהיימנים פון איהרע שפאציער-גענג, און איהר שטיף-ברודער האט זיך אונטערגענומען איהר אונבעמערקט נאכ-צושפיאנירען, ער איז איהר נאכגעגאנגען, א ביסעל ערווייטערט פון איהר, אין וואלד אריין, ביז דער הויהל נעבען פוס פון דעם אלטען בוכען-בוים. דאס וויעוויארקעלע, וואס איז פאר איהר געשפרונגען פון צווייג צו צווייג, האט ער נישט געזעהן, ווייל ער האט כסדר נאר איף ריטא'ן געקוקט. פלוצלונג איז זי פער-

שוואונדען געווארען פון זיינע בליקען און אז ער איז פערוואונ-דערט צוגעקומען צו יענעם ארט, וואו ער האט זי פערלארען, האט ער ענטדעקט די הויהל אונטער מעך און בלעטער, ס'איז ביי איהם קיין ספק נישט געווען, אז זי האט זיך א־אבגעגליטשט אין דער לאך, נאר ער האט צו'ם אנהויב געהאלטען, אז ס'לוינט נישט זיך אהין אראבצולאזען נאך איהר. האט ער זיך געזעצט אין מעך און געווארט, נאר אז ס'איז אריבער א שעה, צוויי שעה און קיין זאך האט זיך נישט פאסירט, איז איהם לאנגווייליג געווארען, און ער האט זיך געמאכט א הארץ אין אנגעהויבען אראב צוקלעטערן אונטען אין דער לאך. נאר די ווענד זענען געווען זעהר משופע'דיג, די גראז־און מעך־ווארצלען, אן וועלכע ער האט זיך אנגעהאלטען, האבען זיך אבגעריסען און אין מיטען א האגעל פון שטיקער ערד און קוילערענדע שטיינער איז ער מיט א רעש אין די טיעפעניש געפאלען.

שמוציג, מיט בלויע סיניאקעס און בייזען איבער'ן גאנ-צען לייב און אין צעריסענע מלבושים, איז ער געפלויגען געגען דער טהיר צו, וואס האט זיך פון שטארקען שטויס אויפגע-פראהלט, און זיך אין מיטען פון טהראן־זאל אריינגעקוילערט. דער אפיציער פון דער לייב־גווארדיע איז צוגעלאפען צו איהם און בעפויהלען זיינע סאלדאטען ארעסטירען דעם גנב, נאר ריטא, וואס האט דעם בחור דערקענט, האט הויך אויסגעשריען: „שטעה"! דער הויף־מארשאל האט ערקלערט, אז ער מוז מיט'ן לעבען בעצאהלען, נאר ריטא האט געענטפערט: „קיין האר פו קאפ זאל איהם נישט פערקרימט ווערען! פאלגט אייער קייזערין!" און צו'ם שטיף־ברודער, וואס האט זיך שוין געהאט אויפגע-טרייסעלט, און זיך איצט געריבען די צעבייל‌טע גליעדער און מיט א שרעקעדיגען געזיכטס־אויסדרוק אויף אלע זייטען גע-קוקט, האט זי געזאגט: „ס'איז זעהר נידריג געווען פון דיר מיר נאכצושפיאנירען, דאס מאל בין איך דיר מוחל, נאר א צווייטען מאל זאלסטו זיך נישט דערוועגען דאס צו טהון, מיין גווארדיע וועט עס דיר גלאטיג נישט דורכלאזען". זי האט א וואונק געטהון צו דער ווייסער פרוי, וואס האט דעם גווארדיע־אפיציער

אַ בעפעהל אַרויסגעגעבען, די גוואַרדיסטען האָבען אַ נעהם געטהון דעם בחור, אַרויסגעוואָרפען פון טהראָג־זאַל און ליגען געלאָזט פאַר'ן טהיר. דאַן האָט ער מיט אַלע כחות אָנגעהויבען אַרויפצוקלעטערן אין דער הויך, נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט אָנהאַלטען אָן די גלייך אַראָב הענגענדע וואַנד מיט די הענד אָדער די פים און ער איז יעדעס מאָל צוריק געפאַלען אונטען. אַם ענדע האָט זיך די ווייסע פרוי אויף איהם דערבאַרמט, און ווען ער האָט ווידער געפרובט אַרויפקלעטערן, האָט זי געטאַכט איהר שטורם־ווינד, וואָס האָט איהם אין דער הויך אין דער פריי־הייט אַרויפגעטראָגען.

דער בחור האָט זיך קרעכצענדיג פון דאָרטען אַוועקגעשלעפט, זיך עטליכע מאָל פערבלאָנדזשעט אין וואַלד, און ערשט, ווען ס'איז דונקעל געוואָרען, איז ער אַרויף אויפ'ן ריכטיגען וועג אין שטאָדט אַריין. אַז ער איז געקומען, איז שוין ריטאַ פון לאַנג געוועזען. זי האָט וועגען זיין געשעהעניש גאָרנישט געהערט און ס'איז איהר אַ ביסעל אינטערעסאַנט געוועזען צו וויסען, ווי ער וועט דאָס זיין פאַמיליע דערצעהלען. אַז ער האָט זי דערזעהן, האָט ער זיך נאָר פערקרימט און איז געבליעבען שטיל. אפשר האָט ער אין איהר געגענוואַרט נישט געוואָלט אויסגעבען, וואָס ער האָט געזעהן? נאָר זיין מוטער האָט בעמערקט זיינע צעריסענע און מיט ערד בעשמוצטע קליידער און די בלוטיגע שראַמען אויף זיינע הענד און פערברעכענדיג די הענד, האָט זי אויסגערופען: „זוהן! ווי זעהסטו אויס! וואָס איז מיט דיר געשעהן? ביזטו ביי אַ געשלעג געוועזען?".

„ניין", האָט דער בחור בעז געענטפערט, „דערין איז שולדיג נאָר אונזער ליעבע ריטאַ און איהר מאָדנער געשמאַק. איך האָב נאָר איינמאָל געוואָלט אַ קוק טהון, וואוהין זי לויפט עס שטענדיג. איצט ווייס איך עס, זי געהט אין וואַלד און שפּרינגט אין אַ טיעפע לאָך. דאָס פיהרט אין אַ גרויסע הויהל אַריין. איך בין איהר נאָכגעשפּרונגען, נאָר זי איז, ווייזט אויס, פלינקער פון מיר. איך האָב שלעכט אָבגעשניטען. איך האָב מיר שיער נישט די ביינער צעבראָכען. אין דער הויהל מוז מסתמא צוקו־

מען עטוואָס ליכט דורך אַ שפּאַלט פון דער הויף. נאָר דאָך איז דאָרט דונקעל, קאַלט און פייכט. דאָרטען גייט עס ריטאַ אַרום אַהין און צוריק און רעדט הויך צו זיך אַליין. מיר דוכט, אַז דאָס שפּיעלט זי זיך אַ קאָמ[illegible], אַז זי איז אַ פּרינצעסין, אָדער אפשר גאָר אַ קייזערין, און זי וויל נישט מענשען זאָלען הערען, ווייל מען וועט פון איהר לאַכען. זיי רוהיג, ריטאַ, איך וועל דיר שוין מעהר נישט שטערן אין דיינע נאַרישע משוגעת'ן".

„וועט טאַקי גלייכער זיין", האָט ריטאַ ווייך און שמייכלענדיג ווי שטענדיג געענטפערט. איהר שטיף־ברודער האָט הייסט עס גאָרנישט געזעהן, נישט דעם פרעכטיגען זאַל, נישט די הויפּס־סוויטע, נישט איהרע קייזערליכע מלבושים און נישט איהר טהראָן. דאָס האָט איהר אפילו געוואונדערט, נאָר זי איז צופריעדען געוועזן. ס'איז טאַקי גלייכער, זי זאָל בלייבען נישט דערקענט, ווייל זי מוז דאָך איהר לעבענס־מיטעל אַלס אָרעמע מאַדיסטין פערדיענען.

אַז זי האָט נישט געהערט האָט דער שטיף־ברודער אַלעמען דערצעהלט, אַז ריטאַ מוז זיין אַ ביסעל משוגע, ווייל ער האָט אין דער לאָך אין דער ערד גאַנץ דייטליך געהערט, ווי זי זאָגט, אַז זי איז אַ קייזערין, האָט אַ גוואַרדיע און נאָך אַזעלכע נאַרישע זאַכען. די שטיף־מוטער האָט געזאָגט, אַז דאָס נעהמט זיך פון דער גאָלדענער קרוינדעל אין איהר קינדערשער העמדעל, נאָר ווייל איהר משוגעת האָט זיך נישט אויסגעוויזען געפעהרליך צו זיין, האָבען אַלע געקלערט, אַז עס וועט גאָר נישט אויסמאַכען. אַז מען וועט זיך איהר אויך ווייטער לאָזען האַלטען ביי איהר משוגעת און זיך מאַכען נישט זעהענדיג איהרע נסים ונפלאות.

אַזוי האָט ריטאַ געלעבט עטליכע יאָהר דורכאַנאַנד, אַ גאַנצע וואָך אַ אָרעמע אַרבייטאָרין און זונטאָג אַ גרויסע קייזערין, און ס'האָט איהר גאָר נישט געאַהרט, וואָס נאָר זי אַליין ווייס איהר געהיימנים. זי איז שוין אַלט געוואָרען איין און צוואַנציג יאָהר, און דאַן האָט זיך איינמאָל פּאַסירט, אַז אַ שענער יונגערמאַן, וואָס זי פלעגט אָפט טרעפען אויפ'ן וועג פון איהר וואָהנונג אין מאָדעמאַגאַזין, חאָטש זי האָט אויף איהם גאָר קיין אַכט נישט גע־

לעגט, איז אויף דער גאס צו איהר צוגעגאנגען, דעם הוט אראפּגענומען און געזאגט צו איהר: „פרײלין, אויב איהר װאלט מיר ערלויבט, װאלט איך מיט אײך געװאלט א פּאר װערטער רעדען."

ריטא איז רויט געװארען. זי האט געענטפערט שטרענגער, װי זי איז שטענדיג געװעהנט געװען צו ענטפערן: „איך קען אײך נישט. לאזט מיך צו רוה!" און איז זיך איהר װעג געגאנגען. דער יונגערמאן איז שטעהן געבליבען און טרויעריג איהר נאכגעקוקט. דעם גאנצען פארמיטאג האט זי שוין װעגען איהם געקלערט, און חאטש ס'האט איהר פערדראסען, װאס ער האט אנגעהויבען אויפ'ן גאס צו איהר צו רעדען, דאך האט זי גערן געװאלט װיסען, װאס ער האט איהר צו זאגען. אז זי איז אויף מיטאג א הײם געקומען, האט זי איבערראשט דערזעהן דעם יונגענמאן זיצען אין איהר װאהנונג נעבען דער שטיף-מוטער. זי איז שטעהן געבליבען אויף דער שװעל, אין ספק, נאר דעם ארבײטערס פ־וי האט זי צוגערופען, װעהרענד דער יונגערמאן האט זיך העפליך פאר איהר פון זײן שטוהל אויפגעהויבען: „נו, קום נאר ארײן, דער הערר װעט דיך נישט אויפפרעסען. ער מײנט עס גאנץ ערהליך."

איצט האט דער יונגערמאן אנגעהויבען רעדען. „פרײלין," האט ער געזאגט, „איך קען אײך שוין פון פיעל מאנאטען אן. איך בין אײך טאג-טעגליך נאכגעגאנגען, נאר איהר האט עס נישט בעמערקט. איך האב מיך געװאונט אײך אויפ'ן מיטען גאס אבצושטעלען, װײל איך האב גערעכענט, אז דאס איז דאס אײנפאכסטע. נאר איהר האט גאנץ רעכט געהאט, װאס איהר האט מיך אבגעטריבען, װײל ס'איז געװען נישט פאסיג. איך האב גלײך געדארפט צו טהון, װאס איז מיר ערשט נאכדעם אײנגעפאלען: איך מײן, כ'האב מיך בעדארפט פאר אײערע עלטערן פארשטעלען."

„נאר װאס פערלאנגט איהר?" האט ריטא פערלעגען געפרעגט.

„פרײלין ריטא," האט דער יונגערמאן געענטפערט, „איך ליעב אײך און װאלט װעלען מיט אײך חתונה האבען. װילט איהר מיר אײער האנד געבען?"

ריטאַ'ן האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבען שטאַרקער צו קלאַפּען און זי האָט פֿערשעמט די אויגען אַראָבגעלאָזט. „דאָס געהט נישט אַזוי שנעל, האָט זי געזאָגט, איך קאָן דאָך אײַך גאָר נישט —"

„שפּאָר דיך נישט, האָט די מוטער איהר איבערגעהאַקט, דער הערר איז אַ פֿײַנער מאַן און אַ דיכטער".

„איהר זענט אַ דיכטער?" האָט ריטאַ איצט נײַגיעריג געפֿרעגט.

„ווענינסטענס רעכען איך אַזוי", האָט דער יונגערמאַן בעשײדען געענטפֿערט. „איך שרײַב לידער און לאָז זיי דרוקען און מענשען קויפֿען זיי גערן, און זיי פֿערזיכערען מיר, אַז דאָס לעבען ווערט זיי לײַכטער און די וועלט ווײַזט זיי אויס שענער צו זײַן, ווען זיי לײַענען זיי".

אַזוי ווי ריטאַ האָט זיך פֿערטראַכט און האָט גאָרנישט געענטפֿערט, האָט ער ווײַטער גערעדט, וועהרענד ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע פֿון זײַן אויבערמאַנטעל אַ ביכעלע און איהר איבערגעגעבען: „איך בעט אײַך, פֿרײַלין, נעהמט אָן אָט דאָס קלײנע ביכעל פֿון מיר. דאָס זענען מײַנע לידער. זאָלען זיי זיך בײַ נ'אײַך משתדל זײַן פֿאַר מיר, און ערלויבט מיר, איך זאָל מאָרגען, נאָך אײַער ענטפֿער, קומען".

אַז ער איז מיט אַ העפֿליכען גרוס אַוועקגעגאַנגען, האָט די שטיף-מוטער ריטאַ'ן צוגערעדט, זי זאָל נעהמען דעם דאָזיגען שענעם און אָרענטליכען יונגענמאַן, דאָס איז אַ גליק פֿאַר איהר און קײן בעסערן וועט זי דאָך קײנמאָל נישט טרעפֿען. זי האָט געענטפֿערט, אַז אין אַזאַ וויכטיגער זאַך מוז מען זיך גוט מיישב זײַן. דאַן האָט זי זיך אין אַ ווינקעל געזעצט און אָנגעהויבען די לידער צו לײַענען. זיי האָבען געזונגען פֿון פֿריהלינג און ווינטער, פֿון בליהענדע בלומען און זינגענדיגע נאַכטיגאַלען, פֿון מענשען, וואָס האָבען זיך אײנער דעם אַנדערען ליעב און בלײַבען זיך אין צרות און אין פֿרײדען געטרײַ, פֿון אַלדעם גרויסען און שענעם, וואָס שטעלט פֿאַר דאָס גליק פֿון גוטע מענשען. און אַז זי האָט זיי געלעזען, האָט זיך איהר אויסגעדוכט, זי הערט די אַלטע לידער פֿון איהרע הויף-זינגערינס און די קלוגע ווערטער

פון דער ווייסער פרוי, און איהרע אויגען זענען נאם געוואָרען, א
זי האָט שוין דייטליך נישט געקאָנט די אותיות זעהן.

דעם גאנצען נאָכמיטאָג האָט זי אַלץ געקלערט וועגען דעם
דיכטער און ביי נאכט האָט זי נישט געקאָנט איינשלאָפען, און
אַז ער איז דעם צווייטען טאָג געקומען איהר ענטפער הערען,
זענען אַלע פון שטוב אַרויסגעגאַנגען, כדי זיי ביידע אַליין צו
לאָזען, און ריטא האָט געזאָגט: „איך האָב אייערע לידער גע-
לייענט און זיי זענען מיר זעהר געפעלען געוואָרען, איהר זענט
ווירקליך א דיכטער, נאָר צי ווייסט איהר אויך, ווער איך בין?"

„איהר זענט די ליעבליכסטע, שענסטע מעדעל, וואָס מיינע
אויגען האָבען נאָר א מאָל געזעהן", האָט ער איניג געענטפערט,
און אויב איהר וועט מיין פרוי ווערען, אַזוי וועל איך דער גליק-
ליכסטער מענש אויף דער ערד זיין און כ'וועל קיינמאָל נישט
אויפהערען פון מיין גליק אין לידער צו זינגען און צו זאָגען".

„איך בין א געפונענעם קינד און מען ווייס נישט, ווער
מיינע עלטערן זענען געוועזען".

„אייערע עלטערן זענען געוועזען, וואָס זיי זענען געוועזען,
און איהר זענט, וואָס איהר זענט".

„איך בין אַן אָרעמע ארבייטאָרין און קאָן אייך גאָרנישט
געבען, אויסער וואָס איך טראָג אויף זיך".

„איהר זענט אַליין א אוצר, וואָס קיין גאָלד אויף דער
וועלט קאָן איהם נישט איבערוועגען. מיר וועלען ארבייטען און
קיין זאך וועט אונז נישט פעהלען".

„לאָזט מיר נאָך א ביסעל צייט זיך צו בעקלערען", האָט
זי ווייך געזאָגט. „אזא גרויסען בעשלוס קאָן מען דאָך נישט
אָננעהמען אויף איין פוס".

„דאָס איז אמת", האָט דער דיכטער געענטפערט; „נאָר צי
וועל איך אייך דערווייל וועניגסטענס קאָנען אַלע טאָג זעהן?"

„איהר קאָנט", האָט ריטא געענטפערט. דאַן האָט ער
איהר א קוש געטהון די האַנד און איהר דערלאַנגט א בלאַט מיט
נייע לידער, וואָס ער האָט זייט נעכטיגען טאָג פאַר איהר
געשריבען און וואָס זענען געוועזען שענער ווי אַלע פריהעריגע.

אין ריטאַ'ס הארצען האָבען געקעמפפט ווידערשפּרעכענדע געפיהלען. דער דיכטער איז איהר זעהר געפעלען און ס'האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַ שענער שיקזאַל, זיין פרוי צו ווערען. נאָר זי האָט גערעכענט, אַז זי טאָר איהם נישט צוזאָגען, כל זמן זי וועט זיך נישט בעראַטען מיט דער ווייסער פרוי, איהר איינציגער פריינדין אויף דער וועלט, און ביז זי וועט איהם איהר געהיימנים ענטדעקען. זי איז געווען אַזוי אונגעדולדיג, אַז זי האָט נישט געקאָנט זיך דערוואַרטען ביז זונטאָג, און איז אַוועקגעגאַנגען אין איהר וואַלד אַריין, נישט בעטענדיג אפילו אַ פריהער אַ ערלויבניש אין איהר וואַרשטאַט אַוועקצוגעהן נאָך מיטאָג. זי האָט זיך אַזוי געאיילט, אַז זי האָט זיך אויפ'ן וועג אפילו קיין איין מאָל נישט אומגעקוקט. דעריבער האָט זי נישט בעמערקט, ווי דער דיכטער, וואָס איז שוין אַזוי פון פיעל מאָנאַטען געוועהנט געווען, האָט זיך נאָך מיטאָג געפונען נישט ווייט פון איהר וואָהנונג, כדי אַ ביסעל ערווייטערט פון איהר נאָכצוגעהן איהר ביז'ן וואַרשטאַט און אויפ'ן גאַנצען וועג אָנקוקען פון איהר שענער געשטאַלט. ער האָט ערשטוינט דערזעהן, אַז זי לאָזט זיך געהן נישט צו'ם מאָרע-מאַגאַזין צו, און אַז זי געהט איצט פיעל שנעלער ווי שטענדיג, און דעריבער איז ער איהר האַסטיג נאָכגעגאַנגען, כדי זיך צו דערוויסען, וואָס דאָ איז. אַזוי איז ער איהר נאָכגעגאַנגען ביז'ן וואַלד, דאַן ביז'ן אַלטען בוכען-בוים אין דער הויהל, וואָס איז געווען האַלב בעוואַקסען מיט מעך און בלעטער, און וואו זי איז פון זיינע אויגען פערשוואונדען געוואָרען. ווען ער האָט זי דערזעהן זיך אַראָבלאָזען אין דער טיעפעניש, האָט ער קיין אַנדער זאַך נישט געקלערט, נאָר אַז מיט איהר איז אַן'אונגליק געשעהן; ער האָט אַ געשריי געטהון פאַר שרעק, צוגעלאָפען אַהינצו און גלייך אַריינגעשפּרונגען אין די טיעפעניש. אונטען איז ער געפאַלען אויף די פיס, נאָר זיך נישט דעם מינדעסטען קלאַפּ געטהון. ער האָט אין דער האַלב-דונקעלהייט דערזעהן פאַר זיך אַ הויכע פערגאָלדעטע פליגעל-טהיר און דערהערט פון אינווייניג אַ וואַסער-געראויש און פייערליכע מוזיק. ער האָט ענטשלאָסען די טהיר אויפגעמאַכט

און זיך געפונען אין טהראָנ-זאַל אין מיטען פון דער הויפּס-סוויטע אין יענעם אויגענבליק, ווי ריטאַ האָט זיך אויף איהר טהראָן אַניעדערגעזעצט און די ווייסע פרוי איז געווען בעשעפטיגט, זי אַלס קעניגין איבערצוקליידען און צו קרוינען. ווי ער האָט דאָס דערזעהן, איז ער דורך די שורות פון די גווארדיסטען צו די שטאַפּלען פון טהראָן צוגעלאָפען, אַניעדערגעקניעט און מיט זיין שטערן די פאָרלאַגע בעריהרט.

ריטאַ האָט נישט געקאָנט דערשטיקען אין זיך אַ שטילען אויסגעשריי פון איבעררראשונג, ווען זי האָט דעם דיכטער דער־זעהן. אויך דאָס מאָל האָבען זיך די גווארדיסטען אויף איהם אַ לאָז געטהון, כדי איהם צו חאַפּען, נאָר ריטאַ האָט אַ וואונק גע־טהון און זיי בעפויהלען איהם אַבצולאָזען. זי איז אַראָבגעשטיגען פון די שטאַפּלען פון איהר טהראָן און דעם דיכטער אויפגעהויי־בען. ער האָט זיך נישט געוואַגט אויף איהר אַ קוק צו טהון, און ער האָט נאָר געמורמעלט. „איך האָב עס שטענדיג געפיהלט. איהר זענט אַ קעניגין, ענטשולדיגט מיר גנעדיג פאַר מיין ניע־דערטרעכטיגקייט און וואָס איך האָב געהאַט די העזה אייך צו ליעבען“.

„זעהט איהר, הייסט עס, יאָ אַלזאָ מיין טהראָן און מיין קרוין, מיין טהראָנ-זאַל און מיין הויפּס-סוויטע“? האָט ריטאַ געפרעגט.

ערשט האָט זי דער דיכטער ערשטוינט אַנגעקוקט און גע־ענטפערט: „ווי זאָל איך דאָס נישט זעהן? אמת, די הערליכ־קייט פערבלענדעט מיך, אָבער זי מאַכט מיך דאָך נישט אינ־גאַנצען בלינד“.

ריטאַ האָט זיך געווענדעט צו דער ווייסער פרוי און גע־זאָגט צו איהר: „ער איז אַ דיכטער און וויל מיט מיר חתונה האָבען, וואָס ראַטסטו מיר“.

„הויבע הערריך“, האָט די טרייע פעע געענטפערט. „ער איז פון גוטען סאָרט, ער האָט די אַריסטאָקראַטישע אויגען, וואָס קאָנען זעהן דאָס פערבאָרגענע, ער איז אַ יחסן, וויל ער איז אַ דיכטער. אויב דו האָסט איהם אויך אַזוי ליעב ווי ער דיך,

אזוי האב מיט איהם חתונה”.

ריטא איז זעהר רויט געווארען און די אויגען אראבגעלאזט. דאן האט די ווייסע פרוי איהר האנד איינגענומען און אריינגעלעגט אין דיכטערס האנד, די הויפס-סוויטע האט דונערענדיג מזל-טוב אויסגעשריען, די מוזיק האט אנגעהויבען שפיעלען א יובעל-מארש און די פארטרעטען פון קייזער און דער קייזערין פון טהולע פון ביידע זייטען פון טהראן האבען אנגעהויבען וואונדערבאר צו לייכטען. דער הויפס-מארשאל האט זיך פאר’ן דיכטער איף איין קניע געשטעלט און געזאגט: „האהייט, דורך די תנאים מיט אונזער ערהאבענער קייזער-ליכער הערדין ווערט איהר א פרינץ און אייך קומט דער גרעסטער כבוד”. ער האט א פאוש א שטילען בעפעהל ארויסגעגעבען און באלד זענען ערשיענען עטליכע הויפס-לאקייען מיט א פירפור-סאמעטענער קישעל, וואס איף איהר זענען געלעגען א גאלד-געשטריקטער אוניפארם, א ארדען-באנד, א שווערד און גאלדענע שפארען, און דאס אלץ אוועקגעלעגט פאר’ן טהראן איף דער ערד. ריטא האט שמייכלענדיג געפרעגט: „ווילט איהר דאס אנטהון?”

„איך וואג דאס נישט — דער כבוד איז צו גרויס — נישט היינט —” האט דער דיכטער פערלעגען געענטפערט, נאר דאן האט ער שטיל צוגעגעבען: „הויכע הערדין — געליעבטע ריטא — אזוי ווי איהר ווילט דאך מיך בעגליקען מיט’ן גרעסטען גליק — אזוי ווי איך בין דאך אייער חתן — דעריבער וואג איך א ביטע —”

„וואס פאר א ביטע”? האט ריטא ליעבליך געפרעגט.

„שיקט אוועק די הויפס-סוויטע — זאלען זיי אונז לאזען איין אויגענבליק אליין זיין — כדי איך זאל אייך קאנען אלס מיין כלה דעם ערשטען מאל אומארמען”.

„פאר א קייזערין איז נישטא קיין איינזאמקייט”, האט ריטא געזאגט; „לאמיר געהן”.

זי האט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאנגען געארעמט מיט’ן חתן צו דער טהיר. ווערענד מען האט זיי ביידען אבגעגעבען דעם געוועהנליכען כבוד, דאן האט זי אין די הענד פון דער

ווייסער פרוי איהרע קייזערליכע מלבושים און פיין געלאזען און איין ווילע שפעטער איז ער שוין געשטאנען מיט'ן דיכטער ביי'ם אריינגאנג פון דער הויהל. דא איז זי אונטער דעם געדויש פון אלטע בוכען-בוים פאר דער טרייער וויעוויארקעלע אויף זיין ברוסט געפאלען און זיי האבען זיך ביידע דעם ערשטען קוש געגעבען.

ער איז געוועזען פון אלעם, וואס ער האט דא געזעהן און ערלעבט, ווי בעטריבט, ער האט זיך אבער נישט ערלויבט זיין כלה וועגען דעם אויסצופרעגען. ריטא האט פערשטאנען, וואס אין איהם איז פארגעקומען און געהענדיג א היים האט זי איהם אלץ דערצעהלט, זי האט איהם נאר געבעטען, קיינעם נישט אויסצוזאגען, ווייל אויב ער וועט דאס פאר אנדערע דערצעהלען, וועט מען נאר לאכען פון זיי.

די תנאים זענען געפייערט געווארען ביי איהרע שטיף-עלטערן און באלד דערנאך איז געוועזען די חתונה מיט א דאפעלטען יום-טוב אין דער געהיימער מלוכה און ביי די געוועהנליכע מענשען. ריטא האט פערלאזט איהר ווארשטאט און האט זיך אליין אויפגעמאכט א מאדע-מאגאזין, און דער דיכטער האט אין זיין גליק די שענסטע ליעדער געשריבען און איז בעריהמט געווארען. אין ערשטען יאהר נאך זייער חתונה זענען זיי אפט געגאנגען אין וואלד אריין אין טהראן-זאל און דער יונגער מאן האט פיעל פרייד געהאט צו זיצען אין זיינע טייערע מלבושים אלס פרינץ אויף דעם גאלדענעם טהראן נעבען זיין קייזערליכער פרוי, נאר אין א יאהר ארום האט דער באטשאן זיי א קליין קינד געבראכט און ריטא האט עטליכע וואכען דורכאנאנד נישט געקאנט ארויסגעהן, און איהר דיכטער האט נישט געוואוסט, צי מעג ער אליין אין הויף געהן. אין פיער וואכען ארום זענען זיי צו'ם ערשטען מאל וויעדער ארויסגעגאנגען און זי האט איהר זוינקינד אנגעטהון דאס באטיסטענע העמדעלע מיט דער איינגעשטריקטער גאלדענער קרוינדעל, וואס איהר שטיף-פאטער האט איהר אויף דער חתונה אליין איבערגעגעבען, און זיי זענען אוועקגעגאנגען אין די געהיימע מלוכה, כדי דאס קינד פאר דער הויפס-סוויטע פארצושטעלען. א גרויסע שמחה איז דאן געוועזען

און שטורמישע גראַטולאַציאָנען און די ווייסע פרוי האָט דאָס קינד אין איהרע אָרעמס גענומען, און עס געצערטעלט און הייסע ברכות פון גליק איהם געוואונשען. ווען די געטרייע אונטערטהאַנען האָבען זיך בערוהיגט, האָט ריטאַ ערנסט דאָס וואָרט גענומען. „ערדעלע הערצען און פרויען", האָט זי געזאָגט, „מיר עהען זיך היינט צו'ם לעצטען מאָל. מיין ארבייט, מיין קינד, מיין מאַן פאָדערען מיין צייט. און איך האָב שוין נישט מעהר קיין האַלבע פרייע טעג, צו פערברענגען מיט אייך — אייער טרייהייט ריהרט מיך, נאָר ליידער ברענגט זי מיר קיין נוצען נישט. קעהרט זיך אום צוריק קיין טהולע, מאַכט שלום מיט'ן קעניג פון פאָל און דערמאָהנט זיך אָן מיר אין אייער טרייהייט, ווי איך וועל אייך שטענדיג געדענקען. און איצט זייט אַלע געזונד".

די הערצען און די דאַמען זענען אויף די קניע געפאַלען. אַלע האָבען געשלאָכצט, אויך ביי די אַלטע גוואַרדיסטען האָבען הייסע טרעהרען זיך אויף די באַקען געקוילערט. די ווייסע פרוי האָט שטיל געוויינט, אריינגענומען ריטאַ'ן אין איהרע אָרעמס און זי נישט געוואָלט אָבלאָזען. זי האָט זיך שטיל פון איהר ארומגעמאַכט, צוריק גענומען איהר קליין קינד, אלעמען מילד די האַנד געגעבען און איז לאַנגזאַם צו דער טהיר צוגעגאַנגען. זי האָט דעם לעצטען בליק געוואָרפען אויפ'ן הויף און דעם זאַל, און איהר קרוין און איהרע מלבושים, צו'ם לעצטען מאָל אַ קוש געטהון די ווייסע פרוי און אין איין אויגענבליק איז זי אין דער הויך געוועזען.

ביי'ם פוס פון אַלטען בולען-בוים האָט ריטאַ טרויעריג צו איהר מאַן געזאָגט: „דער קרבן איז געבראַכט. די קעזערליכע שענהייט איז שוין איצט אויף אייביג פערביי".

„ניין", האָט דער דיכטער געענטפערט, זיך שטעלענדיג פאַר איהר אויף אַ קניע. „פאַר מיר ביזטו און בלייבסט אייביג די קייזערין, אזוי ווי איך האָב דיך געפיהלט און דערקענט, נאָך איידער דו האָסט זיך פאַר מיר אנטפלעקט אין דיין פראַכט און שענהייט, און פאַר דיינע קינדער וועסטו דאָס אויך זיין און בלייבען איצט און אייביג.

און אזוי איז עס טאקי געוועזען. דער דיכטער האט דערנאך קרענץ בעקומען, וואס ער האט זיין פרוים פים געלעגט. זיי זענען געווארען פערמעגליך און אנגעזעהן, האבען געהאט פיעל קינדער, און זיי ערצויגען פאר די אויסגעצייכענטסטע מענשען, און אין זיי די איבערציהונגגאייגעווארצעלט, אז זיי מוזען זיין בעסער און טיכטיגער, ווי אלע געוועהנליכע מענשען, און חאטש קיינער פון זיי איז נישט געווארען א קייזער אדער א קייזערין, נאר דערפאר זענען זיי אלע געווארען די נוצליכסטע בירגער און בירגערינם, אזוי אז די דאנקבארע האפען-שטאדט האט נאך פיעל יאהרען, נאכדעם ווי ריטא איז שוין געהאט געשטארבען, א דענקמאל אויפגעשטעלט אויף דעם ארט פון ברעג ים, וואו די קליינע מארגאריטא בעלגעבארן איז איינמאל געפונען געווארען.

# לעבען און טויט.

# לעבען און טויט.

## פון מאקס נארדוי.

בײַ'ם פוס פון א ריעזיגען בארג מיט א שנעע-בעדעקטען
קאפ איז געלעגען א שטילער טאל, וואס דורך איהם האט א
פלינק טײַכעלע געראושט. דאס טײַכעלע האט געוואשען די וואר-
צ־ען פון אן אלטען אײַבענבוים, וואס האט זיך אין זײַן וואסער
געשפיעגעלט. אין שאטען פון בוים זענען געוואקסען בלויע ענ-
ציאנען אין אנדערע בלומען זעהר פיעל, און אין זײַן קרוין האט
איהר נעסט געהאט א בעיאהרטע קלוגע קראה.

עס איז געווען א טאג אין סאמע מיטען זומער, די ענציאנען
האבען אבגעבליהט און זײַערע צארטע קרויז-בלעטער האבען אין
דער היץ אנגעהויבען צו פערוועלקען. דאן האט איין בלום, וואס
בײַ איהר שכנ'טע זענען שוין באלד אלע בלעטער געווען אויס-
געפאלען, אנגעהויבען צו קלאגען:

— „ווי מיר זענען ווערט בעדויערט צו ווערען, מיר ארעמע
בלומען, און ווי טרויעריג אונזער שיקזאל איז! איין און איינציג
מאל געניעסען מיר מיט פרייד אונזער לעבען נאר אין פערלויף פון
א קורצען פריהלינג. עטליכע קושען פון דער מאי-זון, עטליכע
באל-נעכט מיט טוי און לבנה-ליכט, עטליכע צערטליכקײַטען פון
אווינגד-ווינד, עטליכע וויזיטען פון ציכטיגע שמעטערלינגען און
שעניע גאלד-קעפערס, א ביסעל פויגעל-געזאנג, דאן איז די שענ-
קײט פערבײַ און קעהרט שוין קיין מאל נישט צוריק. נאך איידער
מיר האבען גענוג צײַט געהאט, מיט אונזער עקזיסטענץ גליקליך
צו ווערען, רוקט זיך שוין אונזער סוף אונטער. ווי פיעל גליק-
ליכער פון אונז איז דער דאזיגער אײַכענבוים, וואס זײַן קרוין
רוישט איבער אונז, ער האט טויזענד דורות פון ענציאנען

געזעהן, ווי זיי זענען אויפגעגאנגען און פערבליהט. און ער לעבט נאך אלץ און וועט נאך פילייכט נאך טויזענד יאהר דאס גליק פון פריהלינג געניעסען".

זי איז פערשטומט געווארען און איהר פיין בלוי קעפעל אראבגעלאזט. נאר דורך די צווייגען פון אלטען איכענבוים איז א געריוש דורכגעלאפען און דער בוים האט זיך מיט זיין טרוקענער, קנאקענדיגער שטימע געלאזט הערען:

— „קלײנער נאר וואס דו ביזט, דו רעדסט ווי דו פערשטעהסט. געוויס, איך לעב לענגער ווי דו, נאר דו האסט א גרויסען טעות, אויב דו מיינסט, אז מען מעג מיך צוליעב דעם מקנא זיין. דיך וועקט די פריהלינגס-זון אויף מיט א קוש ווי א מוטער איהר קינד, דו וואקסט אוים אהן זארג און יעדע שטונדע פון דיין לעבען איז בלויז פרייד. דו ווייסט נישט פון קיין זאך, אויסער די שמחה פון פריהלינג און דאס גליק פון זומער, און די טריבע ערפאהרונגען פון הערבסט בלייבען דיר אונבעקאנט. דו האסט נישט קיין פיינד, דו ווייסט נישט וואס הייסט קעמפפען און ליידען, דו זעהסט אין דער וועלט נאר שענהייט און פערגניגען, נאר איך! אין א יוגענד פול פיין האב איך מיך געמוזט וועהרען געגען אהן א שיער שונאים. וואס האבען אויף מיין לעבען געלאקערט. איך האב געהאט אויסצושטעהן פון אלערליי ווערעם אויף מיר און ארום מיר, פון די שארפע צייהן פון חיות, וואס האבען זיך ארום מיר געפאשעט, און פון דעם בעזען גיפט פון די קלייניקע שימעל-ווערעמלעך. און אז איך בין די אלע צרות איבערגעקומען און בין אויפגעוואקסען, וואס איז דאן מיין שיקזאל געוועזען? דער שטורם-ווינד האט אויף מיר זיין ווילדען כעס אויסגעלאזט, מיך געריסען און געבויגען ווי ער האט נאר געוואלט און מיר אויך גראב די גליעדער געבראכען. דער בליץ האט מיר אין לאנגע פאסעס די קארע פון לייב געריסען און מיר גרויזאמע וואונדען געמאכט. קיק מיך נאר אן — איך בין אינגאנצען מיט שראמען בעדעקט. דער הערבסט האט פון מיר יעדעס יאהר אלע בלעטער אראבגעפליקט, און דער ווינטער האט מיר מיט זיין קעלט ביז אין טיעפסטען לייב גע-

שניטען. ווען דו האסט זיך שוין אין פריהלינג לאנג אויף דער זון געוואַרעמט און פערגניגען, האב איך ערשט קוים אבגעלעבט און האב ערשט אנגעהויבען שפירען דאס שטעכען פון די זאפטען, וואס האבען אנגעהויבען אין די פערפרוירענע צווייגען ארויפצושטייגען. און אפילו אין די עטליכע אנגענעהמע וואכען, ווען מיינע אָרעמע בליהונגען האבען מיך עטוואס בעפוצט, האב איך מיט זארג ווענען דעם קומענדיגען ווינטער און זיינע קוואלען געמוזט טראכטען. וואס זשע האב איך דערפון, וואס איך לעב לענגער ווי דו? אט עקזיסטיר איך שוין טויזענד יאהר, און אז איך קוק מיך אום צוריק, אזוי קומט עס מיר פאר ווי איין טאג. די איינענבליקען פון גליק זענען זעלטען געוועזען און אלעס איבעריגע איז געווען זארג, מה און ליידען. האב איך א פויגעל אין מיין קרוין געלעבט אדער א בלום מיר ציפעסען, אזוי האב איך געזעהן, ווי זיי פערשווינדען און געמוזט ווענען זיי טרויערן. און איצט בין איך אלט, איניוועניג בין איך הויהל, מיינע ווארצלען נאגט דער ווארעם, מיינע צווייגען שטארבען אב, שטיקערווייז ווערט מיין שוואכער לייב צעפוילט און צעפאלען, ביז די אונבארמהערציגע צייט וועט מיך אינגאנצען צעשטערען. איך בין דיך מקנא פאר די גלייכמעסיגע שענהייט און פרעהליכקייט פון דיין לעבען און פאר דיין זאנפטען, שנעלען סוף. אויב מען מוז שוין שטארבען, אזוי איז דאך אלץ איינס, צי א ביסעל פריהער אדער א ביסעל שפעטער. יא, ווען מען זאל קיינמאל נישט אלט ווערען, ווען מען וואלט שטענדיג געקאנט לעבען ווי דער ריעזיגער בארג איבער אונז! אויב דו ווינשט דיר שוין אנ׳אנדער שיקזאל, אזוי ווינש דיר זיינעם, נישט מיינעם".

איין ווײלע איז שטיל געבליבען, דאן האט זיך אנגעהויבען א קנאקען און רוישען דורך דעם הויכען בארג און מיט טיפע, געצויגענע קלאנגען האט ער גערעדט פויל, לאנגזאם, אין קורצע זאצען, וואס זענען פון לאנגע פיוזען איבערגעהאקט געווארען:

— „אייכענבוים, אייכענבוים, ביזט נישט קליגער ווי אט די בלויע זאך, דער קליינער ענציאן. דו רעדסט ווענען מיין איי-

בינקײַט, אויך איך האָב אַמאָל אָנגעהויבען צו זײַן. אויך איך װעל זיך אַמאָל ענדיגען. קײַן זאַך איז נישט אײביג אויף דער ערד. די ערד אַלײן איז נישט אײביג. און די זון אויך נישט. לופט און װאַסער נאָגען און פרעסען מיך, פון אַלע זײַטען צע־רײַסען זײ מיך. איהר װאַקסט. איך װער כסדר קלענער. אײן טאָג װעט פון מיר מעהר גאָרנישט בלײַבען. דאַן איז דאָך אַלץ אײנס, װי איך װאָלט גאָר קײנמאָל נישט געװען, אַפילו איך זאָל האָבען װי לאַנג געדױערט. דערפון האָב איך נאַטירליך קײַן קומער נישט. װאָס האָב איך דערפון, צי איך לעב לאַנג אָדער קורץ? און מײַן עקזיסטענץ איז קײַן פרײד נישטאָ. אַט שטעה איך דאָ יאָהר אויס, יאָהר אײַן און גלאָץ אויף די װעלט, מיר איז אַלץ אײנס, זומער און װינטער, טאָג און נאַכט. און מיר בעװעגט זיך גאָרנישט, איך שפיר גאָרנישט. איך האָף גאָרנישט. איך האָב גאָר נישט מורא. איך װער נישט גרעסער דורך פרײדיגען װאַקסען אַזױ װי דו. איך זױג נישט מיט דורשטיגע װאָרצלען פול פערגניגען די זאַפטען פון דער ערד! איך גיעב נישט אַרױס קײַן בלעטער און בליהונגען. איך מאַך נישט צײַטיג קײַן פרוכטען, אַרום מיר שפּראָצען קײנע יורשים נישט. איך לעב נישט איבער נישט אָנגענעהמעס נישט אונאָנגענעהמעס. איך דענק װעניג קוק טעמפ פערחלומ׳ט פאַר מיך. לאַנגװײַליג מיך אָהן אַ שיעור און בעמערקט קוים, װאָס אַרום מיר קומט פאָר. אַלץ איז װיסט, אַלץ איז פויל און נאַריש. װי גערן װאָלט איך זיך מיט דיר געביטען! און אַפילו מיט דעם אײַנזומערדיגען ענציאַן, איהר לעבט דאָך עפּעס איבער. איך גאָרנישט".

אין דעם אויגענבליק האָט די קראָהע אויפ׳ן שפיץ פון אײַבעני־בוים אַ הױכען קרעכץ געלאָזט הערען.

— „זעהט אַט דאָ!" — האָט זי זיך אָבגערופען צו׳ם באַרג, צו׳ם בוים און צו דער בלום און מיט׳ן שנאָבעל און די פליגעל האָט זי אָנגעװיזען אויפ׳ן טײַבעל, װאָס האָט זיך דורכ׳ן טאָל געשװענקט.

איבער׳ן שפּיגעל פון קלײנעם װאַסער האָבען זיך אַ הױב געטהון אָהן אַ שיעור קלײנע געפליגעלטע בעשעפענישען, װאָס

האָבען װי אַ געדיכטער װאָלקען איבער'ן װאַסער געשװעבט. דאָס איז געװען אַ פאָלק פון אײנטאָג'דיגע פליעגען, װאָס האָבען זיך נאָר װאָס אַרױסגעװינדמעט. זײ האָבען אױסגעצױגען זײערע דינע, דורכזיכטיגע פליגעל, זײ האָבען זיך פול אָנגעטעמט מיט דער פרישער לופט. זײ האָבען זײערע קלײנע פײנע לײבער אין די װאַרעמע זונען־שטראַהלען געבאָדען. פערשיכורט פון דער ליכטיגקײט און דער װאַרעמקײט, פערשכורט פון דער לופט, אין אַלע אָדערלעך מיט גליק דורכגעדרונגען, אין אַלע איברים'לעך פון אױפרעגונגען דורכגענומען, האָבען זײ צו טאַנצען אָנגעהױבען. אײנציגװײז פאָרװײז, אין קאַראַהאָד; זײ האָבען זיך אַרומגעיאָגט, אַרומגעדרעהט, זיך אין אײנאַנדער געװיקעלט; אַהין און צוריק אַרױף און אַראָב, מיט אַלע פיס צאַפלענדיג, מיט די פליגעל שלאָגענדיג. זײערע אױגעלעך האָבען פאַר שמחה געגלאַנצט. זײער דורכדרינגענדיג זומען האָט װעגען אונאױסשפּרעכליכען גליק געזונגען זײ האָבען נישט געשפּירט קײן הונגער נישט קײן דורשט. לופט און זונענשײן האָבען זײ געזעטיגט און זײער דורשט געשטילט זײ האָבען נישט געקלערט װעגען דעם, װאָס פאַר זײ איז געװען, זײ האָבען נישט געגריבעלט װעגען דעם, װאָס נאָך זײ װעט זײן. די שעה איז געװען זײערע און דאָס איז פאַר זײ גענוג געװען. איצט האָבען זײ געליעבט, איצט האָבען זײ די גאַנצע פרײד פון דער זומער־װעלט גענאָסען, איצט זענען זײ דורך און דורך גליקליך געװען. די זון איז אַרױפגעשטיגען ביז צו דער מיטאָג־הױכקײט, זי האָט זיך גענײגט צו מעריב צו, די אײנטאָג'דיגע פליגען האָבען דערױף קײן אַכט נישט געלעגט, זײ האָבען װײטער געזומט, זײ האָבען װײטער געטאַנצט, הײם פון זײער װילדער דרעהעניש, פון אַלגעמײנער שמחה דורכגענומען, ביז דער טאָג האָט זיך צו זײן ענדע צוגערוקט און די שאָטען פון אָװענד האָבען אָנגעהױבען איבער'ן טאַל צו דונקלען. דאַן איז אױף זײ אַ גליקליכע מידקײט בעפאַלען, אַ זיסער חשק צו'ם שלאָפען האָט זײער חשק צו'ם טאַנץ אױסגעלאָשען און זײערע זינען אַרומגענומען. זײ האָבען די פיס אײנגעצױגען. די פליגעל אײנגעלעגט און פון דער לופט אױפ'ן שפּיגעל פון טײכעל אַראָבגעזונקען. די שענע ערינערונגען

פון דעם וואונדערבארען טאג פול שמחה און פרייד. וואס האבען זייער קליינעם קאפ אנגעפילט, זענען געווארען אונדייטליכער, אלץ ארום זיי און אין זיי איז בימלעכווייז פערשוואומען און זיי זענען זיס און זאט פון שמחה איינגעשלאפען ווי קינדער, וואס האבען זיך אזוי לאנג געשפיעלט, ביז זיי זענען מיעד געווארען. זיי זענען אבער נישט געשלאפען. זיי זענען טויט געוועזען.

אז זייערע קליינע קערפער האבען דעם שפיגעל פון טייכעל בעדעקט, האט די קלוגע קראה צום בארג, צום אייכענבוים און צום ענציאן געזאגט:

— לאנג לעבען — קורץ לעבען — דאס בעדייט גארנישט. שען לעבען, דאס איז דאס גליק".

# דער מייסטער.

# דער מייסטער.

## פון די געשיכטען פון מאקס נארדוי.

א מאל איז געווען א קליין מעדעל, האט זי געהייסען מאקסא. זי איז געווען שען, שטענדיג צופריעדען און זעהר נייגיעריג. דאס ווארט, וואס מען פלעגט אם מעהרסטען פון איהר הערען, איז געווען: „פארוואס?" זי האט געוואלט ויסען, פון וואנען נעהמט זיך יעדע זאך און ווער מאכט אלץ, דערהויפט די בלומען, די פויגעל, די גאלד-ווערעמלעך און די פערשיעדענפארביגע שמעטערלינגען. אז זי פלעגט א פייגעלען זעהן, וואס א משה-רבינו'ס-קיהעלע איז דערויף געזעסען, אדער א ראזענבוים, וואס א שמעטערלינג האט ארום איהם געפלאטערט, אזוי פלעגט זי זאגען: „אך, ווען איך וואלט נאר געקאנט אזא מין זאך מאכען!" נאר איהר מוטער פלעגט איהר ענטפערן: „אזעלכע זאכען קאנען קיין מענשען נישט מאכען".

איין מאל, אין א פריהלינגס-טאג, האט זיך מאקסא געשפיעלט איינע אליין אין גארטען. זי האט איהר רייף געקוילערט ביז צו'ם פארקאן צו, וואס האט אבגעטיילט זייער גארטען פון דער דערבייאיגער לאנקע. דא האט זי פלוצלונג דערזעהן אין דרויסען א מאן, וואס איז מיט'ן רוקען צו'ם פארקאן צו געזעסען אויף א שטוהל, וואס קאן צונויפגעלעגט ווערען, און פאר זיך האט ער געהאט א מאל-ברעט מיט א לייווענד אהן ראהמען און געמאלט. זי האט קיין מורא נישט געהאט, ווייל זי איז געשטאנען אין גארטען און ער אויף דער לאנקע און צווישען זיי איז געווען א דיקער צוים פון דערנער, און אויסערדעם, האט ער זי נישט בעמערקט אדער אויף איהר קיין אכט נישט געלעגט, און אזוי איז זי געבליבען

שטעהן, אַנגעשפּאַרט דעם רוקן בײַם צוים, געבליבען שטיל ווי אַ מויז און זיך צוגעקוקט.

די לאַנקע איז געווען זעהר גרויס און אַ ביסעל בלאַטיג און וויַיט בײַם סוף פון דער לאַנקע איז געשטאַנען אַ ניעדריגע ווייסע וואַנד. וויַיט און ברייט אַרום איז נישט געווען קיין מענש, נישט קיין חיה, און פוטער-בלומען זענען כמעט געווען די איינציגע גראָזען, וואָס האָבען די ברוינע ערד בעדעקט.

אויפ'ן לײַוועַנד פאַר דעם מאלער איז נאָך גאָרנישט געווען.

ער האָט ערשט איצט אָנגעהויבען דעם הימעל צו מאָלען. אונטער זיין פענזעל איז געוואָרען אַ פּרעכטיגע בלויקייט, וואָס אין איהר זענען איינציגע צאַרטע ווייסע וואָלקענדלעך געשוואומען.

— אַך, — האָט מאקסאַ געקלערט, — דאָס איז נישט ריכטיג. דער הימעל איז גאַנץ לויטער. — און זי האָט אַ קוק געטהון אין דער הויך, כדי צו פערגלייכען. ערשט וואָס—דער הימעל, וואָס נאָר וואָס איז נאָך אויף איהם קיין סימן פון קיין וואָלקען נישט געווען, איז איצט דאָ און דאָרט געווען בעדעקט מיט איינציגע צאַרטע ווייסע וואָלקענדלעך, פּונקט אַזעלכע ווי דער מאלער האָט אויסגעמאָלט.

ער האָט ווייטער געאַרבייט פלייסיג מיט זיין פלינקען פענזעל. מאקסאַ האָט געזעהן, ווי די לאַנקע איז געוואָרען, נאָר בײַם סוף פון דער לאַנקע אויפ'ן בילד איז נישט געווען קיין ווייסע וואַנד, נאָר אַ גריגער טײַך, וואָס אין איהם האָט זיך די זון געשפּיעגעלט. זי האָט שנעל אַ קוק געטהון אַהין—וואָס איז דאָס? אין אמת'ען: די ווייסע וואַנד, וואָס איז איהר אַזוי גוט בעקאַנט געווען, איז פערשוואונדען געוואָרען, און אויף איהר געוועהנליכען אָרט האָט זיך איצט געצויגען אַ וואַסער, וואָס זי האָט פריהער קיינמאָל נישט געזעהן.

זי האָט זיך זעהר געוואונדערט און האָט אָנגעהויבען זיך צוצוקוקען נאָך אויפמערקזאמער ווי פריהער. איצט האָט דער מאלער געמאָלט לענג-אויס דעם טײַך אַ גאַנצע רייהע הויכע טאָפּאָלעס, — ריכטיג, דאָרטען וויַיט האָבען זיך הויכע טאָפּאָלעס געהויבען. דאַן האָט ער אויף זיין בילד אייסגעמאָלט רויטע און בלויע

בלומען, וואס זי האט נישט געקענט, און ווען מאקסא האט שנעל א בליק געטהון אויף דער לאנקע, האט זי ווירקליך בעמערקט, אז איבעראל צווישען די געלע פוטערבלומען האבען זעהר פיעל בלויע און רויטע בלימעלעך פון דער ברוינער ערד ארויסגעשפּראצט.

זי האט זיך אלץ מעהר געוואונדערט, און אז דער מאלער האט אין איין עק פון זיין לייוועגד אויסגעמאלט גאר א סטארע בלאנקענדיגע שעפסעלעך, און צווישען זיי א פאסטוך מיט א ברייטען הוט און א לאנגען שטעקען און א לעבעדיגען הונד מיט א ווייסען קאפ, און אויף דער לאנקע האט אויך ריכטיג אזא פאסטוך מיט א ברייטען הוט און א לאנגען שטעקען און א לעבעדיגען הונד געהיט א סטארע בלאנקענדיגע שעפסעלעך, אזוי האט זי זיך שוין מעהר נישט געקאנט איינהאלטען און האט הויך אויסגעשריען: „נאר אלץ, וואס דו מאלסט, וואקסט דאך גלייך פון דער ערד ארויס!”

דער מאלער האט זיך שנעל אומגעדרעהט און זי אנגעקוקט. זי האט געוואלט אנטלויפען, נאר זי האט נישט געקאנט, זי האט געמוזט בלייבען, זי האט אליין נישט געוואוסט פארוואס. אז ער האט לאנגע האר געטראגען, דאס האט זי נאך פריהער בעמערקט. איצט האט זי געזעהן, אז ער האט א לאנגע באָרד געהאט און בלויע אויגען, וואס האבען געגלאנצט, ווי די ליכטיגסטע שטערען ביי נאכט.

— ווי, דו זעהסט, אז אלץ, וואס איך מאל, וואקסט פון דער ערד ארויס? — האט ער געפרעגט.

— געוויס זעה איך. פארוואס זאל איך נישט זעהן? — האט מאקסא געענטפערט.

— אויב אזוי ביזטו א זונטאג-קינד*), — האט דער מאלער געזאגט.

— מאקי אזוי, — האט מאקסא געענטפערט. זי האט עס געוואוסט, וויל איהר מוטער פלעגט איהר אפט דערצעהלען,

---

*) זונטאג-קינד — א מזל'דיג קינד, ווי מען זאגט צו'ם ביישפיעל ביי אונז: „אין א הייבעל געבארען”.

אז איינמאל זונטאג נאך מיטאג האט זי דער באטשאן געבראכט.

— יא, יא, — האט דער מאלער געמורמעלט, ווערענד ער האט פריינדליך געקוקט אויף דאס שענע, קליינע מעדעל, — די זונטאג-קינדער זעהען דאס, וואס אנדערע קאנען קיינמאל נישט זעהן.

— און דו, — האט געפרעגט מאקסא, וואס איז דערווייל געווארען גאנץ היימיש מיט איהם, — וואס ביזטו?

— איך בין א קינסטלער.

— וואס איז דאס א קינסטלער? א מאלער?

ער האט געלאכט. — נישט יעדער מאלער איז א קינסטלער און נישט יעדער קינסטלער איז א מאלער. איך בין א קינסטלער, וואס מאלט.

— אבער דו מאלסט דאך נישט בלויז, דו מאכסט דאך אויך א טייך און בוימער און ווייסע שעפסעלעך און אפילו א פאס-טוך מיט א הוט און א שטעקען און א הונד. איז דאס אלץ טאקי אמת?

— ס'איז אמת, ווי באלד דו זעהסט עס.

— אזוי ביזטו דאס דער, וואס מאכט די בלומען און די פויגעל, די גאלדענע ווערעמלעך און די פערשידענפארביגע שמע-טערלינגען?

— איך בין נישט דער איינציגער, וואס מאכט זיי, נאר איך מאך זיי אויך. דער קינסטלער מאכט אלץ, וואס ער וויל, און וואס ער מאכט, דאס איז דא אין אמת'ען, אלץ איינם וואס, זאכען צי בלומען, חיות צי מענשען.

— און עס לעבט?

— עס לעבט, אויב דאס איז עפעס לעבענדיגעס, און עס לעבט פיעל לענגער, ווי דאס, וואס די נאטור באשאפט, און עס בלייבט שטענדיג אזוי יונג און שען, ווי דער קינסטלער האט עס באשאפען.

איצט האט מאקסא אין די הענד א פאטש געטהון און אויס-גערופען: „אך, ווען איך וואלט דאס נאר אויך געקאנט מאכען! ליעבער קינסטלער, וועסט עס מיך אפשר אויסלערנען?"

דער מאַן מיט דעם לאַנגען באָרד האָט זי אַ קליינע ווײַלע טראַכטענדיג מיט זיינע גלאַנציגע בלויע אויגען אָנגעקוקט און דאַן האָט ער געזאָגט: „נישט יעדער קאָן דאָס לערנען. נאָר דו ביזט אַ זונטאָג-קינד און האָסט ליכטיגע אויגען. דיך וועל איך עס פילײַכט קאָנען אויסלערנען. קום, קינד, מיר וועלען צו דײַן מוטער געהן און זי פרעגען, צי זי ערלויבט דאָס דיר".

— נאָר ווי וועסטו קאָנען איבער'ן צום אריבער? ער איז אַזוי דיק און שטעכט אַזוי שרעקליך!

— זאָרג נישט, — האָט דער קינסטלער מיט אַ שמײכעלע געזאָגט, זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און אַ ווינק געגעבען. גלייך האָט זיך דער צוים געשפאָלטען און איהם דורכגעלאָזען. און זיין שטוהל און זיין מאָל-ברעט און זיין מאָל-קאַסטען זענען איהם אַלע ווי הינד נאָכגעגאַנגען, און אַז אַלע זענען שוין אין גאָרטען געווען, האָט זיך דער צוים צוריק צוגעמאַכט. אַזוי זענען זיי זיך צוזאַמען געגאַנגען דורכ'ן גאָרטען אין שטוב אַרײַן; פאָראויס איז געגאַנגען דער גרויסער מאַן מיט'ן קליינעם מעדעל, נאָך זיי האָט זיך געקאַטשעט אויף איהרע דרײַ פים די מאָל-ברעט, שפרייזענדיג מיט פעסטע טריט און מיט פיעל חשיבות, דער שטוהל האָט אינטער-געהינקט פון הינטען אויף זײַנע פיער פים, און דער מאָל-קאַסטען איז נאָכגעשפרונגען מיט קליינע שווערע טריטלעך ווי אַ קרעט. אויפ'ן וועג זענען זיי אַקעגען געפלויגען אַלע פויגעל, וואָס האָבען אין גאָרטען זייערע נעסטען געהאַט, און האָבען דעם מאָלער אַ פריידיגען ברוך-הבא געזונגען, אויף וואָס ער האָט מיט אַ פרײַנד-ליכען שאָקעל מיט'ן קאָפּ געענטפערט, און די אַקאַציעג-בוימער און קאַשטאַנעס-בוימער האָבען מיט זייערע בלומען זײַנע לאַנגע האָר בעשיט, ווען ער איז אונטער זייערע צווייגען פערביי. דער-פאַר אָבער די קאַץ, וואָס האָט זיך פאַר דער טהיר אויף דער זון געוואַרימט, איז שנעל פון איהר אָרט אָבגעשפרונגען. זי האָט אין קונסט גאָרנישט פערשטאַנען און האָט מורא געהאַט פאַר דער מאָל-ברעט, פאַר'ן שטוהל און מאָל-קאַסטען, וואָס זי האָט פאַר בעזע חיות געהאַלטען.

דאָס קליינע מעדעל איז פאָראויס געלאָפען און אָנגעזאָגט

איהר מוטער וועגען די וואונדערליכע געסט, ווי אויך וועגען דער מאל-ברעט, דעם שטוהל און דעם מאל-קאסטען, וואס זיינען אויך געקומען, טאנצענדיג און הינקענדיג. נאר זיי האט דער מאלער אין דרויסען געלאזט און איז אליין ארײן. ער האט דער מוטער געזאגט, אז איהר טעכטערל וויל זיך לערנען מאלען; זי שיינט דערצו דאס ריכטיגע אויג צו האבען, בפרט נאך אז זי איז א זונטאג-קינד, וועט עס שוין געהן ווי עס דארף צו זיין. ער איז גרייט איהר צו לערנען אזוי לאנג, ביז זי וועט קאנען אזוי פיעל, ווי ער אליין. די מוטער האט גארנישט געהאט דא-געגען, נאר דאס דארף דאך צו טייער קאסטען. נאר דער מא-לער האט די בעל-הבתי'שע פרוי בערוהיגט, אז ס'וועט גארנישט קאסטען און ס'איז געבליבען, אז מאקסא זאל דעם קינסטלערס שילערין ווער-ען.

— וואו האט איהר אייער ווארשטאט? — האט די מוטער געפרעגט.

— וואו איהר ווילט, — האט דער מאלער געענטפערט; — ס'קאן זיין אין אייער גארטען.

— הייסט עס אויף דער פרייער לופט?

— ניין. אויב איהר וועט ערלויבען, וועל איך מיר דארט א הייזעל אויסבויען.

די מוטער האט זיך א ווײלע פערקלערט. — הם, — האט זי געזאגט; — דאס וועט דאך דויערן גאנצע מאנאטען, הײנט די אלע מולארעס, סטאלארעס און שלאסער מיט זייער טומעל און אוני-ציכטיגקייט —

— ס'הויבט זיך גאר נישט אן, — האט דער מאלער זי איבער-געשלאגען — איהר האט נישט וואס מורא צו האבען פאר שמוץ און אונארדנונג. אין איין שטונדע ארום וועט אלץ זיין פיקס און פארטיג, איך וועל אייך קאנען איינלאדען צו בעקוקען די געביידע.

זי האט געמיינט, אז דער מאלער מאכט פון איהר חוזק. נאר ער האט איינגענטליך נישט אויסגעזעהן ווי א חוזק-מאכער. — גוט, האט זי געזאגט; — און אויב איהר נארט מיך ערעס אב, אזוי וועלען מיר דאך עס אין א שטונדע ארום זעהן.

דער מאלער איז ארויסגעגאנגען און מאקסא נאך איהם, ווייל זי האט געוואלט זעהן, ווי אזוי ער וועט דאס אנהויבען אין איין שטונדע א הייזעל אויסצובויען.

ער האט אויסגעזוכט אין גארטען נישט ווייט פון צוים א קליינעם זומיגען מיט גראז בעדעקטען פלאץ אהן בוימער, דאן האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף זיין שטוהל, ארויסגענומען פון מאל־קאסטען א נייע לייוועגד, ארויפגעשטעלט זי אויף דער מאל־ברעט, זיך א ביסעל פערטראכט און דאן אנגעהויבען א וואונדער. שען הויז צו מאלען, וואס האט אויסגעזעהן ווי א שפיעל־קעסטעלע. די ווענד זענען געווען פון מארמאר, פאר דעם אריינגאנג זענען געשטאנען רעכטס און לינקס זיילען. דער דאך איז געווען פון גרינעם קופער און הינטער די שפיעגעל־שויבען פון די גרויסע פענסטער זענען געהאנגען געל־זיידענע פארהאנגען. און וואס דער קינסט־לער האט אויף זיין לייוועגד געמאלט, דאס איז אויך געווען אין דער ווירקליכקייט, און ווען דאס הויז איז אויפ'ן בילד פארטיג געווארען, אזוי איז עס אויך אין גארטען געווען פארטיג, און דער מאלער האט מאקסא'ן פאר'ן האנד אנגענומען און מיט איהר איינוועניג אריין. דארט האט ער זיך ווידער געזעצט און אנגעהויבען אויסצומאלען די פאסענדע איינריכטונג, שענע אלטע וואנד־טאפעטען פון זייד און גאלדפאדעם, טערקישע טעפיכען אין ווייכע דונקעלע פארבען, ברייטע, נידעריגע סאפעס, לייכטע־פערגאלדעטע שטוהלכלעך, הויכע געשניצטע שרענק פון עבענ־האלץ, און אין די ווינקלען און נישען—אייזערנע פאנצערס, בראנ־זענע סטאטועז און גרויסע פארצעלייענע וואזען. און זיין קליינע פריינדין האט ער אויך נישט פערגעסען. פאר איהר האט ער אויסגעמאלט זעקס לאלקעס, יעדע פון זיי אנדערש געקליידעט, איינע שענער פאר דער אנדערער, און די שענסטע איז געווען א העל בלאנדע שווייצארין מיט א זילבערנער קעטעלע אויפ'ן גאר־סעט. אז מאקסא האט דערזעהן, ווי זיי לעבען אויף, האט זי פאר שמחה אנגעהויבען הויך צו שאלען, צוגעלאפען צו דער שווייצא־רין, זי אנגענומען פאר'ן האנד און געזאגט:— די וועל איך דער מאמען ווייזען.

— נײן, האָט דער מאַלער געזאָגט,— ארויסטראָגען פֿון דאַנען טאָרסטו ניִשט. דו קאָנסט נאָר דאָ אין שטוב זיך שפּיעלען מיט דײַנע לאַלקעס, און אז די מוטער וועט קומען צו אונז, וועט זי זײ זעהן.

ער איז נאָך אָבער ניִשט פֿאַרטיג געווען. ווען דער צימער איז שוין געווען פֿײַן אויסגעפּוצט, האָט דער קינסטלער נאָך אויך אויסגעמאָלט צווײ יונגע נעגעריִנס אין געשטרײַפטע זײַדענע קלײדער און מיט רויטע טיכער אויפ'ן קאָפּ. נאָכ'ן לעצטען שמיר מיט'ן פּענזעל אויף זײַער בילד, זענען זײ לעבענדיגע אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו'ם קינסטלער און זיך פֿערנײגט פֿאַר איהם און פֿאַר מאַקסאַ'ן.

— אַט די זענען צו'ם בעדיענען, — האָט דער מאַלער געזאָגט — זײ וועלען דיך שטענדיג פֿאָלגען, ווען דו וועסט זײ הײסען עפּעס קלוגעס טהון. נאָר ענטפֿערן וועלען זײ דיר נאָר מיט די אויגען, ווײַל זײ זענען שטום.

—ציִ קאָנסטו זײ ניִשט מאַכען רעדענדיג אויך?—האָט מאַקסע געפֿרעגט.

— נײן, — האָט דער מאַלער געענטפֿערט, — דאָס קאָן איך ניִשט. דאָס וואָלט איך געמוזט בײַ אַנ'אַנדער קינסטלער בעטען, דעם פּאָעט. נאָר פֿאַר די נעגעריִנס איז עס ניִשט נויטיג:

די שטונדע איז נאָך ניִשט פֿערבײַ געווען, ס'האָט נאָך געפֿעהלט אַ פּאָר מינוט, און דער מאַלער איז שוין צוריק צו מאַקסאַ'ס מוטער אַרײַנגעגאַנגען און זי אײַנגעלאַדען צו בעזוכען זײַן הויז אין גאָרטען מיט'ן וואַרשטאַט. די מוטער איז זײער איבער־ראַשט געווען, ווען זי האָט דערזעהן דעם רײַצענד־שענעם מאַרמאָר־פּאַלאַצעל און די טײַערע אײַנריכטונג, און די שוואַרצע דיענ־ריִנס אין קאָליִרטע זײַדענע קלײדער, און מאַקסאַ'ס זעקס לאַל־קעס, און זי האָט געזאָגט: — „איהר זענט אַ געשיקטער מאַן. איך גיב אײַך איבער מײַן מאַקסאַ'ן. זי וועט זיך בײַ אײַך אויס־לערנען עפּעס רעכטס".

יעדען מאָרגען פֿלעגט מאַקסאַ קומען אין וואַרשטאַט. ווען

ס'איז אַ טריבער טאָג געווען אָדער דער מײַסטער איז געווען אין אַ שלעכטער לױנע, פלעגט ער זי צוריק שיקען. נאָר ווען ער פלעגט זײַן אין אַ גוטער שטימונג און דער וועטער איז געווען אַ שענער, אַזוי פלעגט ער איהר אַ לעקציע געבען. זי האָט זיך פלײַסיג גענומען צו'ם לערנען, און האָט שוין געוואָלט מאָלען מיט אַ פענזעל און פארבען אויף לײַוועגד. נאָר דאָס האָט איהר דער מײַסטער נישט ערלויבט. „צו ערשט מוזטו גוט קאָנען צײַכענען", האָט ער צו איהר געזאָגט און איהר געגעבען געוועהנליכען פאַפיער מיט אַ בלײַפעדער. מיט אַ נישט געאיבטער האַנד האָט זי אויפגעצײַכענט פערשיעדענע פאַסען און רינגעלעך, און יעדע מינוט האָט זי אויפגעהויבען די אויגען פון ברעט און נײַגיעריג אַ קוק געטהון, צי דאָס, וואָס זי האָט אויפגעצײַכענט אויפ'ן פאַפיער, ווערט אויך אין דער ווירקליכקײַט בעשאַפען. ס'איז אָבער גאָרנישט אַרויסגעקומען. דאַן האָט זי דעם בלײַפעדער אַוועקגעוואָרפען און אונגעדולדיג אַ געשרײַ געטהון: „אויב איך קאָן נישט שאַפען עפּעס ווירקליכעס, אַזוי איז עס נישט אינטערעסאַנט. איך וויל, דו זאָלסט מיך לערנען דײַן קונסט, און נישט עפּעס אַנדערש".

דער מאָלער האָט זי ערנסט אָנגעקוקט און געענטפערט: „די קונסט קאָן מען נישט אין איין טאָג זיך אויסלערנען. מען מוז לאַנג און געדולדיג אַרבײַטען".

— אַפילו אַז מען איז אַ זונטאָג־קינד?

— אַפילו יאָ. אַז מען איז נישט קײַן זונטאָג־קינד, קאָן מען דאָס בכלל נישט אויסלערנען. דו מוזט פון סאַמע אָנהויב אָנהויבען, ווי מיר אַלע האָבען דאָס געטהון. דו טאָרסט נישט עפענען דעם מאָל־קאַסטען, ביז דו וועסט נישט קאָנען פאָלקאָם מיט'ן בלײַפעדער צײַכענען. בעקלער זיך נאָר, קינד, אַז איך וועל דיר לאָזען מאָלען, נאָך איידער דו קענסט דאָס גאַנץ גענוי, און דו וועסט אויסמאָלען עפּעס אַ מין פערזעהעניש, און דאָס דאָזיגע אונגליקליכע בעשעפעניש וועט פערקרימט און פערקריפּעלט פאַר דיר לעבעדיג שטעהן, וואָס וועסטו דאַן זאָגען?

— דאָס וואָלט מיך זעהר פערדראָסען, — האָט מאַקסאַ שטיל געזאָגט.

— נאָר דאָס וועט דער אונגליקליכער פערזעהעניש נישט העלפען. דעריבער איז דיר שטרענג פערבאָטען דעם מאָל-קאַסטען אָנצורירהען, ביז דו וועסט זיך נישט אויסלערנען אָהן פעהלערען צו צייכענען.

מאַקסאַ איז אַ קלוג קינד געווען און האָט איינגעזעהן, אַז דער מייסטער האָט רעכט. זי האָט פלייסיג געצייכענט, אויבוואויל דאָס איז איהר צום אָנהויב לאַנגווייליג געווען, נאָר אין גיכען איז דאָס איהר געפעלען געוואָרען. זי האָט געוואָלט ווי מעגליך שנעלער דערגעהן אַזוי ווייט, אַז זי זאָל שוין מעגען זיך צו׳ם מאָל-קאַסטען נעהמען, נאָר דער מייסטער איז געווען זעהר שטרענג, און נאָר זעהר גוטס, נאָר דאָס בעסטע האָט איהם צופריעדען געשטעלט.

פיעל מאָנאַטען זענען פערביי, ביז זי האָט שוין אַזוי ווייט געהאַלטען, אַז איינמאַל האָט דער מייסטער צו איהר געזאָגט: „איצט געהט עס אויף אַ דרך". זי איז רויט געוואָרען פאַר שמחה און געפרעגט: „מעג איך מיך שוין יעצט צו׳ם מאָל-קאַסטען נעהמען?" ער האָט זי אַ ווײַלע שווייגענדיג און נאָכדענקענדיג אָנגעקוקט, דאַן האָט ער געזאָגט: „מייַנעטוועגען, לאָ׳מיר פרובען!"

העכסט דערפרעהט איז זי אויפגעשפרונגען אַרויסצונעהמען דעם מאָל-קאַסטען פון ווינקעל, נאָר דער מייסטער האָט זי אָבגעהאַלטען און אַ וואונק געטהון. גלייך איז די מאָל-ברעט אַליין צוגעשפרונגען און דער מאָל-קאַסטען איז אונטערשפּרינגענדיג בײַ איהר זייט צוגעקומען און די נעגעריגס האָבען געבראַכט אַ מאָל-שטעקעל, לייַוועַנד און אַ נייַע פאַלעטע און אַלץ צו רעכט געמאַכט. דאָס קלײַנע מעדעל האָט דעם צויבער-פענזעל פון מאָל-קאַסטען אַרויסגענומען, אַרויפגעקוועטשט פאַרב אויף דער פאַלעטע און איז צו צו׳ם לײַווענד. איהר האַנד האָט עטוואָס געציטערט, און ס׳הערצעל האָט שטאַרק געקלאַפּט און פאַר די אויגען האָט איהר אַ ביסעל געשווינדעלט. דאָס איז אַ גרויסער מאָמענט געווען! איצט וועט זי צו׳ם ערשטען מאָל אַלס אמת׳ע קינסטלערין די וואונדער פון שאַפען בעווײַזען.

זי האט שוין געוואלט אנהויבען מיט'ן פענזעל ארבייטען, נאר דער מייסטער האט זי פאר דער האנד אנגעכאפט. „שטעה, קינד, נישט געאיילט. וואס ווילסטו מאלען?

— א קליין מעדעלע. — האט זי ענטשלאסען געענטפערט,

דער מייסטער האט א שמייכעל געטהון און א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ. „ניין, נאך נישט. דאס איז צו שווער, פרוב צו'ם אנהויב מיט א נישט לעבענדיגער זאך.

— נאר איך וויל לעבען שאפען! — האט מאקסא געזאגט און אונגעדולדיג מיט'ן פוס א טופע געטהון.

— דאס מעג נאר דער יעניגער, וואס איז שוין גאנץ זיכער אין זיך, — האט דער מייסטער פעסט געענטפערט. — פרוב צו ערשט מיט נישט לעבענדיגעס.

א חיטרער איינפאל איז דעם קינד אויפ'ן געדאנקען ארויף, מיט איניגע פלינקע שמירען מיט'ן פענזעל האט זי אויפ'ן לייוואנד א גרויען זייל רויך אויסגעמאלט. אין דעם זעלבען אויגענבליק איז דער ווארשטאט מיט א שטיקענדען רויך אנגעפילט געווארען, און די נעגעריגע האבען שרעקליך אנגעהויבען צו הוסטען. דער מאלער האט געלאכט און שנעל איבערגעמאלט דעם זאל רויך מיט דער גרונד-פארב, דער רויך איז פלוצלונג פערשוואונדען, ווי ער איז געקומען, און דער מאלער האט אויף איהר אנגעשריען: „זאלסט זיך מעהר נישט דערוועגען אזעלכע נארישקייטען צו טהון, קינד, אז נישט וועל איך דיר ווידער צונעהמען דעם מאל-קאסטען. די קונסט איז צו גוט, אז מען זאל קאנען קאטאוועס מיט איהר מאכען".

זי האט פערצייהונג געבעטען און צוגעזאגט ארטיג און קלוג צו זיין, און איצט האט זי זיך ערנסט גענומען צו דער ארבייט. „איך וויל מאלען א פופע", האט זי געזאגט און דערויף איז דער מייסטער בעשטאנען.

א, ס'א וואונדער! דאס פויערישע עלזאסער מעדעל מיט דעם גרויסען שלייף-באנד ווי א שמעטערלינג אויף איהר בלאנדען קעפעל, וואס זי האט יעצט אנגעהויבען צו מאלען, איז געוואקסען, ווי אונטער איהר פענזעל, אזוי אויך פאר איהר אויף דער

ערד אין ווארשטאט. ווען זי האט דער פופעם קאפ און קערפער נעבען זיך געזעהן ליעגען, האט זי געוואלט די גאנצע מאלערײַ צוועקווארפען און צולויפען צו איהר זי צו בעטאפען, כדי זיך איבערצייגען, אז זי איז ווירקליך דא, נאר ווידער האט דער מייסטער אויף איהר שטרענג אנגעשריען: „אויפ׳ן ארט זיץ, דו אונרוהיגער פלאדער־קאפ. וואס מען הויבט אן, מוז מען ענדיגען. פריהער מאך די פופע פארטיג און דאן וועסטו זיך קאנען שפיעלען מיט איהר“.

זי האט דעריבער נאך צוגעמאלט הענד און פים, נאר דאס האט זי געמאכט א ביסעל צו שנעל, און זיי זענען דעריבער טאקי שלעכט ארויסגעקומען. אויף צו מאלען שיך און זאקען האט זי שוין בכלל קיין צייט נישט געוואלט אבלעגען און אזוי איז דאס עלואסער מעדעל בארוועס געבליבען. דער מאלער האט א ביסעל דעם קאפ געשאקעלט, נאר דאך האט ער איהר נישט געשטערט צו איהר פיפע צוצולויפען און זי צערטליך אין די ארעמס צו נעהמען. זי האט נישט געוואלט בעמערקען, ווי מאדנע צעקריפעלט זי האט אויסגעזעהן, וואס פאר א אונגעהויער דינע איברים זי האט געהאט, און אז זי איז בכלל נישט אזוי שען, ווי יענע זעקס פופען, וואס דער מייסטער האט איהר געשאפען. איהר איז זי בעסער געפעלען, ווייל דאס איז איהר איינגען בעשעפעניש געוועזען.

דער מייסטער האט איהר געלאזט זיך שפיעלען מיט דעם ווערק פון איהרע הענד, צוריק פערלאסען די פאליטרע אין דעם פענזעל, אבגעשיקט דעם מאל־קאסטען צוריק אין זיין ווינקעל און געזאגט: „איצט ווייסטו שוין, ווי עס פיהלט זיך דער קינסטלער, ווען ער האט עפעס געשאפען. ווער ס׳האט דאס איינמאל געטהון, וויל דאס שטענדיג ווידער טהון. איך פערביט דיר אבער צו׳ם מאל־קאסטען זיך צוצוריהרען ווען איך בין נישטא. דו מעגסט איהם בענוצען נאר דאן, ווען איך וועל דערביי זיין“.

יעצט פלעגט מאקסא נאך מיט מעהר חשק ווי פריהער יעדען טאג אין ווארשטאט קומען, און זי איז גליקליך געוועזען,

ווען זי האט געמענט עפּעס מאלען מיט דעם צויבער-פּענזעל, און זי איז נישט מיעד געווארען דעם גאנצען זאל מיט די ווערק פון איהר פאנטאזיע אנצופילען. צו'ם אנהויב האט זי געשאפען אלערליי שפּיעלצייג, דערנאך וואזען, פּארצעלייענע פיגורען און בראנז-ביוסטען, און דאן האט זי זיך שוין אויך געוואגט צו מאלען געוויקסען און בלומען, און אם ענדע אויך אלץ, וואס קריעכט און פליהט, פערשיעדען-פארביגע וויקעל-ווערעמלעך, משה-רבינו'ס קיהעלעך, גאלד-ווערעמלעך און שמעטערלינגען אין פרעכטיג-שענע פארבען, און ווען די ווערעמלעך זענען אויף די בלעטער געקראכען און די שמעטערלינגען האבען זיך דורך די לופט געוויעגט, אזוי האט זי אויסגערופען: „זעה נאר, וואס איך קאן! איצט וויל איך לעבענדיגע מענשען מאלען".

— נאך נישט, — האט דער מייסטער געזאגט — היט זיך פאר דער גאוה, וואס איז פאר'ן קינסטלער א בעזער שונא.

זי האט דאס נישט געוואלט איינזעהן און מיט זיסע רעדע־לעך דעם מייסטער געבעטען, ער זאל איהר שוין ענדליך ערלויבען מענשען צו מאלען. ער אבער האט זיך נישט געלאזט איינבעטען. דאס האט איהר פערדראסען און זי האט געקלערט: „ווארט! איך וועל דיר א איבערראשונג מאכען!" זי האט זיך אין גארטען בע־האלטען, און ווען דער מייסטער איז ארויסגעגאנגען, האט זי זיך אין ווארשטאט אריינגעגנב'ט און זיך צו'ם מאל-קאסטען צוגעחאפּט. די נעגעריננס זענען גיך צוגעלאפען און זיך פאר'ן קאסטען גע־שטעלט, און מיט אנגסט-פולע מינעס האבען זיי איהר געווא־רענט, זי זאל נישט ברעכען דעם מייסטערס פערבאט, נאר זי האט אויסגערופען: „טראגט זיך אב, איהר שווארצע מחבלים, אז נישט מאל איך אייך אויס א הונד, וואס וועט אייך בייסען".
דאן האבען זיך די שטומע דיענעריננס דערשראקען אבגערוקט, מאקסא האט אויפגעמאכט דעם קאסטען, ארויפגעלעגט א פרישע גרויסע שטיק ליינוואנד אויף דער מאל-ברעט, זיך איין אויגענבליק בעקלערט און ענטשלאסען א יונג מעדעל אנגעהויבען צו מאלען.

זי האט זיך שוין פון לאנג אויסגעקלערט, ווי זי זאל זיין: אזוי, ווי זי האט אליין געוואלט ווערען, גרויס, שען, מיט פונא־

דערגעלאָזענע לאַנגע האָר און גלאַנציגע גרויע אויגען, אין אַ ראָזאַ קלייד מיט אַ לאַנגער שלעפּע. די ערשטע שטריכען מיט'ן פּענזעל האָט זי מוטיג און מיט אַ זיכערער האַנד געמאַכט. זי האָט אָנגעהויבען פון קאָפּ און איז אין גאַנצען אין איהר אַרבייט פערטיעפט געווען. נאָר ווען דער קאָפּ איז פאַרטיג געוואָרען און איז גאַנץ געראָטען אַרויס און האָט זי פון לייווענד מיט גלאַנצענדיגע אויגען אָנגעקוקט, האָט זי זיך שוין מעהר נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט פון מאָל-ברעט געכאַפּט אַ קוק אין מיטען וואָרשטאָט, כדי צו זעהן, וואָס דאָרט איז געוואָרען. איהרע אויגען האָבען זיך גלייך געטראָפען מיט צוויי גלאַנציגע גרויע אויגען, וואָס האָבען אַ ביסעל פון ווייטען מיט אַ אונבעשרייבליך ליבען און בענקשאַפטס-פולען בליק אויף איהר געקוקט.

דער דאָזיגער בליק האָט זי געטראָפען, ווי אַ עלעקטרישער קלאַפּ און זי אַזוי צערודערט, אַז זי האָט שוין מעהר נישט געוואַגט זיך אומצוקוקען, נאָר האַסטיג ווייטער געמאָלט. נאָר די פריהערדיגע זיכערהייט האָט זי שוין מעהר נישט געהאַט. ווייל איצט האָט זי עס שוין אויף אַן אמת געזעהן: וואָס איהר פּענזעל האָט געמאָלט, האָט בעקומען ווירקליך לעבען, און יעדער שטריך איז געווען אַ שטיק פון אַ לעבענדיגען מענשען, און אויב ער קומט שלעכט אַרויס, אַזוי ליידט איהר בעשעפעניש דערפון. איהר האַנד האָט געציטערט און זי האָט שטאַרק חשק געהאַט דעם פּענזעל אוועקצוואַרפען. נאָר צי מעג זי דאָס טהון? זי האָט דאָך נישט געקאָנט דאָס אָנגעהויבענע בעשעפעניש אונפערענדיגט לאָזען — ווי שרעקליך וועט עס זיין, אַז זי וועט אין וואָרשטאַט מוזען זעהן אַ האַלבען מענשען ליגען! ביי דעם געדאַנקען איז זי אויפגעציטערט געוואָרען פאַר שרעק און האָט מיט פיבערהאַפטער געשווינדיגקייט ווייטער געמאָלט. און דער מייסטער האָט דאָך אויך געקאָנט יעדען אויגענבליק אַריינקומען. נאָר פאַרטיג ווערען — שנעל — שנעל —

נאָר, אַך! פון איילעניש קאָן גאָר קיין גוטס נישט אַרויסקומען. דער לייב פון יונגען מעדעל איז שוין נישט געווען אַזוי ווי דער קאָפּ. ער איז געווען קרום און ווי מיט אַ הויקער, די

אקסעל זענען געווען שפיציג און די פאלדען פון דער ראָזא-קלייד מיט דער לאנגער שלעפּע האָבען ארויסגעוויזען, אז דער שטאָף האָט מאָדנע פערקרימטע גליעדער פערהילט.

מאקסא האָט מיט אלץ מעהר וואקסענדען שרעק בעמערקט, אז זי האָט פערדאָרבען און זי האָט געוואָלט פּרובען די צו שנעל אנגעשמירטע סקיצע צו פערריכטען, אלם פּלוצלונג האָט זיך די טהיר אויפגעמאַכט און דער מייסטער איז אריינגעקומען.

מאקסא האָט לייכט א געשריי געטהון און איז הינטער א פאָרהאַנג אַנטלאָפען זיך צו בעהאלטען. ער האָט גלייך דערזעהן, וואס דאָ איז געשעהן, דאס בילד מיט'ן שענעם קאָפּ און מאוס'ען קערפער, דאס אונגליקליכע פערקריפּעלטע מעדעל אין ווארשטאַט, די נעגעריגם, וואס זענען ווי פון שרעק געלעהמט געשטאַנען און אין א ווינקעלע צוזאַמענגעדריקט, און מיט א פורכטבארער שטימע האָט ער אויסגערופען: „מאקסא, וואס האָסטו געטהון!"

זי איז ארויסגעקומען פון איהר בעהעלטעניש, די הענד צוזאַמענגעלעגט און נעבעטען: „מייסטער, זיי מיר מוחל. איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטען. איך האָב דאס געמוזט טהון".

— קוק זיך נאָר צו דיין ווערק צו, אונגעהאָרזאם קינד. אָט לעבט דיר איצט א פערזעהעניש מיט א שענעם קאָפּ און פערקריפּעלטע איברים.

— פערריכט, וואס איך האָב קאַליע געמאַכט, — האָט מאקסא געבעטען און אָנגעהויבען צו וויינען.

— דאס קאָן איך נישט, — האָט דער מייסטער טרויעריג געזאָגט, — דיין בעשעפעניש לעבט. עס געהערט נאָר דיר אליין, ווילסטו דאס צעשטערען און אַנ'אַנדערע שאַפען?

— ניין! — האָט מאקסא מיט שרעק א געשריי געטהון און איז צו איהר בעשעפעניש צוגעלאָפען, אזוי ווי צו בעשיצען עס פאַר פערניכטונג. דאס יונגע מעדעל איז פאַר איהר אויף די קניע געפאלען, דעם קאָפּ איהר אין שויס געלעגט און מיט טיעפען טרויער זי אָנגעקוקט. אַרום א עלט וונטאָג-קינד איז מאקסא נישט ווימענדיג דאס אליין, אויך א דיכטערין געווען, און זי האָט דאס שטומע מעדעל געקאָנט רעדענדיג מאַכען און זי האָט טאַקי אָנ-

געהויבען מיט אַ קלאָגענדיגער שטימע צו רעדען:

„מוטער טייערע, וואָרום<br>
בין איך העסליך און קרום,<br>
ניט שען, אַזוי ווי דו?<br>
האסטו מיר לעבען<br>
געגעבען,<br>
טאָ גיב מיר אויך גליק און שענהייט דערצו".

מאַקסאַ האָט זי אַרומגענומען און זי געקושט און זי געפּרובט טרייסטען. זי איז נישט העסליך, האָט זי איהר איין אַ'יער איינגערוימט, נאָר שען ווי דער טאָג, און ווער עס וועט זי נאָר זעהן, וועט זי געוויס ליעב האָבען, און אויסער דעם וועט זי איהר די שענסטע קליידער און טייערסטע צירונג שענקען. נאָר דאָס יונגע מעדעל האָט נאָר דעם קאָפּ געשאָקעלט און געענטפערט:

„וואָס דאַרף איך די גאָלדענע קליידער?<br>
אך, סאַמעט און זיידענס קאָן, ליידער,<br>
מיין האַרץ גאָר נישט פרעהליכער מאַכען.<br>
אָ, לאָז מיך נישט, מוטער, אין אונגליק דאָך שמאַכען".

מאַקסאַ האָט זיך אין איהר טרויער געווענדעט צום מייסטער, וואָס איז מיט פערבראָכענע הענד דערביי געשטאַנען און מיט אַ פינסטער געזיכט אויף איהר און דאָס קלאָגענדיגע מעדעל געקוקט. „מייסטער, ליעבער מייסטער, העלף מיר נאָר דאָס איינע מאָל. איך וועל שוין מעהר קיינמאָל נישט זיין אונגעהאָרזאָם. איך קאָן דאָס נישט איבערטראָגען, אַז די, וואָס איך האָב געשאַפען, זאָל נישט גליקליך זיין. העלף, אָדער טוירט זי און מיך אויך מיט איהר".

דער מייסטער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר עטליכע מאָל איז ער הין און צוריק אין ווערשטאַט אַרומגעגאַנגען און געקלערט. אַזוי איז פערביי אַ געוויסע צייט, און מאַקסאַ האָט איהם די גאַנצע צייט מיט אויגען פול אַנגסט נאָכגעקוקט. ענדליך האָט ער זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט: „דיין מעדעל איז שוין, ווי זי איז, נאָר איך וויל טהון, וואָס איך קאָן, כדי זי גליקליך צו מאַכען".

ער איז צוגעגאַנגען צום ליייוועגד און אָנגעהויבען צו מאָלען.

טאָם ער האָט געמאָלט, איז געווען אַ יונגער פּרינץ שען ווי דער וואָג, שלאַנק ווי אַ טענענבוים, מיט גוטע אויגען און אַ שמייכלענ־דיגער מינע, וואָס האָט אויף דאָס מעדעל מיט גרויס ליעבע געקוקט און צו איהר ביידע הענד אויסגעשטרעקט. און באַלד איז דער יונגער פּרינץ אויך אויף אַנ׳אמת געשטאַנען און אַזוי ווי אויפ׳ן בילד האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע ביידע הענד צו׳ם מעדעל, און דער מייסטער האָט געזאָגט: „ער האָט דיך ליעב און וויל מיט דיר חתונה האָבען און דיר אייביג טריי זיין. רעדען קאָן ער נישט. דערפאַר קאָנסטו פאַר צוויי. אויב ער געפעלט דיר, אַזוי גיעב איהם די האַנד".

דאָס יונגע מעדעל איז רויט געוואָרען, זיך אויפגעשטעלט און איז לאַנגזאַם צו׳ם פּרינץ צוגעגאַנגען. זי האָט עטוואָס גע־זהינקט, נאָר דער פּרינץ האָט עס, ווייזט אויס, נישט בעמערקט. שטראַהלענדיג פאַר פרייד האָט ער איהר אַריינגעקוקט אין די גלאַנצענדיגע גרויסע אויגען, וואָס זי האָט אַראָבגעלאָזט, און זי אין זיינע אָרעמס איינגעשלאָסען. די נעגעריגם האָבען צופריעדען אין די הענד געפּאַטשט און אַרום ביידע פערלאָבטע געטאַנצט. די מאָל־ברעט האָט זיך געוואַקעלט אויף איהרע שטעלצען־פיס, דער מאָל־קאַסטען איז לוסטיג אַרומגעשפּרונגען, נאָר מאַקסאַ האָט בע־טריעבט געזאָגט:

— וואָס העלפט דאָס אַלץ? דער חתן קאָן דאָך דאָס מעדעל נישט שענער מאַכען.

— דאָס פערשטעהסטו נישט, — האָט דער מייסטער גע־ענטפערט; — ווען מען האָט עמיצען שטאַרק ליעב פון גאַנצען הארצען, אַזוי האַלט מען איהם פאַר דאָס שענסטע פון אַלץ אין דער וועלט, פרעג נאָר די כלה, וועסטו הערען, וואָס זי זאָגט.

מאַקסאַ האָט אויף דאָס יונגע מעדעל אַ פרעגענדיגען בליק געוואָרפען. זי האָט זיך צו איהר חתן צוגעדריקט און מיט אַ גליק־ליכען שמייכעל געזאָגט:

„ער ליעבט מיך טריי, ער ליעבט אָהן זין —
פאַר איהם בין שען איך, ווי איך בין.
זיין הארץ איז מיין — דאָס גליק איז מיין.

איצט וויל איך שוין נישט שען מעהר זיין".

דער פרינץ האט א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ און געקושט זיין כלה, דאן האט מאקסא געזאגט: „נו גוט, אויב זיי בייד ווענען צופריעדען, אזוי וויל איך אייך זיין צופריעדען, און איך דאנק דיר, מייסטער, וואס דו האסט אלץ צו'ם בעסטען אויסגעפיהרט".

נאר דער מייסטער האט געענטפערט: „איינמאל האב איך געקאנט העלפען, מעהר שוין קיינמאל נישט. זאל דיר דאס א גוטע לעקציע זיין. דעם קינסטלער איז א גרויסע מאכט געגעבען געווארען. נאר וועה איז איהם, ווען ער בענוצט זיך לייכטזיניג מיט איהר, זיי געזונד. מעהר האב איך דיך שוין נישט וואס צו לערנען".

און איידער זי האט נאך צייט געהאט איין ווארט ארויסצוזאגען, איז ער פערשוואונדען געווארען, און צוזאמען מיט איהם אויך די חתן-כלה און די שווארצע דינערינס און די מאל-ברעט און דער מאל-קאסטען, נאר דער ווארשטאט מיט אלעם, וואס איז דארט געשטאנען, איז געבליעבען, און דאס בילד מיט'ן פרינץ און דער מעדעל אויך, און יעדעס מאל ווי מאקסא פלעגט דערנאך א קוק טהון דערויף, פלעגט איהר אי קרענקען, אי פרעהען, קרענקען, ווייל איהר בעשעפעניש איז פערשוואונדען געווארען, און פרעהען, ווייל זי האט געפיהלט, אז זי מוז געוויס מיט איהר פרינץ גליקליך זיין. זי איז אליין אויפגעוואקסען און געווארען א גרויס שען מעדעל, וואס יעדער האט קוקענדיג אויף איהר גלייך געזעהן, אז זי איז א זונטאג קינד. זי האט ווייטער געמאלט, נאר שוין נישט מיט דעם צויבער-פענזעל, און דאס האט איהר שוין נישט געאהרט. ווייל ווער קאן זיכער זיין, אז די ארבייט וועט איהם שטענדיג געלינגען, און ס'איז צו געפעהרליך א פעהלער צו מאכען, בשעת פאר יעדען פעהלער מוז אנ'אמת בעשעפעניש זיין גאנצען לעבען ליידען.

# גלײַך מיט גלײַך.

# גלייך מיט גלייך.

## פון די געשיכטען פון מאקס נארדוי.

---

א קלײן מעדעל האט צו איהר געבורטסטאג, צווישען פיעל אנדערע שענע זאכען, בעקומען א מתנה פון איהרען א פעטער, וואס האט שטענדיג געהאט זײנע מערקווירדיגע אײנפאלען, — א ווײסע מויז. זי איז געווען א זעהר ליעבע חיה'לע מיט א פײנע פעל, וואס האט געגלאנצט ווי זילבער, אויגען ווי רובינען און שטאלצע, שטײף שטעהענדיגע וואנסעלעך. זי האט געוואהנט אין א שענער, גרויסער און ברײטער קלעטקע, דארט האט זי געהאט א ווײך געלעגער פון שנעע־ווײסע וואל, די בעסטע פאשע: ווײץ־קערנדלעך און אבגעשעלטע האזענע ניס אין צווײ גלעזערנע טעצעלעך, און א ראד, וואס מען האט געקאנט דרעהען פון אינעווענינג און אויסענווענינג און וואס צווישען זײנע שטעקעלעך האט זיך די מויז געקאנט שפּיעלען און ארומשפּרינגען.

דאס קלײנע מעדעל האט זיך זעהר געפרעהט מיט דער ווײסער מויז, ווײל זי האט ליעב געהאט אלע חיות, וואס האבען איהר קײן שלעכטס נישט געטהון. זי האט זיך אויך גאר נישט מורא געהאט פאר איהר, ווי פיעל אנדערע קינדער, וואס שרײען, ווען זײ דערזעהען, ווי א ארעם מײזעל לויפט דורך איבער'ן שטוב, נאר זי האט זי הארציג אין די הענד גענומען און זי געגלעט. די מויז האט דאס אפילו געמוזט אויסשטעהן. נאר קײן פערגניגען האט זי דערפון נישט געהאט, ווײל זי האט געציטערט מיט איהרע אלע גליעדער און איהר קלײן הערצעל האט פאר מורא

אזוי שנעל געקלאפּט, אז מען האָט די קלעפּ נישט געקאָנט צעה־לען.

— נו, זײַ נאָר רוהיג, — האָט דאָס קלײנע מעדעל געזאָגט, — איך בין דאָך נישט קײן קאַץ און וועל דיך נישט אויפפרעסען. — און זי האָט דאָס מײַזעל צוריק ארײַנגעזעצט אין איהר קלעטקע. — דו ביזט נאָך שרעקעדיג, נאָר דו וועסט זיך שוין צוגעוואוינען צו מיר. איך וועל דיך שטאַרק ליעב האָבען און גוט האַלטען, דאַן וועסטו מיך שוין אויך ליעב בעקומען און וועסט מײַן דאַנקבאַרע פרײַנדין ווערען.

זי האָט קײנעם נישט געלאָזט, נאָר אַלײן האָט זי די קלײנע מויז בעזאָרגט. יעדען טאָג האָט זי איהר שטיבעל גערײניגט, די וואַל אומגעביטען, די טעצעלעך מיט פּאַשע אָנגעפילט און אין די ווארעמע שטונדען פון טאָג האָט זי די קלעטקע געשטעלט אויפ'ן פענסטער, און דאַן האָט זי די אויסענווענינגסטע זײַט בעהאַנגען מיט אַ גרינעם פאָרהאַנג, כּדי דער מײַזעל זאָלען נישט וועה טהון די רויטע אויגלעך פון צו שאַרפען זונענשײַן. און דאַן פלעגט זי מיט אַ זיסער ווײכער שטימע צו איהר פרײַנדליבע ווערטער רעדען.

— דיר איז גאַנץ גוט, מײַן מײַזעלע, — האָט זי געזאָגט צו איהר, — דו דאַרפסט זיך נישט ארומוואַלגערן אין ענגע פינסטערע לעכער, וואו עס מוז זײַן שמוציג און קאַלט און וואו ווערעם וואָהנען. בררר! — זי האָט זיך אַ טרײסעל געטהון פאַר שרעק, ווי זי האָט נאָר וועגען דעם אַ טראַכט געטהון. — דו האָסט אַ שען הויז, מען האַלט דיך וואַרעם און רײן ווי אַ פּרינצעסין, איך גיעב דיר נאַשערײַען, וואָס אַזוי וואָלסטו קײנמאָל אפילו קײן שמעק פון זײַ נישט בעקומען, סײַדען דו וואָלסט זיך אײַנגעשטעלט דאָס לעבען צו געהן גנבה'נען, דו האָסט קערנער פון זיסע ווײַנטרויבען, ראָזינקעס, ניס, מילך־ברויט און שטיקלעך שמאַלץ. דו דאַרפסט פאַר קײן קאַץ נישט מורא האָבען. דאַרפסט זיך פאַר קײן נעץ נישט היטען. דו ביזט די גליקליבסטע צווישען אַלע מײַז.

נאָר די חײַםע מויז האָט דאָס נישט אײַנגעזעהן. זי איז געבליעבען אומעטיג און אין איהר העררין גאָר נישט דאַנקבאַר

געוועזן פאר איהר זארגען זיך וועגען איהר און איהר ליעבע. ווען זי האט געדערעכענט, אז קיינער בעטראכט זי נישט, האט זי זיך כיט פיעל פערגניגען געשפיעלט מיט'ן ראד אדער מיט דער וואל פון איהר געסט, אדער זיך געקעמט און געבארשט מיט די פארערשטע פיסלעך, וואס זעהען אויס ווי הענד, אזוי געניי ווי א סאלדאט פאר א פאראד. נאר קוים איז דאס קליינע מעדעל צו איהר קלעטקע צוגעקומען, אזוי האט זי מיט א מאל אויפגעהערט זיך צו ריינינגען און שפיעלען זיך און איז אונטער איהר וואל פערקראכען. און ווען איהר הערדין האט די האנד אין קלעטקע אריינגעשטעקט, כדי זי ארויסצונעהמען און גלעטען, אזוי האט זי אנגעהויבען ארומצולויפען אין אלע עקען פון איהר שטיבעל, כדי ענטרונגען צו ווערען פון דער האנד, וואס האט זיך צו איהר געצויגען, און אז די האנד האט זי דאן אנגעחאפט, האט זי אנגעהויבען צו פישטשען און קוויקען, און האט זיך אזוי שטארק געצאפעלט, ווי זי האט נאר כח געהאט, כדי זיך ארויסצורייסען.

— נאריש מייזעל, — האט דאס קליינע מעדעל געזאגט, נאר דאך האט זי די געדולד נישט פערלארען. — מיט דער צייט וועסטו דאך סוף כל סוף איינזעהן, ווי גוט איך בין צו דיר.

צי זי האט ווירקליך איינגעזעהן, דאס איז נישט לייכט צו זאגען. אפשר האט זי נאר איינגעזעהן, אז דאס צאפלען און דאס נישט לאזען זיך העלפט סיי ווי סיי נישט. זי האט זיך ווייניגער געוועהרט, ווען איהר הערדין האט זי אנגענומען, און דעריבער האט זיך געדוכט, אז זי האט זיך שוין צוגעוואוינט. נאר זי האט זיך נישט אומגעקוקט, ווען דאס קליינע מעדעל האט זי גערופען מיט דעם נאמען „שנעעווייסעלע", וואס זי האט איהר געגעבען, און האט בכלל קיין אכט נישט געלעגט אויף קיינע ציטריגע נעמען, און איז נאר אומעטיג פערקראכען אין א ווייטען ווינקעל פון דער קלעטקע, ווען מען האט אויף איהר געקוקט דורך די שענע גראטעס פון איהר שטיבעל. מיט דער צייט האט זי זאגאר דעם אפעטיט פערלארען, און דעריבער איז זי מאגער געווארען און שלעכט אויסגעזעהן. סוף כל סוף האט זי אויך אויפגעהערט זיך צו שפיעלען מיט'ן ראד, פערקראכען אין א ווינקעל און האט פאר

שוואַכקייט זיך קוים געקאָנט שלעפּען.

דאָס האָט דאָס קליינע מעדעל שטאַרק געאַהרט. זי איז געקומען צו איהר מוטער צו לויפען און געזאָגט: — אַח, מאַמאַ, קום נאָר און טהו אַ קוק, וואָס איז דאָס מיט שנעעגוויסעלע'ן געוואָרען. זי פרעסט נישט, שפּילט זיך נישט און איז שטענדיג אומעטיג. איך קאָן זי גאָרנישט פרעהליך מאַכען.

די מוטער האָט אַ שמייכעל געטהון. — וואָס טהוסטו דען, כדי זי פרעהליכער צו מאַכען?

— איך גלעט זי, איך פּלוידער מיט איהר, איך זינג איהר אפילו מיינע שענסטע ליעדער, וואָס איהר אַלע פלעגט מיך קושען פאַר זיי. נאָר שנעעגוויסעלע'ן נעהמט דאָס גאָר נישט. זי איז געוויס קראַנק. מען מוז איהר איינגעבען.

— דאָס וועט גאָרנישט העלפען, — האָט די מוטער געזאָגט. — איך מיין, אַז דיין מייזעל איז לאַנגווייליג, ווייל זי איז שטענדיג אַליין.

— אָבער זי האָט דאָך מיך, — האָט דאָס קליינע מעדעל אויסגערופען.

— ווייזט אויס, דו ביזט נישט גענוג פאַר איהר. זי וויל וואודאי האָבען נאָך אַ מויז צו שפּיעלען זיך מיט איהר.

מען האָט וויסען געגעבען דעם מערקווירדיגען פעטער, וואָס דאָ טהוט זיך, און ער האָט באַלד געבראַכט אַ צווייטע ווייסע מויז, וועלכע מען האָט צו שנעע ווייסעלע'ן אין שטיבעל אַריינגעזעצט.

זי האָט די נייע מויז גרויסאַרטיג אויפגענומען. זי האָט אין איהר וואָלנעסט געמאַכט פאַר איהר אַ ברייטען, בעקוועמען פּלאַץ אין סאַמע מיטען, וואו עס איז געוועזען צו'ם ווייכסטען און צו'ם וואַרעמסטען, און זי אַליין האָט זיך בעגנוגענט מיט אַ שמאָלען ראַנד; זי האָט איהר מכבד געוועזען מיט איהרע בעסטע נאַשערייען, און נאָכדעם ווי די נייע מויז האָט געפרעסען און זיך אויסגערוהט, האָט זי זי אַרומגעפיהרט אין איהר שטיבעל און איהר אַלץ געוויזען, אויך דעם ראַד, אויף וועלכען זי האָט פאַר איהר געמאַכט אייניגע איבונגען פון אינוועניג און אויסוועניג, דאַן האָט זי זיך געזעצט נעבען איהר און זי בעשמעקט און בעלעקט, אַזוי ווי היינד

זיינען געוואוינט צו טהון מיט זייערע קינדער די הינדטעלעך. זי איז גאר א נייע מויז געווארען. שוין נישט געווען אומעטיג, נאר לעבעדיג און ריהרעוודיג ווי א בעל-הבית'טע, וואס האט אונגע-ריכט א ליעבען גאסט בעקומען.

דאס קליינע מעדעל האט זיך מיט פערגניגען צו דעם אלעם צוגעקוקט און איין א ווייל ארום האט זי זיך שוין אויך געוואלט אריינמישען אין די געזעלשאפט פון די צווי מייז. זי האט ווי שטענדיג איהר האנד אין קלעטקע אריינגעשטעקט, כדי זיי אנצוחאפען. נאר די נייע מויז איז מיט איין שפרונג פון נעסט ארויס און זיך אין ראד בעהאלטען, און שנעעווייסעלע איז צוליעב דער דאזיגער שטערונג גאר אויסער זיך געווען. געפישטשעט פאר ערגער און פערדרוס און איהר אין האנד א צופ געטהון. ווען דאס קליינע מעדעל וואלט נישט שנעל די האנד צוריק ארויסגעצויגען, אזוי וואלט זי איהר געוויס א ביס געטהון.

צו'ם אנהויב האט דאס קליינע מעדעל געוואלט אין כעס ווערען און אבטהון שנעעווייסעלע'ן עפעס שלעכטס. זי האט שוין א חאפ געטהון איהר פעדער-האלטער, כדי מיט איהם צו גרא-טשען דער מויז די ווייסע פעל, נאר זי האט זיך בעהערשט, אבי-געלאזט דאס מיינעל, וואס זי האט שוין געהאט פאר'ן נאקען אנגעחאפט, און צוריק אוועקגעלעגט דעם פעדער-האלטער, וואס זי האט שוין צו'ם ערשטען קלאפ געהאט אויפגעהויבען.

— גוט. איך וועל דיר גארנישט טהון. — האט זי גע-זאגט. — בעסער פערשטעהסטו נישט. דו ביזט אפילו א שלעכטע און א אונדאנקבארע, נאר דערין איז דיין נארישקייט שולדיג, און דעריבער פערצייה איך דיר.

ווי נאר זי האט די דאזיגע ווערטער ארויסגערעדט פאר זיך האלב אין דער הויך, אזוי האט זי פלוצלונג דערזעהן ווי נעבען איהר שטעהט א וואונדערשענע פרוי מיט בלאנדע האר און בלויע אויגען אין א העל-בלויער קלייד, וואס אויף איהר האבען זעהר פיעל זילבערנע שטערען געגלאנצט. זי האט קיין צייט נישט געהאט זיך צו וואונדערן, ווי אזוי האט די שענע פרוי גע-קאנט אריינקומען אונבעמערקט, דען שוין האט די פרוי געזאגט

מיט א שטימע, וואס האט ווי זיסע מוזיק געקלונגען: — „דאס איז גוט געווען, ליעב קינד. אויף שוואכערע מוז מען שטענדיג רחמנות האבען און גוט זיין צו זיי. אלס לויהן דערפאר זאלסטו פון היינט אן די שפראך פון די ווייסע מייז פערשטעהן".

— איהר זענט געוויס א פעע, געהערטע מאדאם? — האט דאס קליינע מעדעל שעמעודיג געפרעגט.

— קאן זיין, אז יא, — האט די שענע פרוי געענטפערט מיט א שמייכעל, זיך איינגעבויגען צו איהר, איהר זאנפט אויפ'ן שטערן א קוש געטהון און איז מיט א מאל ווידער פערשוואונדען, חאטש דאס קליינע מעדעל האט נישט געזעהן, אז זי זאל האבען דורך די טהיר ארויסגעגאנגען. דאס קינד האט געמיינט, אז דאס האט זיך איהר נאר געחלומ'ט, נאר דער וואונדערבארער ריח פון ראזען, וואס איז אין איהר צימער געבליבען, האט אידר איבערצייגט, אז זי איז וואך געווען און האט ווירקליך מיט דער פעע גערעדט.

דאן איז זי שנעל צוגעגאנגען צו דער קלעטקע, כדי זיך איבערצוצייגען, צי זי פערשטעהט די שפראך פון די מייז. צו'ם ערשטען האט זי גארנישט געהערט אויסער א שטיל געדויש ווי א ווייטע פליעגען-זומעריי, פון וואס זי האט גארנישט געקאנט פערשטעהן. נאר אז זי האט זיך לענגער און אויפמערקזאמער צוגעהערט, האט זיך איהר אויער צוגעוואוינט צו'ם שוואכען געדויש, און ריכטיג — אין א פאר מינוטען ארום האט זי דייטליך און אלץ דייטליכער דערהערט צוויי דינע שטימעלעך, וואס האבען צווישען זיך פערשטענדליכע ווערטער גערעדט.

— ארעמע, ארעמע פריינדין, — האט איין שטימע געזאגט.

— דו האסט רעכט, מיך צו בעדויערען, — האט די אנדערע געענטפערט. — מיר איז דא זעהר, זעהר שלעכט געווען. איך זאג דיר, איך האב דא געפיהרט אזא לעבען, אז מיין ערגסטען שונא וווינש איך עס נישט.

— פון רעכטוועגען דוכט מיר, אז עסען און דירה האסט

גאנץ גוטע, — האט זיך ווידער געלאזט הערען די ערשטע שטימע.

— דערויף איז נישטא וואס זיך צו קלאגען, — האט די צווייטע געענטפערט, — ווען מען וואלט זיך נאר געקאנט פערגינען א לעב צו טהון. נאר ווי איז דען דאס מעגליך, בשעת מען ווערט כסדר געקוועלט און געפייניגט און שלעכט בעהאנדעלט.

דאס קליינע מערעל האט זיך שטארק פערוואונדערט. ווער איז דאס, וואס פייניגט און קוועלט און בעהאנדעלט שלעכט שנעעווייסעלע'ן?

די דינע שטימע האט ווייטער גערעדט: — דא שלעפט זיך שטענדיג ארום א מורא'דיגע חיה, וואס זעהט אויס נאך שרעקליכער ווי א קאץ. יעדעס מאל, ווען דאס דאזיגע ביאוסטע בעשעפעניש געהט צו מיין שטיבעל צו, אזוי מיין איך, אז אט איז שוין מיין סוף געקומען. זי איז אזוי ריעזיג ווי א בארג. דו קאנסט זיך דיר דאס גאר נישט פארשטעלען. זי האט לאפעס, וואס מיר ביידע צוזאמען און נאך דריי אדער פיר פון אונזערע שוועסטער און מוהמעס וואלטען בעקוועם זיך אין זיי געקאנט אויסזעצען. יעדער פינגער איז אזוי לאנג, ווי איך פון פיסק ביז צו'ם עק וועדעל, די נעגעל זענען ברייט און דיק ווי ביי א הויז-טהיר. מיט די דאזיגע נעגעל, וואס זעהען אויס ווי באלקענס, חאפט מיך די חיה אן, אז איך גע‌ה שיער נישט פון זינען אראב און איך מוז פאר שמערץ און מורא אויפשרייען. נאר וואס העלפט מיין יאמערן? די שרעקליכע חיה האט קיין הארץ נישט. מיינע שמערצען פערשאפען איהר פערגניגען. זי רייבט מיך מיט דער ריעזיגער לאפע איבער'ן רוקען, און דאן קומט מיר פאר, ווי א שווערער וואגען וואלט מיך איבערגעפאהרען. איך קאן גאר נישט פערשטעהן, ווי איך האב נאך אזוי פיעל צרות אפילו איין גאנץ ביינדעלע אין לייב. די שרעקליכע חיה הויבט מיך אויף ביז צו איהר קאפ, וואס איז זעהר מיאוס, קיילעכדיג און פארענט גאנץ פלאך, און האט אפילו נישט קיין סימן פון קיין פיסקעל ווי מיר האבען, זי האט אויך נישט קיין וואנסעס, דערפאר האט זי אויף דער אויבערשטער זייט פון

מוח אַ וואַלד פֿון דיקע ווי בוימער, מיאוס געלע האָר. די אויגען זענען אַזוי גרויס ווי מיין קאָפּ. בנאמנות איך זאָג דיר קיין ליגען נישט. און בשעת זי קוקט מיך אָן גאַנץ נאָהנט מיט די דאָזיגע ווילד קוקענדיגע, אונבאַרמהערציגע אויגען, רייסט זי אויף אַ ריזיגען מויל און לאָזט אַרויס אַזאַ מורא'דיגען געוויש, אַז איך מיין, די וועלט געהט אונטער. נאָך די דאָזיגע יסורים זעצט מיך די חיה צוריק אין מיין שטיבעל אַריין, נאָר דאַן בין איך מעהר טויט ווי לעבעדיג, דאָס קאָנסטו זיך פֿאָרשטעלען. און עס געהט פֿערביי אַ רעכטע צייט, ביז איך קום אַ ביסעל צו זיך. די חיה לאָזט מיך אָבער קיינמאָל נישט לאַנג צורוה. אין אַ קורצע צייט אַרום הויבט זיך ווידער אָן דאָס ברעכען די ביינער און דאָס דונערנדיגע שרייען און דאָס שרעקליכע גלאָצען מיט די ריזיגע אויגען, און מיין גאַנץ לעבען פֿערברענג איך דערמיט, וואָס איך טראַכט מיט שמערצענדע גלידער וועגען דעם לעצטען אָנפֿאַל און ציטער פֿאַר דעם נייעם, וואָס וועט באַלד געשעהן.

— נאָר וואָס וויל די דאָזיגע חיה פֿון דיר — האָט די שטימע געפֿרעגט, — וויל זי דיך דען אויפֿפֿרעסען?

— איך רעכען, אַז נישט, — האָט די אנדערע געענטפֿערט; — וואָרום ווען יאָ, וואָלט זי מיך שוין לאַנג געקאָנט האָבען אויפֿגעפֿרעסען. זי וויל זיך נאָר מיט מיר שפּיעלען. עס פֿערשאַפֿט איהר אַ גרויזאַמע שמחה, ווען זי קוועלט מיך און הרג'עט מיך מיט לאַנגזאַמע יסורים.

— אַח, שוועסטער, ווי דו מאַכסט מיך טרויעריג, — האָט די ערשטע שטימע געזאָגט. — וועט אַ אויך מיין שיקזאַל זיין אַזוי?

— איך ווייס נישט, — האָט די אַנדערע געענטפֿערט; — נאָר, יעדענפֿאַלס האָב איך איצט דיך און דו האָסט מיך און צוזאַמען וועלען מיר אונזער אונגליק לייכטער פֿערטראָגען.

מעהר האָט שוין דאָס קליינע מעדעל נישט געוואָלט הערען. טיעף געקרענקט איז זי שנעל צו איהר מוטער געלאָפֿען, איהר אַלץ דערצעהלט, זיך בעקלאָגט אויף שנעעווייסע־

לעֶין, וואָס איִז אַזוי אונדאַנקבאַר און געוואַגט: — אויב איִך בּין אַ שרעָקליִכע חיה, אויב מייַנע פיִנגער זעֶנעָן קלעָצער, וואָס צעֶדריִקעָן זי, אויב מייַן שטיִמעָ איִז אַ מוראָ'דיִגער געשריי, אַזוי וויִל איִך מיִך שוין מעֶהר ניִשט קיִמעָרן וועגען זיי.

— דאָס וועט זייַן דאָס בעסטעָ — האָט די מוטעָר געָזאָגט. — בעגנוגעָן דיִך דעָרמיִט, איִהר פּאַשעָ צו געֶבעָן, דייַן געזעֶלשאַפט און דייַן ליִעבּעָ דאַרף די מויז בּלל ניִשט. און אַפילו אַז זי איז אַ וויַיסעָ מויז, מויז בּלייַבט מויז און גליקליִך קאָן יעֶדער זייַן נאָר מיט זייַן גלייַכעָן.

# דער הארץ-פארעם.

# דער הארץ-פאדעם.

פון די געשיכטען פון מאקס נארדוי.

אין א אלטען פאלאץ נעבען ים האט אמאל געוואהנט א יונגע שענע קעניגין, וואס איז געוועזען רייכער און מעכטיגער ווי אלע מלכים ווייט און ברייט אין לאנד און אויף יענער זייט ים. זי האט געהאט פיעל גרויסע שיפען, וואס פלעגען איהר פון די ווייטסטע לענדער כלערליי טייערע זאכען ברענגען. זי האט פערמאגט פיעל שטעדט און פאלאצען, פעלדער און סטאדעס און אלץ, וואס א מענשענס הארץ קען נאר פערלאנגען. איהרע מטבעות-גיעסערייען האבען געגראבען גאלד פון איהרע בארג-מעטאלען, איהרע מיהלען האבען געמאהלט ווייץ פון איהרע אייגענע פעלדער, אין איהרע אויוענס האט געברענט האלץ פון איהרע אייגענע וועלדער, די שטאפען צו איהרע קליידער זענען געוועזען פון די זיידענס פון איהרע אייגענע זייד-ווערימלעך און די וואל איז געוועזען פון איהרע אייגענע שעפסען געשפונען, און אז זי האט זיך אמאל געוואלט לוסטיג מאכען, האט זי אין איהר אייגענעם לאנד געהאט גענוג נאראנים, וואס זי האט געקאנט לאכען פון זיי. צו איהר גליק האט נאר איינס געפעהלט: קינדער אדער ווענינסטענס איין קינד. ווייל חאטש זי איז שוין פון פיעל יאהרען געוועזען פערהייראטעט, האט זי נאך ביז אהער אלץ אומזיסט נאך א קינד געבענקט.

אז איין יאהר נאכ'ן אנדערן איז פערביי און זי האט נאך אלץ נישט זוכה געוועזען א קינד צו האבען, האט די שענע יונגע קעניגין איהר פרעהליכען געמיט פערלארען און איז וואס ווייטער אלץ מרה-שחורה'דיגער געווארען. איהר עשירות האט איהר שוין קיין פרייד נישט פערשאפט, אויף די טייערסטע זאכען, וואס

איהרע שיפען האבען איהר פון די וויטסטע לענדער געבראכט, האט זי קוים א בליק געווארפען, פון איהרע נאראנים האט זי שוין מעהר נישט געלאכט, אפילו ווען זיי פלעגען פון זיך די גרעסטע בלאזענס מאכען, זי האט זיך אין איהר ווייטסטען טהורם פערשלאסען און זיך געשפיעלט מיט די לאלקעס פון איהרע קינדער-יאהרען, וואס זי האט אויסגעטהון און אנגעטהון, געוואשען און געצערטעלט, איף די הענד געוויעגט און זיי שלאף-ליעדער געזונגען, אדער זי פלעגט זיך הייסען ברענגען פרעמדע וויקעל-קינדער, וואס זי פלעגט מיט זיי אויך די זעלבע צערטליכע מעשים אבטהון, מיט קישען און טרעהרען בעדעקען, ביז זי פלעגט זיי צוריק צו זייערע מוטערס אבשיקען.

די קעניגין האט שוין קיין מוטער נישט געהאט, דערפאר האט זי געהאט א אם, א קלוגע און א גוטע פרוי. איהר האט זי איינמאל געפרעגט: „אח, זאג מיר, מיין ליעבע אם, צי דען קומט קיינמאל נישט דער באטשאן אין מיין לאנד?"

— א יא, מיין שענע קעניגין, — האט די אם געענט-פערט, — ער קומט אפילו יעדען טאג און יעדע נאכט.

— נאר פארוואס קומט ער קיינמאל אין מיין שלאס נישט אריין?

— דאס ווייס איך נישט, מיין געליעבטע קעניגין, וואטש איך בין שוין אלט.

— ווי מיינסטו, וואלט איך איהם געקאנט הייסען חאפען, ווען ער וועט פאר מיין פאלאץ פערביי פליהען?

די אם האט נאכדענקענד דעם קאפ א שאקעל געטהון. „דאס וואלט איך נישט געראטען. אז מען חאפט א באטשאן, האב איך געהערט, אזוי פאלט איהם דאס קינד פון שנאבעל ארויס און עס ווערט איפן ארט דערהרג'עט. דאן וועסטו גאר-נישט האבען און די מוטער, וואס ריכט זיך דערויף, וועט אויך גארנישט האבען".

נעגען דעם האט די קעניגין גארנישט געקאנט זאגען. פון דעסטוועגען האט איהר שוין מעהר נישט אבגעלאזט דער געדאנק, צוצוחאפען פון באטשאן א קינד, אויב ער וועט איהר מיט גוטען

נישט וועלען ברענגען. זי האט בעפוילען איהרע יעגער, זיי זאלען יעדע נאכט ארויפקלעטערן מיט זייערע נעצען אויף דעבער פון הייזער און שפיצען פון טהורמס, אויף הויכע בערג און שפיצען בוימער, כדי א באטשאן וואס טראגט א קינד צו חאפען, ווען ער וועט פערבייפליהען פאר זיי אזוי נאהנט, אז זיי וועלען איהם מיט די הענד קאנען דערגרייכען. נאר גלייכצייטיג האט זי זיי שטרענג אנגעזאגט, אז זיי זאלען דעם פויגעל נישט איבערשרעקען און קיין שמערץ נישט פערשאפען, און דערהויפט זאלען זיי אכטונג געבען, אז דעם קינד זאל קיין שלעכטס נישט געשעהן.

די יעגער האבען געפאלגט דער קעניגינס בעפעהל און האבען זיך נאכט ביי נאכט אוועקגעשטעלט אויף זייערע פלעצער אויף די שפיצען בוימער און די הויכע בערג, אויף טהורמס און דעכער פון הייזער; זיי האבען אפילו ביי'ם שיין פון לבנה און שטערען געזעהן פיעל באטשאנעס מיט וויקעל-קינדער אין די שנאבלען פערבייפליהען, נאר זיי זענען אזוי הויך געפלויגען, אז די יעגער האבען נישט געקאנט אויף זיי זייערע נעצען פערווארפען, און זיי האבען יעדעס מאל געמוזט זייערע הויכע פלעצער מיט לעדיגע הענד פערלאזען. די קעניגין איז מיט זיי געווען זעהר אונצופריעדען, ווייל זיי זענען אזוי אונגעשיקט, נאר די באטשאנעס זענען אויך אויף זיי אויפגעבראכט געווען, אויבוואויל די יעגער האבען זיי גארנישט געקאנט טהון. זיי האבען זיך פאר דער קינדער-פעע בעקלאגט, אז אין לאנד פון דער שענער קעניגין לאזט מען זיי נישט פריי זייער וועג פליהען, נאר מען שרעקט זיי אלע מאל איבער מיט פלוצלונגע אויסשרייען און נעץ-פערווארפען, אז שיער פערליערען זיי פאר שרעק די קינדער, וואס מען טרויעט זיי אן; אויך בעאונרוהיגען די דאזיגע געמיינע אנפאלען די קינדער, וואס הויבען דערוויי אן צו שרייען, און זיי טארען דאך אין דער נאכט-קיהלקייט די מיילעכליך נישט עפענען, ווייל זיי קאנען זיך דאך נאך מיט פערשיעדענע קראנקהייטען אנשטעקען.

די קינדער-פעע האט די אנקלאגע פון איהרע שלוחים די פויגעל מיט א גערונצעלטען שטערן אויסגעהערט און בעשלאסען

אלײַן די זאַך אויסצופאָרשען. נאָך זון־אונטערגאַנג האָט זי די אַרויספליהענדע באָטשאַנעס בעגלײַט און אַז זי איז אָנגעקומען צו׳ם גרענעץ פון׳ם לאַנד פון דער יונגער שענער קעניגין, האָט זי גלײַך אויף די ערשטע וואַלד־בערג צווישען די שפּיצען פון די העכסטע בײַמער דערזעהן אַ גאַנצע מחנה יעגער, וואָס האָבען מיט די נעצען אין די הענד אויף די באָטשאַנעס געלאָקערט. שנעל ווי אַ אָדלער איז זי צו אײַן יעגער צוגעפלויגען, איהם מיט די הענד פאַר בײַדע אַקסלען אָנגעחאַפּט און מיט אַ מורא׳דיגער שטימע אַ געשרײַ געטהון אויף איהם: „מענש! פאַרוואָס לאָזט מײַנע באָטשאַנעס נישט צו רוה?"

דער יעגער האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקען, אַז ער האָלט געווים פון בוים אַראָבגעפאַלען, ווען די קינדער־פעע וואָלט איהם נישט אונטערגעהאַלטען. איצט אָבער איז איהם נאָר די נעץ פון די הענד אַרויסגעפאַלען און ער האָט ציטערענדיג געענטפערט: „ווײַל מ׳האָט מיר אַזוי בעפוילען".

נאָכדעם ווי זי האָט זיך ווײַטער אויסגעפרעגט, האָט זיך די קינדער־פעע דערוואוסט, אַז די יעגער טהוען דאָס לויט דעם בעפעהל פון זײַער קעניגין און אַז זײַער הערין איז אויף זײַ זעהר בעז, ווען נאָך אַ נאַכט, וואָס זײַ האָבען אומזיסט אָהן שלאָף פאַרבראַכט, קומען זײַ אין דער פריה אין פּאַלאַץ אַרײַן אָהן אַ באָטשאַן און אָהן אַ קינד.

די קינדער־פעע האָט דעם איבערגעשראָקענעם יעגער באַלד געהײַסען זײַן פּאַלאַץ פערלאָזען און אַהײם געהן, און ער זאָל אַלע זײַנע חברים אָנזאָגען, אַז אויב דאָס לעבען איז זײַ ליעב, זאָלען זײַ פון איצט אָן די באָטשאַנעס צו רוה לאָזען. ער האָט איהר געפאָלגט, נאָר אויף צו מאָרגענס אין דער פריה איז אָנשטאָט די יעגער געקומען אין פּאַלאַץ די קינדער־פעע. זי איז אַרײַן אין צימער פון דער יונגער שענער קעניגין און זי נישט בעגריסענדיג אפילו, האָט זי מיט אַ שטרענגער מינע און האַרטער שטימע געזאָגט: „ווי קומט עס, וואָס דו האָסט בעפוילען דײַנע יעגער צו חאַפּען די באָטשאַנעס, וואָס טראָגען קינדער?"

די קעניגין האָט איבעראַשט אַ קוק געטהון אויף די הויכע

פרעמדע פרויא אין א בלויער קלייד מיט די לייכטענדע אויגען און מיט א קליין ווייס שפּיצען־הייבעל אויף די גרויע האר, און האט מאיעסטעטיש געענטפערט: „איהר ווייסט אוודאי נישט, מיט וועמען איהר רעדט, אז נישט וואלט איהר זיך נישט געוואגט—".

— ווייס איך וואס! — האט איהר די קינדער־פעע איבער־געשלאגען די רעד—מיט אזא גאוה קאנסטו רעדען מיט עמיצען אנדערש, נישט מיט מיר. איך ווייס גאנץ גוט, אז דו ביזט די קעניגין פון דעם לאנד, נאר פאר מיר איז אלץ איינס, צי א קעניגין צי נישט. איך האב צו שאפען איבער די הייליגסטע שטעלע. אין מיין רשות ליעגט די צוקונפט פון מענשען־געשלעכט. איך גיעב אכטונג איבער די געבורט. איך בין די קינדער־פעע, וואס שיקט די באטשאנעם צו די מוטערס, און איך פערבאט דיר —

מעהר האט די קינדער־פעע נישט געקאנט רעדען, ווייל ווי נאר די קעניגין האט דערהערט, ווער עס שטעהט פאר איהר, אזוי האט זי איהר גאנצען שטאלץ פערגעסען, זי איז געפאלען דער קינדער־פעע צו די פיס, ארומגעכאפט איהרע קניע און געבעטען: „ליעבע, גוטע קינדער־פעע, שענקט מיר א קליין קינד".

די פעע האט זי א קליינע ווײַלע קלערענדיג בעטראכט, דאן האט זי זי מיט א ליעבען שמייכעל אויפגעהויבען און מיט א פיעל זאנפטערער שטימע געענטפערט: „ניין, ליעבע קעניגין; איך קאן דיר דיין בעטע נישט ערפילען".

— נאר פארוואס נישט, טייערע פעע? פארוואס זאל איך נישט זוכה זיין צו דעם גליק, וואס אפילו די נעמיינסטע פון מיינע אונטערטהעניגע פרויען זענען דערצו זוכה?

— קינדער פערשאפען נישט נאר גליק, נאר אויך שמערץ, ליעבע קעניגין.

— איך וויל גערן אננעהמען אויך דעם שמערץ, טייערע פעע.

— דו ווייסט גאר נישט, וואס דו ווילסט נעהמען אויף זיך, גוטע קליינע קעניגין. א קינד ווערט לייכט און אפט קראנק, דאן

מוז די מוטער אין טויט-שרעק גאנצע נעכט נעבען קינדס בעטעל אויף זיין, א קינד שטארבט נישט זעלטען זעהר פריה אב, און דאן איז דער מוטער שוין מעהר דאס לעבען נישט ניחא, אין ווען מען הארעוועט שוין אפילו דאס קינד גליקליך אויף, האט עס נאכדעם חתונה, ווען עס ווערט גרויס, און לאזט די מוטער אליין אויף דער עלטער.

— דאס אלץ שרעקט מיך נישט אב; טייערע פעע, איך בעט אייך פון גאנצען הארצען, שענקט מיר נאר א קינד, איך וועל עס צוזעהן, ווען עס וועט קראנק ווערען; איך וועל דאס נישט איבערלעבען, אויב דאס וועט שטארבען, איך וועל מיך מיט זיין גליק פרעהען, ווען עס וועט אמאל חתונה האבען, נאר שענקט מיר א קינד, ליעבע טייערע קינדער-פעע.

די פעע האט א קליינע ווייל געטראכט. „ווארט", האט זי דאן געזאגט, „איך וועל זעהן, צי איך וועל פאר דיר עפעס קאנען טהון". זי איז זעהר נאהנט צו דער קעניגין צוגעגאנגען, זי שארף אנגעקוקט און א מורמעל געטהון: „ווירקליך, אט די קליינע האט דעם הארץ-פארעם. דאס האב איך ביי קעניגינס נישט גאנץ אפט געפונען".

— וואס איז דאס אזוינס דער הארץ-פארעם? — האט די קעניגין זעהר נייגיעריג און עטוואס טרויעריג געפרעגט.

— צי דען האסטו איהם נאך קיינמאל נישט געזעהן? — האט די קינדער-פעע געזאגט.

— ניין, — האט די קעניגין געענטפערט; — איך ווייס נישט, וואס דו מיינסט.

דאן האט די פעע עפעס אנגענומען און עס דער קעניגין פאר די אויגען געהאלטען. די קעניגין האט איבערראשט דערזעהן פאר זיך א לאנגען פארעם, וואס איז געוועזען אזוי דין, ווי דאס סאמע דינסטע שפינוועבס, און האט אויסגעזעהן ווי פון גאלד געשפונען. זי האט עס אנגעחאפט און אביסעל האסטיג א ציה געטהון, נאר פלוצלונג האט זי אין הארצען א שמערץ דערפיהלט און זי האט א שטילען געשריי געטהון. יעצט האט זי איינגעזעהן, אז דער פארעם וואקסט איהר פון דער ברוסט ארויס, און זי האט

די קינדער-פֿעע געפֿרעגט, צי זי האָט איהם שוין פֿון לאַנג.

— דו האָסט איהם שטענדיג געהאַט, — האָט די קינדער-פֿעע געענטפֿערט, — נאָר דו האָסט דערויף קיין אַכט נישט געלעגט און דעריבער גאָרנישט בעמערקט. נו, וועל איך דיר שיקען אַ קינד, וואָס וועט אויך דעם הארץ-פֿאָרעם האָבען. זאָלסטו איהם צו דיין פֿאָרעם צובינדען, און דאַן וועט אייך קיינער און קיין זאַך נישט קאָנען שיידען.

די קעניגין האָט פֿון פֿרייד אָנגעהויבען צו וויינען, נאָר נאָך איידער זי האָט איהר אַ דאַנק געקאָנט זאָגען, איז די קינדער-פֿעע דורכ'ן פֿענסטער אַרויסגעפֿלויגען און ווי אַ בלויער וואָלקען ווייט אין די לופֿט אַוועקגעשוועבט. דאַן האָט די קעניגין די אַם גערופֿען און מיט אַ גדולה איהר דערצעהלט, אַז דער באָטשאַן וועט אין גיכען צו איהר קומען. באַלד האָט מען אין פּאַלאַץ אָנגעהויבען מאַכען גרויסע הכנות, פֿיערציג געשיקטע נעהטאָרינס האָבען צוגעגרייט קינדער-וועש, צוועלף גאָלד-שמידען האָבען פֿון גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער אַ וויעגעלע געמאַכט, פֿון צווישען די בערג האָט מען אַ יונגע בליהענדע אַם אַראָבגעבראַכט, און אַז אַלץ איז שוין פֿאַרטיג און אין בעסטער אָרדנונג געווען, האָט מען אונגעדולדיג גענומען וואַרטען אויף דאָס ווייטערדיגע.

נאָר לאַנג האָט מען נישט בעדאַרפֿט צו וואַרטען. אין אָוועַנד, נאָכדעם ווי די אַם איז אָנגעקומען אין פּאַלאַץ, האָט מען אין טהורם-פֿענסטער אַ קלאַפּ דערהערט. מען איז שנעל צוגעלאָפֿען און אויפֿגעמאַכט, אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט אַ גרויסער באָטשאַן אַראָבגעלאָזט אַ קליין קינד אין די אויסגעשטרעקטע אָרעמס פֿון דער אַם, און פֿייל פֿון בויגען אַוועקגעפֿלויגען. די אַם איז אַריינגעלאָפֿען מיט'ן קינד אין שלאָפֿצימער פֿון דער קעניגין, וואָס האָט עס שאַלענדיג פֿון שמחה צו זיך צוגעצויגען און מיט אונצעהליגע קושען בעדעקט.

דאָס איז געווען אַ וואונדערשען, קליין מעדעלע, ווייס און ראָזיג, מיט רונדע איברימ'לעך, גאָלד-בלאָנדע האָר און בלויע אויגען. די קעניגין האָט גלייך נאָכגעזעהן. ריכטיג: פֿון איהר קליינער ברוסט איז איהר אַרויסגעוואַקסען אַ וואונדער-שענער פֿאָרעם,

ווי פון יאַהר, וואָס האָט אויסגעזעהן אַזוי צאַרט, אַזוי ווי איין בלאַ מיט׳ [illegible]יל וואָלט איהם געקאָנט איבעררייסען, נאָר ער איז געווען [illegible] שטאַרק, אַז די קעניגין האָט מיט אַלע כחות מיט די הענד און אַפילו מיט אַ שער נישט געקאָנט אָבשניידען דערפון דעם סאַמע דינסטען עק. דאַן האָט זי, ווען קיינע פון איהרע פרויען האָט נישט געזעהן, צוגעבונדען דעם האַרץ־פאָדעם פון איהר־קינד צו איהר אייגענעם, און גלייך האָט זי דערפיהלט, ווי פון קליינעם הערצעל האָט זיך אַ זאַנפטע וואַרימקייט אין איהר האַרצען אריינגעצויגען און זי מיט גליק ערפילט.

פון דעמאָלט אָן איז די שעהנע יונגע קעניגין שטענדיג געווען צוזאַמען מיט איהר קליין מעדעלע, וואָס זי האָט אַ נאָמען געגעבען הילדע. צו׳ם אָנהויב זענען די ביידע פערקניפּטע האַרץ־פעדעם געווען אַזוי קורץ, אַז די מוטער האָט זיך קוים געקאָנט אויף אַ פּאָר טריט פון איהר קינד אָבּרוקען, הילדע האָט שטענדיג געמוזט נאָכגעהן דער קעניגין, וואוהין זי איז געגאַנגען, און אַז די אַם, וואָס האָט דאָס קינד געטראָגען, איז נישט גענוג שנעל איהר נאָכגעגאַנגען, אַזוי האָט עס אוהר ביי׳ם האַרצען אַזוי שמערצליך אַ ציה געטהון, אַז זי פלעגט אַ געשריי טהון און שטעהן בלייבען. נאָר וואָס גרעסער דאָס קינד איז געוואָרען אַלץ מעהר האָט זיך דער האַרץ־פאָדעם אויסגעצויגען. ווען הילדע האָט אָנגעהויבען ארומלויפען, האָט ער זיך שוין אויף אַזוי פיעל פערלענגערט, אַז זי האָט געקאָנט דורכלויפען און דורכשטיפען דורך אַלע זאַלען פון פּאַלאַץ, און דער קעניגין האָט עס נישט וועה געטהון; ווען זי איז צוויי יאָהר אַלט געווען, האָט ער דערגרייכט פון דער קעניגינס צימער ביז די ווייטסטע עקען פון שלאָס־פּאַרק, אַזוי אַז הילדע האָט זיך געקאָנט וואַלגערן אויפ׳ן גרינ[illegible] גראָז א דער מוטער זאָל דאָס נישט שטערן, און ווען זי האָט דאָס פ[illegible]נע יאָהר פון איהר לעבען דערגרייכט, האָט די לענג פון האַרץ־פאָדעם איהר ערלויבט, צו פאָהרען דריי שטונדען וויט אין אַ וואָגען מיט פייערדיגע פערד, און דאָך האָט עס נישט דער מוטער נישט דעם קינד ביי׳ם האַרצען געצויגען, נאָר מעהר ווי אַזא שטרעקע האָט זיך הילדע קיינמאָל נישט דערווייטערט, ווייל אַז דער האַרץ־

פֿאַרעם איז געוואָרען שטיף אויסגעצויגען, האָט איהר אין הערצעלע וועה געטהון און זיך האָט שרײַענדיג פֿערלאַנגט, מען זאָל זי צוריק צו דער מוטער אַהײם פֿיהרען.

הילדע איז פֿרעהליך אויסגעוואַקסען, דער הארץ־פֿאַרעם האָט זיך אַלץ לענגער אויסגעצויגען. מוטער און קינד זענען אײַנסם געוועזען און דאָך האָבען זײַ אויסגעזעהן ווי אונאָבהענגיג אײַנע פֿון דער אַנדערער, ביז אײַנמאָל האָט זיך געטראָפֿען, אַז די קעניגין איז אין איהר צימער אין טהורם געזעסען, און הילדע האָט מיט דער אַם אויפֿ׳ן ברעג ים געשפּאַציערט. פּלוצלונג האָט די קעניגין דערפֿיהלט אַזאַ שמערץ אין הארצען, ווי זי האָט שוין לאַנג־לאַנג נישט געפֿיהלט, זי האָט אַ געשרײַ געטהון און געשווינד אַרויסגעלאָפֿען אויפֿ׳ן באַלקאָן, כּדי אויף איהר קינד אַ קוק צו טהון, ווײַל פֿון דאָרטען האָט זי געקאָנט זעהן אַרום און אַרום דעם פּאַרק פֿון פּאַלאַץ, דעם ברעג פֿון ים און דעם ים אַליין. זי האָט גלײַך דערזעהן די אַם, וואָס איז מיט אַ געשרײַ און ברעכענדיג די הענד איבער׳ן ברעג אַהין און אַהער געלאָפֿען, און אויפֿן ים האָט זי דערזעהן אַ שיף, וואָס האָט זיך זעהר שנעל דערווײַטערט. די קעניגין האָט פֿון דעם סאָרט שיף גלײַך דערקענט, אַז דאָס איז אַ שיף פֿון גזלנים. ים־רויבער זענען געקומען, צוגעהאַפּט מיט געוואַלד די פּרינצעסין הילדע און איצט האָבען זײַ זי אין זײַער ווײַטען לאַנד אַוועקגעפֿיהרט.

די קעניגין האָט פֿערצווייפֿעלט אָנגעהויבען רופֿען איהרע אַדמיראַלען, מאַטראָזען און סאָלדאַטען. אַז זײַ זענען דערשראָקענע געקומען צו לויפֿען, האָט זי זײַ בעפֿוילען, זײַ זאָלען גלײַך מיט דעם שטאַרקסטען קריעגס־שיף פֿון איהר פֿלאָט אין ים אַרויספֿאָהרען. די האַסטיגע הכנות צו׳ם אַרויספֿאָהר האָבען אפילו נישט לאַנג געדויערט, נאָר ווען מען האָט דאָס שיף פֿון אַנקער אַראָבגענומען האָט מען שוין פֿון די ים־רויבער קײַן שפּור נישט געזעהן. די קעניגין האָט זיך אויך אַרײַנגעזעצט אין שיף, זי איז געשטאַנען נעבען דעם שטײַער־מאַן אין אַזוי ווי זי האָט דײַטליך און שמערצהאַפֿט געפֿיהלט, פֿון וואַנען עס ציהט איהר בײַ׳ם הארצען

האָט זי איהם געגוי געקאָנט ווייזען, וואוהין ער זאָל דאָס שיף פיהרען.

דער קעניגינס קריעגס-שיף איז געוועזען גרעסער, שטאַר-קער און שנעלער, ווי דאָס שיף פון די גזלנים. נאָך אַ צוויי שטונדיגער יאָגעניש האָבען זיי דערזעהן דאָס פערפאָלגטע שיף. די קעניגין האָט געהייסען איהרע לייט אַלע זעגלען אויפצוהויבען, איהר שיף האָט רוישענדיג דעם ים דורכגעשניטען, די שטרעקע צווישען ביידע שיפען איז געוואָרען אַלץ קלענער, דאָס ציהען אין דער קעניגינס הארצען איז שוואַכער געוואָרען, דער שמערץ האָט אויפגעהערט און באַלד איז זי צוגעקומען אַזוי נאָהנט צו דעם שיף פון די גזלנים, אַז זי האָט געקאָנט דערזעהן איהר הילדען, וואָס איז אויף דעם אויבער-דעק געזעסען, געהיט פון צוויי ים-רויבער, און געוויינט.

— גיעט זיך אונטער! — האָט די קעניגין געלאָזט זאָגען דורך איהר קאַפּיטאַן מיט אַ רעהר צו די רויבער; — גיעט זיך אונטער, וועלען מיר אייך שענקען.

נאָר די ים-רויבער האָבען זיך נאָר שפּאָטיש צעלאַכט און ווייטער געפאָהרען, ווי שנעל זיי האָבען נאָר געקאָנט, כדי צו אַנטלויפען פון זייערע פערפאָלגער. נאָר די לעצטע זענען אַלץ נעהנטער צוגעקומען און מען האָט שוין געקאָנט אויסרעכענען די מינוט, ווען מען וועט זיי חאַפּען. אַז דאָס קריעגס-שיף איז שוין צוגעקומען צו'ם רויבער-שיף גאָר נאָהנט, האָבען די גזלנים אַ חאַפּ געטהון די פּרינצעסין הילדע און זי אין ים אַריינגעוואָרפען. אַלע מענשען פון דער קריעגס-שיף האָבען אַ געשריי געטהון פאַר שרעק. נאָר די קעניגין איז געבליעבען רוהיג. זי איז געשטאַנען גלייך ביי'ם פאָרענץ פון שיף און מיט די אָרעמס און הענד אַזוינע בעוועגונגען געמאַכט, ווי זי וואָלט עפּעס אונגעזעהענעס אַרויפ-געצויגען. די מענשען אויפ'ן שיף האָבען געמיינט, אַז די קעניגין מאַכט כשוף, ווייל זיי האָבען ניט געזעהן, וואָס זי האָט דאָס צו זיך געצויגען. נאָר זי האָט שנעל און קרעפטיג דעם הארץ-פאָדעם געצויגען, און די פּרינצעסין הילדע האָט זיך נאָכגעצויגען און איין גיכען איז זי שוין געווען ביי'ם זייט פון שיף, אַזוי אַז די מאַטראָזען

האָבען זי געקאָנט פֿון וואסער ארויסנעהמען און אין די אָרעמס פֿון איהר מוטער לעגען. דאן האָט מען נאָך שנעלער אָנגעהויבען נאָכצויאָגען די רויבער און אין גיכען האָט מען דאָס שיף פֿון די גזלנים געחאַפּט און מיט אלעם אין ים דערטרונקען. און פֿון דעמאָלט אָן האָט מען שוין אויפ'ן ברעג פֿון דער קעניגינס לאַנד מעהר נישט געדאַרפֿט מורא האָבען פֿאַר אָנפֿאַלען פֿון רויבער.

אז די קעניגין איז מיט איהר געראַטעװעטען קינד צוריק אין פּאַלאַץ געקומען, האָט זי געלאָזט פֿאַר איהרע אדמיראַלען, מאַטראָזען און סאָלדאַטען אַ גרויסען מאָלצייט מאַכען. נאָר די פּרינצעסין הילדע איז פֿאַר שרעק און אויפֿרעגונג און פֿון דעם פֿאַלען אין קאַלטען ים אַריין קראַנק געוואָרען און זי האָט זיך געמוזט אין בעט לעגען. איהר מוטער איז נעבען איהר געזעסען, כדי זי צו בעװאָרגען. ביי נאַכט איז זי פֿון גרויס מידקייט איינגעשלאָפֿען, האָט זיך דער טויט שטיל אַריינגעגנבה'ט, הילדע'ן צוצונעהמען. ער האָט שוין געהאַט אויסגעשטרעקט זיינע ביינערדיגע הענד צו'ם קליינעם מעדעל, נאָר פּלוצלונג האָט ער דעם האַרץ־פֿאָדעם דערזעהן, וואָס האָט זיך פֿון איהר צו איהר מוטער געצויגען און האָט ביי'ם שיין פֿון נאַכט־לאָמפּ ווי מאַט גאָלד געגלאַנצט. ער איז פֿערלעגען געוואָרען, פֿאָרויכטיג אָנגענומען דעם פֿאָדעם און אויף צווייען איהם געוואָלט איבעררייסען. נאָר דער פֿאָדעם האָט געקאָנט אויסהאַלטען די מורא'דיגע קראַפֿט פֿון זיינע הענד, און דער טויט האָט מיט זיין גאַנצער אָנשטרענגונג נאָר אויסגעפֿיהרט, אַז מוטער און קינד האָבען זיך אויפֿגעחאַפּט און איהם דערזעהן. די פּרינצעסין הילדע האָט איהר קאָפּ אונטער'ן קאָלדרע בעהאַלטען. נאָר די קעניגין האָט אַ חאַפּ געטהון איהר שווערען גאָלדענעם צעפּטער, וואָס איז אין ווינקעל געשטאַנען, און מיט אלע איהרע כחות גענומען דעם טויט שלאָגען און געשריען: „ארויס, דו נישט גוטער, ארויס!" דער טויט האָט געהאַט אַ בעפֿעהל צו נעהמען נאָר הילדע'ן, נאָר נישט די קעניגין. נאָר אַזוי ווי ער האָט איינע אָהן דער אנדערער נישט געקאָנט נעהמען, האָט ער געמוזט אַוועקגעהן מיט גאָרנישט. מיט אַ יאָמער האָט ער זיך פֿון דער קעניגינס קלעפּ ארויסגעריסען, וואָס זי האָט איהם שווער

נישט זיינע טרוקענע ביינער צעבראכען, און איז אין דער פינס־טערער נאכט פערשוואונדען געווארען.

הילדע איז געזעסען געווארען און האט זיך ווייטער ענטוויקעלט, ביז זי איז א שען גרויס פרײלין געווארען און די אלטע אם האט געזאגט דער קעניגין, אז ס'איז שוין צייט זי חתונה צו מאכען. נאר דערפון האט די קעניגין גארנישט געוואלט הערען און געדענקען און זי האט בעז געענטפערט: „ס'איז נאך צייט, אם, ס'איז נאך צייט". האט אבער איינמאל געטראפען, אז א פרינץ פון א דערביי־אינער מדינה איז אין פאלאץ מיט א וויזיט געקומען און הילדע'ן דערזעהן און געבלענדט פון איהר שענהייט האט ער אויסגערופען: „די דאזיגע שענע פרינצעסין מוז מיין פרוי ווערען; זי אדער קיינע נישט". ער איז הילדע'ן אויך זעהר גע־פעלען געווארען און אז ער האט זי געפרעגט, צי זי וויל איהם מיט איהר האנד בעגליקען, האט זי געענטפערט: „יא". זענען זיי ביידע צו דער קעניגין צוגעגאנגען און געבעטען איהר איינוויליגונג אויפ'ן שידוך, נאר די קעניגין האט געזאגט: „ניין, דאס קען נישט זיין".

— פארוואס נישט? — האט הילדע געפרעגט און אין טרעהרען אויסגעבראכען.

די מוטער האט זי אומגעארמט, צערטליך געקושט און זאנפט געענטפערט: „פרעג נישט פארוואס, גלויב מיר נאר, אז דאס קען נישט זיין. בלייב רוהיג ביי מיר. דו וועסט אין ערגעץ נישט גליקליכער זיין, ווי ביי דיין מוטער".

נאר הילדע האט דאס נישט געגלויבט, און אז דער פרינץ האט איהר אנגערעדט, זי זאל מיט איהם אין זיין מדינה אנטלויפען און דארטען מיט איהם חתונה האבען, האט זי זיך געלאזט איבעררעדען. ווי עס איז נאכט געווארען, האט ער זיך אויף זיין פערד ארויפגעזעצט און זיי זענען שנעל אנטלאפען. איינינע שטונדען זענען זיי זיך אזוי מיט ארויבגעלאזטע לייטשעס געריטען און ס'האט איהר גארנישט געאהרט, וואס זי האט אזוי איהר מוטער אבגענארט. נאר ווי לאנג דער הארץ־פארעם איז געווען, איז ער דאך נישט געווען אהן א סוף, און ארום האלבע נאכט, ווי זי האט

שוין כמעט דערגרייכט די גרענעץ פון איהר מוטערס מדינה, איז דער הארץ-פארעם געווארען זעהר שטייף אויסגעצויגען און האט זיך שוין לענגער נישט געקאנט ציהען. הילדע האט א שטארקע ציה בײ'ם הארצען דערפיהלט און אנגעהויבען שרעקליכע שמער- צען צו ליידען. נאר איהר ליעבע צו'ם פרינץ איז אזוי שטארק געוועזן, אז זי האט מיט אלע כוחות איהרע שמערצען גובר גע- וועזן און איהם געלאזט ווייטער רײטען, אויבוואויל מיט יעדען שריט פון פערד איז דער שמערץ אלץ גרויזאמער געווארען.

די קעניגין אין פאלאץ האט אבער אויך דערשפירט דאס ציהען פון הארץ-פארעם און האט דערפון דערקענט, אז איהר קינד איז אנטלאפען, און זי האט אין דער פינסטערער נאכט זיך גלייך אלאז געטהון זי נאכצויאגען, ווייל זי האט די שמערצען אין איהר ברוסט נישט געקאנט פערטראגען. זי איז געריטען ווי א ווילדע יאגד, זי איז געריטען ווי א שטורמווינד, זי איז גע- ריטען ווי א בליץ, און ווי עס האט צו טאגען אנגעהויבען, האט זי דערגרייכט דאס פארל, וואס האט שוין נישט געקאנט אזוי שנעל רײטען, ווייל דעם פערד איז צו שווער געוועזן צווייען צו טראגען. „שטעה! שטעה!" האט די קעניגין אויסגערופען, און אז זי איז פנים אל פנים אקעגען די בורחים געשטאנען האט זי מיט פאר- וואורף געזאגט: „הילדע, דו האסט דיין מוטער געקאנט פערלא- זען. דיין מוטער וואלט קיינמאל נישט אימשטאנד געוועזן, דיך צו פערלאזען".

— אזוי פיהרט זיך שוין אויף דער וועלט, — האט דער פרינץ געענטפערט; מיר זענען זיכער געוועזן, אז איהר וועט אונז פערציייהען, מאדאם קעניגין.

הילדע איז פון פערד אראבגעשטיגען, איהר קאפ צו דער מוטערס ברוסט צוגעטולעט און שטיל געזאגט: „דאס הארץ האט מיר זעהר וועה געטהון און עס האט מיך שטארק צו דיר צוריק געצויגען. נאר אהן פרינץ קאן איך דאך נישט לעבען".

די קעניגין האט זי צו זיך צוגעדריקט און צערטליך געענט- פערט: „מיר ביידע קאנען זיך נישט שיידען. דו וועסט דאך נישט פערלאנגען, איך זאל מיין מלוכה פערלאזען און דיר אין דער

פרעמד נאָכגעהן. קעהרט איין בײדע אום. די וועסט חתונה האָבען מיט'ן פרינץ און נאָך מײן טויט וועט ער קעניג אין מײן מדינה ווערען".

ערשט האָט דער פרינץ און די פרינצעסין הילדע זיך ארום-גענומען אין גרויס פרייד און געקושט דער גוטער קעניגין די האנד און אלע האָבען צוריקגעקעהרט אהיים. אויפ'ן וועג זענען די איינוואָהנער פון איהר מלוכה אקעגען געקומען און מיט שמחה זיי אין פאלאץ בעגלייט, און דאן האָבען זיך פאר אלע הויפס-לייט און זייערע פאמיליען און פאר אלע אונטערטהאנען מאָל-צייטען אָנגעהויבען, וואָס האָבען דריי וואָכען דורכאויס געדויערט, און דאן איז געווען הילדע'ס חתונה מיט'ן פרינץ, און אז די פרינצעסין איז אין כלה-שלייער פאר'ן אלטאר געשטאנען, איז זי דער מוטער אויפ'ן האלז ארויפגעפאלען און שטיל אין אויער איהר איינגערוימט: „אפילו איך וועל שוין יעצט האָבען אַ מאַן, דאָך וועל איך דיך קיינמאָל, קיינמאָל שוין נישט פערלאָזען".

און זי האָט קיינמאָל שוין נישט פערלאָזען די קעניגין, וואָס האָט זי שטענדיג אזוי ליעב געהאט, ווי בשעת זי איז נאָך גאָר אַ קליין מעדעלע אין איהרע אָרעמס געלעגען. דער הארץ-פאָדעם איז געבליעבען אזוי דין, אז אויסער דער קעניגין האָט איהם קיי-נער נישט געפיהלט, ווען זי איז אין לאנד געווען, נאָר ווען זי פלעגט אין אויסלאנד פאָהרען, פלעגט די מוטער מיט איהר מיט-פאָהרען, אזוי אז קיינמאָל האָט דער הארץ-פאָדעם נישט געצויגען.

די יאָהרען זענען פערביי, די קעניגין איז אלץ עלטער געוואָרען און אויף לעצט אזוי אלט, אז דאָס לעבען איז איהר צו לאַסט געוואָרען. האָט זי שוין איצט אליין גערופען דעם טויט, וואָס זי האָט איינמאָל אוועקגעיאָגט, און ווי ער איז מיט מורא צו איהר צוגעקומען, האָט זי געזאָגט צו איהם: „פריינד טויט, איצט קאָנסטו מיך אוועקפיהרען. איך בין בערייט".

— און דער הארץ-פאָדעם? — האָט דער טויט געפרעגט.

— צעררייסען איהם קאָן איך נישט און די פרינצעסין מיטצונעה-מען האָב איך קיין בעפעהל נישט.

ערשט איז דער לעבענס-מיעדער קעניגין אויפ'ן געדאנקען

ארויף, זיך ווידער צו ווענדען צו דער קינדער-פעע, וואס איז איהר שוין איינמאל מיט פיעל פיעל יאהרען צוריק אין איהר נויט בייגעשטאנען. איז זי נאך זונ-אונטערגאנג ארויף אויפ'ן טהורם פין איהר פאלאץ און ווי עס האבען אנגעהויבען פערבייצופליהען די באטשאנעם מיט די קינדער, האט זי איינעם פון זיי צוגערופען און איהם געבעטען, ער זאל זאגען דער קינדער-פעע, אז די קעניגין וויל זעהר מיט איהר עפעס רעדען.

אז דער באטשאן איז א היים געקומען, האט ער זיין שליחות ערפילט און אויפ'ן צווייטען טאג איז די קינדער-פעע פאר דער קעניגין ערשיענען. די פעע האט זיך גארנישט פערענדערט. זי איז נאך אלץ געווען א הויכוויקסיגע פרוי מיט לייכטענדיגע אויגען און גרויע האר, אין א בלויער קלייד מיט א ווייסער הייבעל אויף איהר ערעלען קאפ, נאר די קעניגין איז שוין נישט געווען יענע שענע יונגע פרוי וואס א מאל, נאר א איינגעשרומפענע, אלטע אלטע באבע מיט מאטע אויגען און שנעע-ווייסע האר. די פעע האט זי א קליינע ווילע מיטלייריג בעטראכט, דאן האט זי איהר איבער'ן ווייסען קאפ און די גערונצעלטע באקען א גלעט געטהון און וויך געפרעגט: „וואס ווילסטו פון מיר, מיין ליעב קינד?"

— טייערע קינדער-פעע, — האט זי די קעניגין מיט א שוואכער שטימע געבעטען. — דער הארץ-פארעם האט גוט געהאלטען, נאר איצט איז שוין צייט איהם אבצובינדען. נאר איהר אליין קאנט עס. איך בעט אייך זעהר, בינדט איהם אויף, כדי דער טויט זאל מיך אין מיין רוה ארײן קאנען פיהרען. ווייל איך בין מיעד.

— מיין קינד, — האט די קינדער-פעע געענטפערט, — דעם הארץ-פארעם קאן קיינער נישט אבבינדען, איך אויך נישט אזוי ווי דער טויט. נאר דו דארפסט צוליעב דעם קיין זארג נישט האבען. געה דיר געטרייסט אין דיין רוה אריין און פערלאז זיך אויף מיר. דיין קינד וועט דערפון קיין אונגליק נישט געשעהן.

— איך פערלאז מיך אויף אייך, — האט די קעניגין געזאגט און דער גוטער קינדער-פעע די האנד געקושט. די פעע האט איהר א קוש איף איהר שטערן געטהון, א שאקעל געטהון דעם

קאָפּ און פון איהרע בליקען פערשוואונדען.

אום האלבע נאַכט איז דער טויט ווידער געקומען און קורץ
געזאָגט: „ס'איז אלץ אין אָרדנונג. דו קאָנסט שוין געהן מיט מיר“.
אין דער פריה האָט מען די קעניגין טויט אין איהר בעט געפונען.
די פרינצעסין הילדע, וואָס איז יעצט קעניגין געוואָרען, האָט
זעהר פיעל געטרויערט, דאָך האָט זי זיך ביסלעכווייז געטרייסט,
ווי קינדער טרייסטען זיך שטענדיג, ווען זיי פערליערען זייערע
עלטערן. נאָר פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך שוין קיינמאָל נישט
געקאָנט בעשליעסען איהר קעניגרייך צו פערלאָזען, ווייל ווי
זי פלעגט צו'ם גרענעץ צוקומען, אזוי פלעגט איהר דאָס
הארץ אָנהויבען מאָרנע וועה צו טהון, און ס'האָט איהר געצוי-
גען צוריק צו איהר מוטערס מאַרמאָר-קבר, וואָס זי פלעגט יעדען
טאָג בעזוכען. און אז זי איז שוין אויך זעהר אַלט געוואָרען און
אויף לעצט געשטאָרבען, האָט מען זי אין דעם זעלבען קבר גע-
בען איהר מוטער געלעגט, און דער גאָלדענער הארץ-פאָדעם, פון
מענשען אינגעזעהן, האָט דאָס הארץ פון דער טויטער מוטער
מיט'ן הארץ פון דער טויטער טאָכטער אויף עביג פעראייניגט.

# די דערנער ארום די ראָזען.

# די דערנער ארום די ראזען.

דער ראזענבוים אין גארטען איז שען. נאר די בייזע דערנער, וואס האבען דיך אפט ביז צו בלוט געשטאכען. ווען דו האסט א בלימעל געוואלט אבריַיסען! „דער שלעכטער ראזענבוים!" האסטו דאן אויסגערופען און איהם זאגאר מיט דיין שפאנישען שטעקעל געשלאגען. זאג דאס נישט, מאקסא'לע. ווען דו וואלסט זיך דערוואוסט, פאר וואס דער ראזענבוים איז פון אונטען ביז אויבען מיט דערנער בעזעצט, אזוי וואלסטו איינגעזעהן, אז נישט שלעכט איז ער, נאר זעהר גוט.

געדענקסטו נאך, ווי די נאכטיגאל האט אין די מאי-נעכט געזונגען, ווען די לבנה האט העל געשיינט און די ראזען האבען געשמעקט און אין גראז האבען די גליה-ווערעמלעך געפונקעלט? דאס האט געקלונגען ווי א קלאג-ליעד, טיילמאל זאגאר ווי א געוויין, און דו ביזט זעהר אומעדיג געווארען, און אונז געפרעגט: וואס איז עס מיט דער קליינער נאכטיגאל געווארען, וואס זי זינגט אזוי טרויעריג?".

איך וויל עס דיר איצט דערצעהלען, דען דער אווענד איז לאנג און מיר האבען צייט.

אמאל איז א נאכטיגאל געוועזען, די באבע פון אלע נאכטיגאלען פון לאנד, אויך פון אונזערער. זי איז פון א הייסען לאנד אין אפריקא געקומען, ווייל דארט איז איהר צו ווארם געווארען, און זי האט געוואלט וואהנען דא, וואו עס איז קיהל און שאטעניג. זי האט זיך ארומגעקוקט אין וואלד און אויף דער לאנקע און אין די גרויסע גערטנער הינטער די הייזער, און האט געזוכט א בוים אדער א שטרויך, וואו זי זאל איהר נעסט קאנען בויען. אלע בוימער זענען צו איהר זעהר פריינדליך געוועזען און האבען איהר פארגעלעגט א גרויסען אדער קליינעם צווייג און איהר צוגעזאגט,

אַז זי וועט בײַ זײַ זעהר גוט בעזאָרגט ווערען. יעדער וואָלט זי גערן געוואָלט פֿאַר אַ שכנ׳טע האָבען, ווײַל אַרומפֿליהענדיג האָט זי אַזוי לוסטיג געזונגען, אַז אַלע האָבען איהר שענע שטימע בעוואונדערט און שטיל מיט איהר מיטגערווישט און זענען נישט מיעד געוואָרען זיך צו צוהערען צו איהר.

די נאַכטיגאַל האָט לאַנג געזוכט און זאָרגפֿעלטיג געזוכט, באַלד האָט זי זיך אויף דעם בוים געזעצט, באַלד אויף יענעם, דאָ האָט זי דאָס געפֿונען און דאָרט האָט זי יענץ געפֿונען, וואָס איז איהר נישט שטאַרק געפֿעלען געוואָרען, און סוף כל סוף האָט זי זיך בעשלאָסען אויסצוקלײַבען דעם ראָזענבוים. ער איז געווען נישט צו הויך און נישט צו נידריג, געהאַט נישט צו געדיכטע און נישט צו שיטערע בלעטער, און קײנע בעל־חיים האָבען דאָרט נישט געוואָהנט אויסער אײניגע רײניקע און שטילענקע גאָלד־שמעטערלינגען, און דערהויפּט דערפֿאַר, וואָס דער ראָזענבוים איז וואונדערבאַר געווען מיט זײַנע ראָזען בעפּוצט און אינגאַנצען אײַנגעהילט פֿון די זיסטע ריחות. קײן דערנער האָט ער נאָך דעמאָלט נישט געהאַט. זײַן שטאַם איז געווען גאָר גלאַטיג, אַזוי אַז דו וואָלסט מיט דײַן האַנד איהם געקאָנט גלעטען הין און צוריק און וואָלסט זיך גאָר נישט צעראַצט.

די נאַכטיגאַל איז זעהר צופֿרידען געווען מיט איהר וואַהל, און פֿון גרויס שמחה, וואָס זי האָט אַ שענע, פּאַסענדע וואָהנונג געפֿונען, האָט זי אַזוי העל געטרילערט און געשאַלט, אַז בײַ׳ם ראָזענבוים האָבען זיך פֿאַר פֿערגניגען אַלע קנאָספּען געעפֿענט, און איבער נאַכט איז ער פֿון אונטען ביז אויבען בעדעקט געוואָרען מיט אויפֿגעבליהטע פּרעכטיגע ראָזען.

די נאַכטיגאַל האָט זיך גלײַך צו דער אַרבײַט גענומען איהר נעסט צו בויען, אַ רײצענדע קײלעכדיגע נעסטעלע אונטער אַ שאָטענדיגען דאַך פֿון העל־גרינע בלעטער און מיט גרויסע בלאַס־רויטע ראָזען פֿאַר די קלײנע פֿענסטערלעך. און ווי זי האָט עס אויסגעבעט מיט גראָזען און ווײכען פּוך, האָט זי געלעגט פֿיעל קלײנע אײעלעך און זײַ פֿלײסיג אויסגעזעסען, ביז עס זענען אַרויס פֿון זײַ די נאַכטיגאַל־קינדערלעך, זיסע, קלײנע, ווײכע פֿויגעלעך

מיט שווארצע איגלעך און גרויע קעפּלעך און געלע שנאָבעלעך, וואס זענען שטענדיג אָפען געווען און שטענדיג עסען געוואָלט.

די נאַכטיגאַל די מאַמאַ האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהון פאר גליק און זי האָט בעזאָרגט און געפּאַשעט איהרע קלײנוואָרג — דריי זענען עס געווען — און זיי די שענסטע וויעג־ליעדער געזונ־גען. פון ווייט און ברייט זענען צופליהען געקומען די שכנים די פויגעל, זיך געזעצט אויף די צווייגען פון די נאָהנטע בוימער, זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון דער יונגער מיטער און געשלאָגען מיט די פליגעל איינע אָן די אנדערע — דאָס נאַשען די פויגעל אזוי בראַוואָ, ווייל זיי האָבען קיין הענד נישט.

נו, איז אָבער דער ראָזענבוים געשטאַנען ביי אַ הויז, וואו אַ גרויע קאַץ האָט געלעבט, אַ מיאוסע חיה מיט גרינע אויגען, לאַנגע, שטעכעדיגע וואָנסעס און גרויסע, שאַרפע נעגעל. די גאַנ־צע וועלט האָט די דאָזיגע קאַץ פיינד געהאַט צוליעב איהרע גנבות און מיאוסע שטיקלעך. ביימאָג האָט זי זיך פאַר קײנעם גאָר נישט געטאָרט ווייזען, אַז נישט וואָלטען זי די הינד אויף מויט צעביסען און די פויערשע פרויען וואָלטען זי מיט הייס וואַסער אָבגעבריהט. זי איז שטענדיג פערבליבען אין אַ פינסטערען קעהלער און נאָר ביינאַכט פלעגט זי אַרויסקומען, כדי אַלערליי אונגליקען אָנצומאַכען.

די שלעכטע קאַץ האָט אין איהר קעהלער געהערט דעם געזאַנג פון דער נאַכטיגאַל און האָט זיך געערגערט, ווי עס ער־גערען זיך שטענדיג די שלעכטע, ווען זיי הערען אָדער זעהען עפּעס שעהנס. דאָס קוויטשען פון די מייז, וואָס שטונדענלאַנג האָט זי אויף זיי פאַר זייערע נאַרעס געלאָקערט, האָט זיך איהר אויסגעוויזען פיעל אַנגענעהמער ווי די שאַלענדע טרילען און די זיסע שלאָף־ליעדער פון דער נאַכטיגאַל־מוטער. האָט זי זיך פון איהר פינסטערען קעהלער אַרויסגעגנב'ט, זיך אין דרייען געבויגען און דורכגעקראָכען דורכ'ן גראָז און די בוימער ביז צו אַנ'אָרט, פון וואַנען זי האָט געקאָנט דעם ראָזענבוים דערזעהן, אַרויפגע־בלינצעלט צו איהם מיט איהרע גרינע אויגען, און ווי זי האָט דער־זעהן דאָס נעסט און די דריי קליינע פויגעלעך און זייער מוטער,

וואָס איז אַרום זײַ געווען זעהר פֿלײַסיג בעשעפֿטיגט, האָט זי אַ מיאוקע געטהון פֿאַר זיך: „אַה! די באַנדע! די צונויפֿגעלאָפֿענע שלעפּער! זײַ קרעהען און לאַרעמען, ווי זײַ וואָלטען אַליין אויף דער וועלט געווען. נו וואַרט, איך וועל דיך שוין אויסלערנען, ווי צו וועקען ערהליכע לײַט פֿון זייער נאָכמיטאָגס־שלאָף!“ און דרעהענדיג מיט'ן עק אויף רעכטס און אויף לינקס און זיך אַלע ווײַלע בעהאַלטענדיג האָט זי זיך צוריק אַרײַנגעגנב'ט אין איהר פֿינסטערען קעהלער און געוואַרט דאָרט, ביז עס איז דונקעל געוואָרען. דאַן איז זי ווידער אַרויסגעקומען, פּאַמעלעך און מיט שטילע טריט איז זי דערגאַנגען ביז צום ראָזענבוים און אַרויפֿגעקוקט אין די הויך.

גראָד האָט די נאַכטיגאַל געהאַט אַביסעל אַרויסגעפֿלויגען, ווי זי איז שטענדיג געוואוינט געווען, כדי פֿאַר איהר קלײנוואַרג קאָלאַציע צו ברענגען, דאָס הייסט אַ פּאָר ווײַכע ברעקלעך און וועהרעמלעך, וואָס פֿלאַטערען אַרום נאָר נאָך זונען־אונטערגאַנג. די נאַכטיגאַל־קינדערלעך זענען דערווײַל געבליבען אַליין און האָבען צופֿריעדען געצוויטשערט מיט אײנאַנדער און זיך געפֿרעהט, וואָס באַלד וועט די מאַמע צוריקקומען און זײַ גוטע זאַכען ברענגען.

פּלוצלונג האָט זיך איבער'ן ראַנד פֿון נעסט בעוויזען אַ מוראַ'דיגער קאָפּ מיט גרינע, גרויזאַמע אויגען און שרעקליכע וואָנסעס. דאָס איז געווען די שלעכטע קאַץ, וואָס האָט ווי אַן אמת'ער גנב אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿ'ן גלאַטיגען שטאַם פֿון ראָזענבוים און איצט איז זי מערדעריש בעפֿאַלען די אָרעמע, שוצלאָזע קינדערלעך. די קלײנע פּוכיגע פֿויגעלעך זענען אַזוי איבערגעשראָקען געוואָרען, אַז זײַ האָבען אַפֿילו קײן כח נישט געהאַט שטיל צו הילף צו רופֿען. זייער מורא האָט אָבער וועניגסטענס נישט לאַנג געדויערט. נאָך איידער מען האָט דרײַ געקאָנט צעהלען, האָט שוין די שלעכטע קאַץ די דרײַ שוועסטערלעך אײנס נאָכ'ן אַנדערען פֿאַר די העלזלעך אָנגעכאַפּט און מיט איין ביס זײַ דערהרג'עט. די אָרעמע טויטע קערפּערלעך האָט זי מיט איהרע לאַפּעס פֿון נעסט אַרויסגעוואָרפֿען און זײַ גלײַך נאָכגעשפּרונגען, כדי אונטען נעבען ראָזענבוים זײַ אויפֿצופֿרעסען.

נאָר עטליכע קראָהען פֿון אַ דערבייאיגען ליגדענבוים האָבען דעם דאָזיגען מאָרד געזעהן. ער איז געשעהן אַזוי גיך, אַז זיי האָבען איהם נישט געקאָנט שטערען. איצט האָבען זיי זיך אָבער מיט הויכע געשרייען אַ לאָז געטהון אויף די קאַץ די מערדערין און האָבען זי אַזוי צאָרנדיג אָנגעהויבען צו צופּען מיט זייערע שנאָבלען, אַז זי האָט ליגען געלאָזט די קליינע טויטע קערפּער פֿון די נאַכטיגאַלען, מיט שרעק אַנטלאָפֿען, צוריק אין איהר קעהלער אַריין, וואוהין די קראָהען האָבען איהר נישט געקאָנט נאָכלויפֿען.

דערווייל איז צוריקגעקומען אַהיים די נאַכטיגאַל מיט אַ פֿליעגעל שנאָבעל און אַריינגעשטעקט איהר קאָפּ דורכ'ן דאַך פֿון ראָזענבלעטער, וואָס איבער איהר נעסט. מיט שרעק האָט זי דערזעהן, אַז דאָס נעסט איז לעדיג. זי האָט די ווערעמלעך און די ברעקלעך אַ וואָרף געטהון אויף אַ זייט און אָנגעהויבען רופֿען, גאַנץ ווייט אַרום אין דער אָווענד-לופֿט האָט עס געשאַלט: „מיינע קינדער! וואו זענט איהר? מיינע קינדער!"

די קראָהען זענען מיטליידיג געקומען צופֿליהען צו איהר, זיך אַרומגעשטעלט אַרום איהר און ביסלעכווייז און מיט ווייכע ווערטער האָבען זיי איהר דערצעהלט, וואָס פֿאַר אַ אונגליק איהר האָט געטראָפֿען. איהר קליין הערצעלע איז פֿאַר פֿערצווייפֿלונג שיער נישט צעבראָכען געוואָרען. די קראָהען האָבען זי צו איהרע קליינוואַרג אַוועקגעפֿיהרט און זי האָט זיי מיט איהרע פֿליגעל בעדעקט און געיאָמערט און נישט געוואָלט זיך שיידען פֿון זיי, ביז די קליינע קערפּער, וואָס מען רופֿט זיי קברנים, האָבען זיי צום קבר אַוועקגעטראָגען. אַ שענע לויה איז עס געווען. אַלע מוראַשקעס, זעהר פֿיעל קעפֿער און דאָס רוב פֿון די פֿויגעל די שכנים זענען נאָך דער לויה נאָכגעגאַנגען און אַלע האָבען געט-רויערט און געקלאָגט. נאָר דאָס איז פֿאַר די אָרעמע מוטער קיין טרייסט נישט געווען און ווי זי איז נאָך דער קבורה אַליין אין איהר ווייסט-געוואָרענעם נעסט געזעסען, האָט זי געשלאָכצט און געפֿרעגט דעם ראָזענבוים מיט אַ האַלב-פֿערשטיקטער שטימע: „ראָזענבוים, אָ ראָזענבוים, פֿאַרוואָס האָסטו דאָס צוגעלאָזט, פֿאַרוואָס האָסטו

מײנע קלײנװאַרג נישט בעסער געהיט ?".

דער ראָזענבױם האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר ער איז אַזױ בעטריבט געװאָרען, אַז אַלע זײנע ראָזען האָבען זיך פֿאַנאַנדער געבלעטערט, און ער האָט געטראַכט און געטראַכט, װי װאָלט ער אױף װײטער בעסער געקאָנט שיצען זײן גאַסט און איהר פֿאַמיליע. און אָט איז איהם אײנגעפֿאַלען אַ קלוגער געדאַנק. די גאַנצע נאַכט האָט ער געאַרבײט שטיל, נאָר פֿלײסיג, און װי עס איז טאָג געװאָרען, אַזױ איז ער פֿון אונטען ביז אױבען געװעזען בעזעצט מיט דערנער, װאָס זענען געװעזען אַזױ שפּיציג און שאַרף און אױסגעקרימט װי די קלױען פֿון דער שלעכטער קאַץ, און מיט אַ װײכער שטימע האָט ער געזאָגט צו דער טרײסטלאָזער נאַכטיגאַל: „זײ װידער פֿרעהליך, ליבע, שײנע נאַכטיגאַל, לעג װידער אײער, זיץ זײ אױס, איצט װעט זײ שױן גאָרנישט געשעהן, דו זעהסט, איצט קאָן שױן קײן שלעכטע קאַץ דײנע קלײנװאַרג נישט בעפֿאַלען. מײנע דערנער װעלען זײ און דיך שיצען".

די נאַכטיגאַל האָט איהר אײנזאַמקײט נישט געקאָנט פֿערטראָגען. זי האָט װידער אײער געלעגט און זײ װידער אױסגעזעסען און װי איהר נעסט האָבען װידער אָנגעפֿילט עטליכע זיסע, קלײנע, קײלעכדיגע פֿױגעלעך אין גרױע פּוכיגע קלײדעלעך אַזױ האָט זי אױך אָנגעהױבען װידער צו זינגען, נאָר דאָס איז שױן געװעזען גאָר אַן אַנדער געזאַנג װי פֿריהער, נישט קײן פֿרעהליכע טרילער, שאַלענדע פֿרײד-לידער, נאָר האַרץ-ריהרענדע שלאַכצענדע טענער, װאָס ריהרען דיך שטענדיג ביז צו טרעהרען. זי קאָן איהרע ערשטע קלײנװאַרג נישט פֿערגעסען און זי דערמאָהנט זיך נאָך אַלץ אָן זײ מיט אַ זיסען אומעט, כאָטש זי איז מיט איהרע נײע קינדערלעך זעהר גליקליך.

פֿון דעמאָלט אָן האָט דער ראָזענבױם זײנע דערנער און די נאַכטיגאַל זינגט איהרע האַרץ-ריהרענדע קלאָג-לידער, נאָר װעניגסטענס קאָן שױן די קאַץ איהר נעסט נישט בעפֿאַלען, װען זי פֿליהט אַבּיסעל אַרױס, כדי פֿאַר איהרע קינדערלעך ברעקלעך און װאָרעם-װערעמלעך צו ברענגען.

# דער פערשקלאפּטער לייב.

# דער פערשקראָפּטער לייב.

### פון די געשיכטען פון מאַקס נאָרדוי.

אין מזרח-לאַנד האָט אַ מאָל געלעבט אַ פּרינץ אויף זיין שלאָס אין מיטען פון אַ פּאַלמען-וואַלד. ער איז געװען אַ פלייסיגער יעגער און אָפט פלעגט ער זיך אַרויסלאָזען צו חאַפּען גאַזעלען און עבערחיות. טיילמאָל אָבער האָבען זיך אין די וואַלד-בערג, וואָס זענען אַרום זיינע גיטער געװען, געלאָזט שפירען אויך גרויסע רויבטיערען, בערען, פּאַנטערען און אפילו לייבען, און דאַן האָט ער נישט גערוהט, ביז ער האָט פערטריבען אָדער דערהרג'עט און פון זיי דעם גאַנצען געגענד אויסגערייניגט.

איין טאָג האָבען זיך אין געגענד ווידער אַ מאָל בעװיזען לייבען און האָבען ביי די פּויערען קיה און שאָף צעריסען. די געליטענע פּויערען זענען געקומען צו לויפען אין שלאָס זיך צו בעקלאָגען און הילף צו בעטען. דער פּרינץ האָט גלייך איינגעאָרדענט אַ גרויסע יאַגד. אין גיכען האָט ער ענטדעקט זעהר פיעל שפּורען, וואָס האָבען בעװיזען, אַז מען האָט דאָ צו טהון מיט אַ פאַמיליע, און אפשר טאַקי מיט אַ גאַנצען שבט פון לייבען. נאָך אַ שאַרפער פערפאָלגונג איז עס געלונגען אַרומצונעהמען די רויבער אין אַ טהאָל. דאָס זענען געװען: אַ מורא'דיג גרויסער און ווילדער לייב, זיין לייבין, דריי קליינע לייבעלעך און נאָך איין ערוואַקסענער לייב, מסתמא אַ ברודער אָדער אַ פריינד פון פאַמיליען-פאָטער.

ווי דער גרויסער לייב האָט דערזעהן, אַז ער האַלט שמאָל, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב: — ראַטעווע זיך דו מיט די קליינוואַרג. איך וועל זיך שטעלען אַקעגען דער מענשען-באַנדע, ביז דו וועסט אַנטרונען ווערען. דאַן וועל איך קומען צו דיר. און טאָמער וועל איך פאַלען, זאָלסטו זיך דערמאָהנען אָן מיר און זאָלסט ערציהען מיינע קליינוואַרג און פון זיי טיכטיגע לייבען מאַכען.

— איך בלייב מיט דיר, — האָט דער צווייטער לייב גע-

זאָגט און זיך געשטעלט נעבען איהם גרייט צו'ם קאַמפף.

— ניין, — האָט איהם דעם פאַמיליען-פאָטער בעפוילען. — שיץ בעסער מיין פרוי און מיינע קינדער ביי'ם אָבטרעטען. מיט די מענשען וויל איך אַליין מלחמה האַלטען.

מיט אַ ריטש, וואָס דער מוח קאָן פון איהם צעזעצט ווערען, איז ער פון צווישען די בוימער אַרויסגעשפרונגען און זיך אַ לאָז געטהון צו די יעגער צו. דערמיט האָט ער אויסגעפיהרט, אַז אַלע פיילען און שפיזען זענען אויף איהם געשליידערט געוואָרען און אויך די גאַנצע באַנדע הינד האָט זיך אַ לאָז געטהון אויף איהם. דערמיט האָט זיך זיין חבר בענוצט, כדי אַרויסצופיהרען פון טהאָל די לייבין מיט די דריי לייבעלעך אויף דער גענענאיבערדיגער זייט. די ווינציגע יעגער, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, זענען מיט שרעק אָבגעטרעטען אָן אַ זייט, און אַז די לייבען זענען שוין אַריבער די קייט פון די יעגער, האָבען זיי מיט גרויסע שפרונגען געאיילט צו'ם באַרג-צו, כדי אַריבערצוקומען אויף די צווייטע זייט פון באַרג, וואו זיי האָבען שוין נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבען.

דער לייב, וואָס איז געבליבען מלחמה צו האַלטען, האָט מיט מורא'דיגע קלעפ פון זיינע לאַפּעס אוועקגעלעגט די ערשטע הינד, וואָס האָבען זיך געוואָגט צו איהם נאָהנט צו קומען, נאָר באַלד איז ער אַליין אויך געפאַלען, דורכגעלעכערט פון אָהן אַ שיער שיסערייען, ער האָט אָבגעגעבען זיין לעבען מיט אַ לעצטען ריטש, וואָס האָט איבער'ן גאַנצען טהאָל געדונערט און דערגאַנגען ווי אַ אָבשיידסגרוס צו זיין אַנטלויפענדער פאַמיליע. ערשט חען ער איז שוין אין זיין בלוט טויט אויף דער ערד געלעגען, האָבען די יעגער זיך אַרומגעקוקט אויף זיין פאַמיליע און האָבען די איבעריגע לייבען דערזעהן הויך אויפ'ן באַרג, וועלכען זיי האָבען שוין בעוויזען צו דערגרייכען. באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע היציגע פערפאָלגונג מיט געשרייען, טראָמפּייטען און געבילערייי פון הינד. די לייבין און איהר בעגלייטער האָבען שוין געהאַט אַ רעכטע שטיק אָבגעלאָפען און וואָלטען לייכט געקאָנט אַנטרונען ווערען פון זייערע שונאים. נאָר די דריי קליינע לייבעלעך האָבען נישט געקאָנט

מיט זיי מיטהאַלטען אַזוי שנעל, און זיי זענען מיט מורא נעבליבען הינטערשטעליג. די יעגער און די הינד זענען אַלץ נעהנטער צוגעקומען, אַרום די לייבען זענען שוין פייַלען געפלויגען, די קליינע לייבעלעך האָבען אָנגעהויבען קוויטשען פאַר מורא און זייער מוטער האָט זיך אָבגעשטעלט.

— פאַרוועדטס! פאַרוועדטס! — האָט איהר בעגלייטער גראָב געשריען.

— איך קאָן נישט דערלאָזען, מיינע קליינע זאָלען אַריינפאַלען צו די מענשען אין די הענד אַריין, — האָט די לייבין געענטפערט. דאַן האָט זי זיי שנעל, נאָר צערטליך אַ לעק געטהון די פיסקעס און די אויגען און געזאָגט: — מיר מוזען זיי טראָגען, אַז נישט קאָנען זיי אומקומען — צוויי האָט זי אָנגעכאַפּט מיט'ן מויל פאַר די פעל פון זייער רוקען, דער געטרייער פריינד האָט אויך אויף אַזאַ אופן גענומען דאָס דריטע לייבעלע, און אַזוי האָבען זיי ווייטער גענומען לויפען. די לייבין, וואָס די מוטער-ליעבע האָט איהר קראַפט פערדאָפּעלט, איז מיט זעהר שטאַרקע שפּרונגען געלאָפען. נאָר דער אַנדערער לייב דער זכר איז נישט געוואוינט געוועזען אַ לייבעלע אין מויל צו טראָגען. די שווערע משא האָט איהם געשטערט און ער איז נישט אימשטאַנד געוועזען מיט צולויפען גלייך מיט דער לייבין. ער האָט דערפיהלט די יעגער שוין גאָר נאָהנט, איז ער צעמישט געוואָרען, אַרויסגעלאָזט פון מויל דאָס קליינע לייבעלע, כדי ער זאָל אַליין קאָנען שנעלער אַנטלויפען. נאָר טראָץ דעם, וואָס דער פחדן האָט פאַר גרויס שרעק זיין פליכט פערגעסען, איז ער דאָך נישט ניצול געוואָרען. פיעל שפּיזען האָבען איהם דערגרייכט און ער איז געפאַלען אַ טויטער. דאָס קליינע לייבעלע, וואָס האָט זיך אומזיסט אָנגעשטרענגט נאָכצושפּרינגען מיט זיינע ווייכע לאַפּקעס זיין מוטער, וואָס איז שוין ווייט געוועזען, איז אין איין אויגענבליק אַרומגערינגעלט געוואָרען פון די הינד, וועלכע וואָלטען גלייך מיט איהם אַ סוף געמאַכט, ווען דער פּריץ וואָלט גראָד אין דער מינוט נישט אַריינגעשפּרונגען אין מיטען פון די וואָיענדיגע, בילענדיגע און צעווילדעוועטע הינד און זיי נישט אָבגעטריעבען. ער האָט אָנגע-

חאפט דאָס קליינע ליבעלע, וואָס האָט זיך געאַמפּערט מיט זיין גאַנצען כח. עס אריינגעלעגט אין אַ זאַק און האָט געהייסען בלאָזען מיט'ן טראָמפּייט דעם סיגנאַל, אַז די יאַגד איז געענדיגט, ווייל ער האָט דערקענט, אַז די ליבין איז שוין אַנטרונען געוואָרען, און ער האָט זיך בעפריעדיגט דערמיט, וואָס ער האָט צוויי גרויסע ליבען דערהרג'עט און איין קליין ליבעלע לעבעדיג געפאַנגען. אַ די ליבין האָט בעמערקט, אַז די יעגער יאָגען זיך שוין נישט מעהר נאָך איהר, האָט זי זיך מיט איהרע צוויי געראַטעטע קינדער אַניעדערגעלעגט זיך אָבצורוהען און וואַרטען, ביז איהר פריינד וועט צוקומען מיט איהר דריטעם קינד. אַזוי ווי ער איז אָבער ניט געקומען, האָט זי אין עטליכע שעה אַרום זיך אַ האַרץ געמאַכט און זיך געלאָזט איהם זוכען, זי האָט אָבער נאָר געפונען זיין אָבגעשונדענעם קערפּער, נאָר פון איהר קינד האָט זי קיין שפּור נישט געפונען. זי האָט אויסגעבראַכען אין אַ דורכדרינגענדען יאָמער-געשריי און זיך פּאַמעלעך צוריקגעשלעפּט צו איהרע צוויי קליינע קינדער, וואָס זענען איהר נאָך געבליבען. דער דאָזיגער יאַגד-טאָג האָט פון איהר אָוועקגערויבט דעם מאַן און איין קינד, שוין נישט רעכענענדיג דעם פריינד. איהר קלאַג אויף די טויטע האָט די גאַנצע נאַכט די הערצער פון די חיות אין דער וויסטע מיט מורא און שרעק אָנגעפילט.

דערווייל האָט מען דאָס קליינע ליבעלע אויפ'ן שלאָס געבראַכט, וואו אַלע שטוב-מענשען האָבען זיך פערזאַמעלט אַרום איהם, צו בעוואונדערן איהם. דאָס איז געוועזען אַ זעהר ליעב בעשעפעניש, נישט גרעסער ווי אַ גרויסע קאַץ, מיט אַ פיינער געלער פעל און אַ שוואַרצען עק ביים סוף וועדעל. צו'ם אָנהויב האָט ער זיך געהאַלטען זעהר נישט פיין און געביסען און געקאַפּעט יעדען, וואָס האָט איהם געוואָלט אַ גלעט טהון. נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך בערוהיגט און איז געוואָרען צוטרויליך און צוגעוואוינט. אין זיינע יאָהרען פערגעסט מען שנעל און מען געוואוינט זיך צו אַלערליי פערענדערונגען. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט ער שוין מעהר נישט געדענקט נישט זיין מוטער און זיינע ברידער נישט דאָס פרייע לעבען אין וואַלד און אין דער וויסטע, ער האָט

שוין נאָר געקענט די מענשען, וועלכע האָבען איהם גוט געפּאַשעט און פֿרײַנדליך בעהאַנדעלט, ער האָט זיך גערן געלאָזט גלעטען און צערטלען, געדאַנקט דערפֿאַר מיט אַ הױבער ברומערײַ און אויך געלעקט מיט זײַן האַרטער צונג, און איז בײַ אַלעמען בעליעבט געוואָרען און איז געשלאָפֿען אין צימער פֿון דער פּריצ׳טע אויף ווײַכע טעפּיכען, זיך געשפּיעלט און זיך אַרומגעקײַקעלט אויפ׳ן הויף פֿון שלאָס מיט די קינדער פֿון די בעלי בתים, און ווען דער פּריץ איז שפּאַצירען געגאַנגען איז ער איהם נאָכגעלאָפֿען ווי אַ הונד. מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען שמשון, און ער פֿלעגט פֿאָלגען און גלײַך צולויפֿען, ווי מען האָט איהם נאָר אַ רוף געטהון. ער האָט זיך אַליין בעטראַכט אַלס מיטגליעדער פֿון דער פֿאַמיליע און צו די פֿערזאָנען, וואָס ער האָט געהאַלטען פֿאַר אײַגענע, איז ער געוועזען צוגעבונדען מיט דער גאַנצער וואַרעמקײַט פֿון זײַן לײַבען־האַרץ.

בײַ די איבעריגע הויז־חיות איז ער נאָר נישט בעליעבט געווען. די פֿערד פֿלעגען אָנהויבען צו הירזשען און אוועקשפּרינגען, ווען ער פֿלעגט צו זײַ נײַגיעריג דעם קאָפּ אין שטאַל אַרײַנשטעקען, אָדער ווען ער פֿלעגט צוקומען צו זײַ אויף דער לאָנקע הינטער׳ן שלאָס; די הינד האָבען געוואָרטשעט און איהם די צײַהן געוויזען, די היהנער פֿלעגען אַנטלויפֿען פֿאַר איהם, פּאַטשענדיג מיט די פֿליגעל און מאַכענדיג קולות אין הימעל אַרײַן. ער איז צו אַלעמען פֿרײַנדליך געווען, נאָר אַלע האָבען איהם מיט שנאה אָבגעשטויסען. נאָר די קאַץ האָט באַלד פֿון אָנהויב אָן זיך צו איהם צוגעבונדען און פֿלעגט שטענדיג גערן מיט איהם פֿערברענגען *). זי האָט זיך בעצויגען צו איהם מיט גרויס דרך ארץ און גערעדט צו איהם מיט אַ טאָן פֿון אַ אונטערטעניגען. אַז ער איז אונטערגעוואַקסען און געוואָרען אַ פֿערשטענדיגער יונגער לײַב, האָט זי איהם בעמערקונגען געמאַכט וועגען זײַנע בעציהונגען צו די איבעריגע שטוב־לײַט. „די פֿערד און די הינד־באַנדעס זענען נישט אײַער גלײַכען, איהר דאַרפֿט מיט זײַ קײן מחוקות נישט מאַכען״, — האָט זי געזאָגט.

— פֿאַרוואָס נישט? — האָט דער לײַב געפֿרעגט; — צי

דען לעבען מיר נישט אונטער איין דאך? צי זענען מיר דען נישט קיין חברים און פריינד?

— ניין, — האט די קאץ געענטפערט; — איהר זענט א פרינץ און די איבעריגע זענען שקלאפען־יונגען; איהר זענט א לייב און די איבעריגע זענען געמיינע קליאטשעס און שלעפער. איהם בענעהט זיך מיט זיי אזוי ווי מיט אייער גלייכען און צו'ם דאנק דערפאר האבען זיי אייך פיינד און וואלטען אייך מיט'ן גרעסטען פערגניגען דערשטיקט.

— דאס גלויב איך נישט, קאץ, — האט דער לייב מיט כעס אויסגערופען.

— און דאך איז עס אזוי, — האט די קאץ פערזיכערט. — אפילו אין אייערע בעציהונגען מיט די מענשען דארפט איהר מעהר אכט לעגען אויף אייער ווערדע אלס קעניגליכער זוהן. גיעט זיי נישט אב איינגאנצען אייער הארץ. זיי ווילען אייער ליעבע מיט

*) ווי בעוואוסט געהערען קעץ און לייבען צו איין פאמיליע צווישען די חיות.

אונדאנקבארקייט בעלויהנען.

— אבער הער שוין אמאל אויף, — האט דער לייב צארניג א ברום געטהון. — איך ערלויב דיר נישט, שלעכטס צו רעדען וועגען מיינע בעלי בתים. איך געהער צו זיי און זיי געהערען צו מיר, מיר זענען איין פלייש און בלוט, איך האב מיין אנדערקענטען פלאץ אין זייער פאמיליע און קיין זאך קאן אונז נישט שיידען.

די קאץ האט זיך אונטערטעניג געבוקט און איז בעטריבט אוועקגעקראכען, ווייל דער לייב האט זיך צו איהר מיט'ן רוקען אויסגעדרעהט.

שמשון איז אויסגעוואקסען פאלשטענדיג גרויס און שטארק ווי אלע לייבען. נאר זיין געמיט האט זיך דאדורך גאר נישט פערענדערט, ער איז געבליבען צערטליך צו'ם פריץ און זיין פרוי און צו זייערע קינדער, וואס ער פלעגט זיך שפיעלען מיט זיי, און גוטמוטיג צו אלע איבעריגע הויז־חיות. איהם אבער האט מען

ביסלעכווייז אנגעהויבען אנדערש צו בעהאנדלען. די פריצטע האט
זיך בעקלאגט, אז א שלעכטער ריח פיהלט זיך פון איהם, און
האט דעריבער מעהר נישט געוואלט איהם אין איהר צימער פער-
טראגען. כדי איהם נישט צו קרענקען, האט מען איהם געזאגט,
אז ער איז שוין איצט א גרויסער און עס פאסט נישט, אז ער זאל
זיין נאכטלעגער האבען אין שלאף-צימער פון זיין בעל-הבית'טע.
מען האט איהם אנגעוויזען א ארט צו'ם שלאפען אין שטאל פון
די הינד, נאר די הינד האבען ערקלערט, אז ער איז א פרעמדער
און האט נישט קיין שייכות צו זיי. זיי האבען איהם נישט גע-
וואלט פערטראגען צווישען זיך, און כדי אויסצומיידען אנ'אויפ-
שטאנד פון דער באנדע, האט מען דעם לייב געמוזט אבגעבען
א בעזונדער ווינקעל. די קינדער פון די בעלי בתים האבען זיך
שוין מעהר נישט געוואלט שפיעלען מיט איהם, וויל וואטש ער
האט אנגענומען פאר ליעב אלץ, וואס זיי האבען מיט איהם גע-
מאכט, און ער האט זיי פול מיט ליעבע געגלעט און געלעקט,
ווען זיי האבען איהם געקנייפט און געצופט, האבען זיי אין הארי-
צען דאך מורא געהאט פאר איהם. אז ער האט זיי צוגערופען,
זיי זאלען זיך מיט איהם ארומקייקלען אויפ'ן הויף פון שלאס,
אזוי ווי זיי זענען ביז איצט געוואינט געווען צו טהון, אזוי הא-
בען זיי איהם דורכ'ן דיענער געלאזט זאגען, אז זיי האבען קיין
צייט נישט, וויל זיי זענען בעשעפטיגט מיט זייערע לעהרער. די
פריצים, וואס האבען אין שכנות געלעבט, איז עס אונהיימליך
געווארען צו זעהן, ווי דער לייב שפאצירט זיך ארום פראנק
און פריי, ווען זיי פלעגען אין שלאס ארייו מיט א וויזיט קומען,
און זיי האבען דעם פריץ געמאכט בעמערקונגען. פארוואס ער
דערלאזט דאס. „אזא בעסטיע טאר מען קיינמאל נישט געטרויען,—
האבען זיי געזאגט; — פריהער אדער שפעטער וועט זיין רויבער-
נאטור זיך דאך ארויסווייזען". זיי האבען איהם דאס אזוי פיעל
מאל וויעדערהאלט, ביז ער האט דאס סוף כל סוף אליין געגלויבט
און בעפוילען, מען זאל שמשונ'ען אייף א קייט בינדען. די דיענער
האבען זיך גענומען אויסצופיהרען דעם דאזיגען בעפעהל, האט
דער לייב אבער אזא ריטש געטהון, אז זיי זענען זיך גלייך פאנאנ-

דערגעלאַפֿען. זײ האָבען װיסען געגעבען דעם פּרינץ, אַז שמשון לאָזט זיך נישט אין דער קײט שמידען, איז דער פּרינץ אַלײן צו איהם אויפֿ׳ן הויף אַראָבגעקומען און געזאָגט צו איהם: „זײ ארטיג, שמשון, לאָז דיך בעציערען מיט דער דאָזיגער קײטעלע״.

— נאָר פֿאַרװאָס? — האָט זיך דער ליב געקלאָגט, — װאָס האָב איך אַזוינס געטהון, װאָס איך האָב אַזאַ שטראָף פֿערדינט?

— אָבער דאָס איז גאָר נישט קײן שטראָף, — האָט איהם דער פּרינץ אײנגערעדט, און װי ער האָט צו איהם אַזוי גערעדט און איהם צוגעחנפֿה׳ט, האָט ער איהם דערװײל אַרומגעלעגט די דיקע, שװערע אײזערנע קײט אַרום האַלז, װאָס איז געװען מיט דער ליבען־גרושיװע בעפּוצט: — דאָס איז נאָר אַ אויסצײכנונג פֿאַר דיר; בײטאָג זאָלסטו דעם הויף פֿון מײן שלאָס ציערען און בײנאַכט זאָלסטו פֿרײ זײן.

שמשון האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט און געלאָזט דעם פּרינץ טהון, װאָס ער האָט געװאָלט. פֿון איצט אָן איז ער געװען אַ אַרעסטאַנט און אַלע חיות פֿון הויף האָבען איהם פֿעראַכט און פֿערשפּאָט. דאָס פֿערד האָט אין זײן זײט מיט דער פֿוס אַ קאָפּע געטהון, װען עס איז פֿאַר איהם פֿערבײגעגאַנגען, די הינד האָבען געבילט אױף איהם און זיך זעהר נישט שען אויפֿגעפֿיהרט, זײענדיג נאָהענט צו איהם נאָר אויף אַזוי װײט, ער זאָל זײ מיט די לאַפּעס נישט קאָנען דערגרײכען, און אַפֿילו די היהנער האָבען חוצפּה׳דיג זיך געגראַבעלט און גאַנאַטשעט סאַמע נעבען זײן מורא׳דיגער מאָרדע. שמשון האָט דאָס אָבער אַלץ נישט געװאָלט בעמערקען. ער האָט זיך אַלײן אײנגערעדט, אַז דאָס אַלץ װערט געטהון אָהן אַ מיאוס׳ען מײן. „פֿערד קאָרען זיך, אַזוי איז זײער שטײגער, — האָט ער זיך אײנגערעדט; — די הינד האָבען שוין אַזאַ נאַטור צו זײן אונרוהיג, און היהנער די װײזען רידהרענד אַרוים, װי גרוים זײער צוטרוי איז צו מיר, װײל גראָד פֿאַר מײן נאָז טהוען זײ װאָס זײ װילען״.

בײנאַכט האָט מען איהם שטענדיג פֿון זײן קײט אָבגעבונדען און װי אַ אונעדמיערליכער װעכטער איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום

דער מויער פֿון שלאָס ביז סאַמע אין דער פֿריה. קיין שונא אָדער גנב האָט זיך נישט געוואַגט נאָהנט צוצוקומען, ווען ער האָט אויף דער וואַנד פֿון מויער אָדער הינטער דעם דאַך פֿון טהורם געזעהן אין שיין פֿון דער לבנה, ווי זיין אונגעהויערע געשטאַלט צייכענט זיך אָב אויפ'ן דונקעלען הימעל, אָדער ווען ער האָט אין פֿינסטערע נעכט געהערט זיין דונערדיגע שטימע. אויך אין די טעג פֿון יאַגד האָט דער פּרינץ שמשון'ען פֿון דער קייט אָבגעבונדען און איהם מיט זיך מיטגענומען. דער לייב האָט פֿאַר איהם איינגענומען עבער-חיות, אויער-אָקסען און בערען, געשלעפּט איהם אין מויל די געפֿאַנגענע חיות אין שלאָס אַריין און אָבגעטהון די אַרבייט, וואָס געוועהנליך האָט מען געמוזט האָבען צו איהר צוואַנציג שטאַרקע און [illegible]וטיגע יאַגד-געהילפֿען. און אַז אַלץ איז געוועזען אָבגעטהון, האָט ער געדולדיג ווידער אויף זיך די קייט גענומען, זיך געלעקט די שמערצליכע וואונדען, וואָס ער האָט בעקומען אין דער מלחמה מיט די שטאַרקסטע און געפֿעהרליכסטע חיות פֿון דער ווילדע, און זיך אין שטילען געפֿרעהט דערמיט, וואָס ער האָט ווידער אַ מאָל זיין פּרינץ געקאָנט נוצען ברענגען.

ערשט האָט זיך די קאַץ צו איהם אַרויסגעגנבה'ט און איהם איינגערוימט אין אויער: — פּרינץ, זעהט איהר שוין איצט, ווי מען בעהאַנדעלט אייך! איהר טאָרט זיך מעהר נישט בעפֿריידיגען מיט דעם דאָזיגען שענדליכען שיקזאַל!

— שענדליכער שיקזאַל? דערפֿאַר ווייל מען האָט מיך אַלס דאָס שענסטע שטיינדעל פֿון שלאָס מיט אַ פּרעכטיגער עהרען-קייט בעפּוצט און נעבען טויער געשטעלט?

— אַח, פּרינץ, איהר גלויבט דאָך אַליין נישט, וואָס איהר רעדט. בענוצט בעסער די פֿרייהייט, וואָס מען גיט אייך, ווען מען וויל אייך אויף דער יאַגד אויסנוצען! בלייבט בעסער אין די וועלדער! דערמאָהנט זיך, אַז דאָרט איז אייער היים, אַז דאָרט זענט איהר דער בעל הבית!

נאָר דער לייב האָט זיך אַ שטעל געטהון און צאָרניג געענטפֿערט: — קיין וואָרט מעהר, אָדער איך ברעך דיר דעם קאַרק. מיין היים איז דאָ אין שלאָס, איך געהער צו די בעלי

בתים און בין זייער בעסטער פריינד, און איך וויל נישט מעהר דיינע נאַרישקייטען הערען.

דערווייל אָבער האָט איהם זיין מוטער קיינמאָל נישט פערגעסען. יאָהרענלאַנג האָט זי געטרויערט נאָך איהם און איז שטענדיג אין דער געגענד געבליבען, ווייל זי האָט געהאָפט, זיך אמאָל צו דערוויסען, וואָס איז געוואָרען מיט איהם, נאָכדעם ווי ער איז צו די מענשען אין די הענד אַריינגעפאַלען. און אַז צווישען די חיות פון וואַלד און וויסטע האָט זיך אָנגעהויבען פערשפּרייטען אַ קלאַנג, אַז דער פּריץ בעדיענט זיך אויף זיין יאַגד מיט אַ לייב, וואָס טראָגט די גרעסטע חורבנות ווי דער וויסטע און מאַכט אָן צווישען זיי געזעצען און די זיטען בעפאלט ער די זיהן פון צוואַנציג מענשען צוזאַמען, אַזוי האָט די דאָזיגע ידיעה סוף כל סוף אויך דערגרייכט צו די אויערען פון דער לייבין און זי האָט פרעהליך אָנגעהויבען שאַלען פאַר שמחה, כאָטש די מאַלפּעס, פּפויען און גאַזעלען האָבען איהר די דאָזיגע ידיעה צורודערט און צאָרניג מיטגעטיילט. מיט איהר מוטער-האַרץ האָט זי גלייך דערפיהלט, אַז דעם פּריץ'ס יאַגד-לייב איז געוועזען איהר אייגענער פערלאָרענער זוהן, און זי האָט בעפויהלען איינעם פון איהרע צוויי זיהן, וואָס זענען ביי איהר געבליבען, ער זאָל אַרויסגעהן נאָכשפּירען און פּרובען זעהן, צי וועט ער נישט קאָנען צו זיין ברודער צוקומען און איהם צו זיינע אייגענע צוריק ברענגען.

אין אַ פינסטערע נאַכט האָט זיך דער לייב אין וועג געלאָזט, פלינק דורכגעלאָפען די וויסטע, איבער די בערג און דורכ'ן וואַלד ביז צו'ם פאַלמען-וועלדעל, וואָס דורך איהם איז ער פאַרזיכטיג דורכגעקראָכען ביז צו דער מויער פון שלאָס און האָט זיך שוין גרייט געמאַכט אָנצושטרענגען זיינע אַלע קרעפטען און אַריבערצושפּרינגען איבער די מויער. נאָר דאָ האָט איהם פּלוצלונג פון אויבען אַ מורא'דיגע שטימע אין די אויערען אַ דונער געטהון: „ווער איז דאָרט!". גלייכצייטיג האָט ער דערזעהן צוויי גרויסע גליהענדיגע אויגען, וואָס האָבען צו איהם פון דער דונקעלהייט אַרויסגעפלאַמט.

די שטימע, וואָס פילט אָן מיט שרעקען יעדעם אַנדערע

לעבעדיגע בעשעפעניש, האט אבער זיין הארץ דערפרעהט, אז ס'האט אנגעהויבען קלאפען פאר שמחה, ווייל ער האט דערקענט, אז דאס איז די שטימע פון א לייב.

— גוטער פריינד! — האט ער מיט א פערשטיקטער שטימע געענטפערט; — קום ארונטער צו מיר, אויב דו ביזט פריי, און אויב נישט, אזוי וועל איך צו דיר ארויפקומען און וועל דיך בעפרייען.

— געוויס בין איך פריי,— האט שטאלץ געענטפערט דער לייב אויף דער מויער; — נאר ווער ביזטו?

— איך בין א לייב ווי דו, נאך מעהר, איך בין דיין ברודער, דיין אייגען פלייש און בלוט, איך בין געקומען דיך צוריקצורופען צו אונזער מוטער, וואס די מענשען האבען דיך פון איהר אוועקגערויבט, ווען דו ביזט נאך גאר קליין געווען, און וואס האט קיינמאל נישט אויפגעהערט צו טרויערן נאך דיר.

— דו זאגסט ליגען! — האט דער לייב פון דער מויער געענטפערט; — איך בין נישט קיין לייב, נאר א תושב פון שלאס, מיינע ברידער זענען די זיהן פון די בעלי בתים פון שלאס און קיין אנדערע ברידער האב איך נישט. טראג דיך אב פון דאנען, אז נישט וועסטו האבען א שווארצען סוף.

אין דעם לייב, וואס איז אונטען ביי דער מויער געשטאנען, האט עס צו קאכען אנגעהויבען.

— אויסוואורף! — האט ער צארניג ארויפגעשריען. — דו האסט שוין מעהר נישט קיין לייבען־הארץ. דו ביזט א פחדנישער מענשען־קנעכט געווארען. נאך איין מאל: ווילסטו צוריקקעהרען צו אונז, אדער זאלען מיר דיך סוף כל סוף פון אונזער ערדה אויסשליסען?

שמשון האט ארויסגעלאזט א ריטש, אז די וויטע בערג האבען גרוילאם א ווידער־קול אבגעגעבען: „אוועק פון דאנען, אויב דאס לעבען איז דיר ליעב“! זיין דונערנדיגע שטימע האט אויפגעוועקט אלע איינוואהנער פון שלאס, די הינד האבען אנגעהויבען מורא'דיג צו בילען, אין דער שטוב פון דער דינערשאפט און אין פריצישען צימער איז מען שוין אויף די פיס

געוועזען, געוועהר האט געקלונגען, טהירען זענען מיט גערויש אויפגעפראהלט געווארען, דער לייב פון דרויסען האט די דאזיגע שרעקענדע קלאנגען געהערט און ער האט בעשלאסען, אז ס'איז גלייכער אבצוטרעטען. ער איז דורך די וועלדער, איבער די בערג צוריק אין די וויסטע געלאפען צו זיין מוטער און איהר מיטגעטיילט, ווי זיין שליחות איז איהם נישט געלונגען.

די לייבין האט זעהר אויפגערעגט זיין ערצעהלונג אויסגעהערט. — נו איצט ווייס איך, אז מיין קינד לעבט. דאס איז דער עיקר. אז ער איז אונז פרעמד געווארען, דאס דארף פאר אונז קיין וואונדער נישט זיין. די שלעכטסקייט פון די מענשען האט זיין יונג געמיט פערגיפטעט. עס קאן אבער נישט שווער זיין אויפצוועקען אין איהם די שטימע פון זיין בלוט. דו האסט נישט ריכטיג געוואוסט, ווי מען דארף זיך נעהמען דערצו. איך וועל אליין צו איהם געהן און רעדען מיט איהם. אט וועט איהר זעהן, אז איך וועל אייך צוריק ברענגען אייער ברודער, און ער וועט גליקליך זיין, וואס ער וועט די זייניגע ווידער האבען געפונען.

זי האט זיך קוים דערווארט, עס זאל נאכט ווערען און זיך געלאזט אין וועג אריין צו'ם שלאס צו. איהרע ביידע זיהן און עטליכע שכנים און גוטע פריינד זענען איהר נאכגעגאנגען א ביסעל ערווייטערט פון איהר, כדי איהר ארויסצוהעלפען, אויב עס וועט זיין א סכנה. דער לייב האט יענע נאכט נאך אויפמערקזאמער געהיט ווי געוועהנליך, און שוין פון ווייטען האט ער דערזעהן, ווי זי קומט אן און גרימיג א געשריי געטהון צו איהר: „שטעה!”, נאך איידער זי איז צוגעקומען צו'ם פוס פון דער שלאס-מויער.

דער לייבין האט דאס שטארקע הארץ א ציטער געטהון, ווי זי האט דעם געשריי דערהערט. זי האט אין דער שטימע פון זוהן די שטימע פון פאטער דערקענט. — „דיין מוטער איז געקומען דיך א היים צו נעהמען. מיין זוהן! קום אראב! לאז מיך דיין טייער פנים בעלעקען!”

דער לייב אויף דער מויער האט הארט געענטפערט: —

דו פֿלאַפּעלסט. איך קען דיך נישט. איך בין שמשון דער מענשען־חבר און מיט אזעלכע פֿערדאָרבענע שלעפּער ווי דו האָב איך קיין שײַכות נישט. ווען דו וואָלסט קיין פֿרוי נישט געווען, וואָלט איך דיר שוין געוויזען, אַז מען קאָן מיך נישט אונבעשטראָפֿט בעלעדיגען.

— אָט אַזוי רעדסטו צו דײַן מוטער, וואָס האָט יאָהרענלאַנג געקלאָגט נאָך דיר?

— דער טײַוועל איז דײַן זוהן, נישט איך, — האָט שמשון געענטפֿערט.

— ווי איז דאָס מעגליך! — האָט די לײַבין געקרעכצט, — דו פֿערלײַקענסט דײַן בלוט, דו פֿערגעסט דײַן אָבשטאַמונג, דו שענדעסט דעם אָנדענקען פֿון דײַן עהרליכען פֿאָטער. וואָס איז צוליעב דיר געשטאָרבען. דו שטויכסט אָב פֿון זיך דײַן מוטער, דו דיענסט די מענשען, וואָס האָבען דײַן פֿאָטער געטויט און זענען דײַנע ערגסטע שונאים.

אַנשטאָט צו ענטפֿערן האָט שמשון אַ ריטש געטהון: — די הינד לאָזט אָב! דאָס געוועהר אַהער! שנעל אַקעגען שונא אַרויס!

די לײַבין האָט אײַנגעזעהן, אַז אומזיסט וועט איהר גאַנצע מיה זײַן און מיט אַ ביטערען שמערץ האָט זי אין איהר וויסטע צוריקגעקעהרט.

ווען דער פּריץ האָט צומאָרגענס שמשון׳ען ווי געוועהנליך צו דער קייט צוגעבונדען, האָט ער איהם גראָב אָבגעזידעלט: — סײַדען דער טײַוועל רײַט אויף דיר, וואָס דו האָסט אין די צוויי לעצטע נעכט אַזאַ מורא׳דיגען טומעל געמאַכט? דו האָסט אונז אַלעמען פֿון שלאָף איבערגעשראָקען.

— ענטשולדיג, אַדוני פּריץ, — האָט שמשון אונטערטעניג געענטפֿערט; — אַרום שלאָס שלעפּען זיך אַרום לײַבען, וואָס ווילען עפּעס שלעכטס טהון. איך מוז ערפֿילען מײַן פֿליכט אַלס וועכטער.

— לײַבען? — האָט דער פּריץ געפֿרעגט און שמשון׳ען מיט אונצוטרויען אין די אויגען פֿערקוקט.

— יאָ, אַדוני פּריץ, — האָט שמשון געענטפֿערט; — און איך ראָט דיר, דו זאָלסט גלייך איינאָרדנען אַ גרויסע יאגד, כּדי אַ סוף צו מאַכען מיט דער רויבער־באַנדע.

דער פּריץ איז אַרויסגעגאַנגען פֿאַר'ן טויער, גוט בעקוקט די גאַנצע געגענד אַרום דער מויער און באַלד געפֿונען אויף דער ערד זעהר פֿיעל שפּורען פֿון לייבען־פֿיס. ער האָט צונויפֿגערופֿען די שכנים, זענען זיי געקומען מיט זייערע יעגער און הינד אויפֿ'ן הויף פֿון שלאָס, און מיט טומעל, געשריי און בילעריי פֿון הינד האָבען זיי זיך אויף אַ גרויסע יאגד געלאָזט.

שמשון האָט אומזיסט געוואָרט, מען זאָל איהם פֿון דער קייט אָבבינדען. ווען דער פּריץ איז פֿאַר איהם פֿערביי־געגאַנגען, האָט ער געפֿרעגט: — און איך? צי דען וועל איך נישט מיט־געהן?

— היינט געהען מיר אַקעגען לייבען, — האָט דער פּריץ געענטפֿערט.

— גראָד דעריבער וואָלט איך אויך געוואָלט מיטגעהן, — האָט שמשון געזאָגט.

— אָבער דאָס זענען דאָך דיינע איינענע, — האָט דער פּריץ זיך אָבגערופֿען, — און עס קאָן דיר שמערצען פֿערשאַפֿען —

געקרענקט האָט איהם שמשון די רעד איבערגעשלאָגען, — מיינע איינענע? האָב איך דאָס פֿערדיענט, דו זאָלסט צו מיר אַזוי רעדען? געהער איך דען נישט צו דיר? וואָס פֿאַר אַ שייכות האָב איך מיט דער לייבען־באַנדע? איך בעט דיך, לאָז מיך זיך אין דער יאגד בעטייליגען. דו טאָרסט עס מיר נישט ענטזאָגען.

— אויב דו ווילסט עס דורכאויס, — האָט דער פּריץ געמורמעלט און צווייפֿלענדיג די קייט אָבגעבונדען.

קוים האָט זיך שמשון דערפֿיהלט פֿריי, אַזוי איז ער שאַ־לענדיג מיט גרויסע שפּרונגען פֿין טויער אַרויסגעשפּרונגען און געלאָפֿען אין דער שפּיץ פֿון יאגד־צוג. און אַזוי געהענדיג כּסדר אַ שטיק פֿאָראויס פֿאַר אַלעמען איז ער מיט אונגעדולדיגער האַסטיג־קייט שטונדענלאַנג נאָכגעגאַנגען די שפּורען, וואָס האָבען צו דער ווילדסטע געפֿיהרט, ביז ער איז צו די לייבען צוגעקומען. ווי ער

האָט דערזעהן די סטאַדע פון די אַנטלױפענדע לײבען, האָט ער אַזױ װי פרישען כח צו'ם קעמפפען דערפיהלט. און ער האָט זיך אַ לאָז געטהון פאָרװערטס מיט אַזאַ װילדער האַסטיגקײט, אַז די הינד און די יענער האָבען איהם נישט געקאָנט נאָכלױפען. אײנער אַלײן האָט ער די לײבען דערגרײכט און דאָן האָט ער זיך אַ לאָז געטהון מיט אַ אױפגערײסענעם פיסק און אונגעהױערען ריטש אין מיטען פון זײער גרופּע אַרײן. זײ האָבען איהם גלײך אַרומגערינגעלט, גרימיג בעפאַלען אױף איהם, מיט שװערע קלעפּ פון זײערע לאַפּעס האָבען זײ איהם צו דער ערד אַניעדערגעװאָרפען און אַ לאָז געטהון אין זײן לײב זײערע צײהן און קלױען, װעהרענד זײנע אײגענע ברידער האָבען מיט דער גרעסטער ערבּיטערונג געשריען: „טױט דעם פערךעטער!". נאָר נאָך אײדער זײ האָבען בעװיזען איהם געפעהרליך צו פערװאונדען, איז שױן זײן מוטער נעבען איהם געשטאַנען און מורא'דיג געברומט צו זײנע אַנפאַלער: „צוריק! צוריק!" דאַן האָט זי זיך געװענדעט צו שמשון'ען, װעלכער איז בלוטענדיג און מיט אַ שױמענדיגען פיסק אױף דער ערד געלעגען: „געה צוריק צו דײנע מענשען, אױב דו זעהסט דערין דײן גליק. איך פערליער דיך הײנט צו'ם צװײטען מאָל. געה! געה!" — און נישט אומקוקענדיג זיך מעהר האָט זי װײטער גענומען לױפען, די איבעריגע לײבען נאָך איהר און אַלע זענען גלײך הינטער די בערג פערשװאונדען.

דערװײל האָבען די הינד דערגרײכט שמשון'ען, װעלכער איז אַלײן געבליבען ליעגען. פון גרױס היץ און לױפעניש האָבען זײ איהם אָדער אין אמת'ען נישט דערקענט, אָדער זײ האָבען זיך געמאַכט, אַז זײ דערקענען איהם נישט, און האָבען זיך אױף איהם בלוטדורשטיג אַ לאָז געטהון. ער איז נאָך געװען בעטױבט פון דעם קאַמפף, װאָב ער איז נאָר װאָס אױסגעשטאַנען, און דער פּלוצלונגער נײער אַנפאַל פון זײנע אײגענע יאַגד־חברים האָט איהם אַזױ איבערראַשט, אַז ער האָט קײן בעװעגונג נישט געמאַכט, זיך צו װעהרען פון זײ. אין אײן אױגענבליק האָבען צעהן בלוטיגע הינד יעדע פון זײנע לאַפּעס אַנגעכאַפּט, זעקס — דעם װײדעל, אַכט — די אױערען, די גרױשיװע און די

לעפּצען, ער האָט נאָר בעוויזען איין הילף־רוף אויסצושרייען, דאַן איז ער אומגעקומען אונטער די ביסען פון אונצעהליגע בלוטדורשטיגע הינדטישע ציינער. פון גאַנץ וויַט האָט זיין מוטער זיין טויט־געשריי דערהערט, און האָט קיין אויגענבליק נישט געצווייפעלט, נאָר גלייך צוריקגעקומען, איהם ביַיצושטעהן. זי איז געקומען צו שפּעט, כדי צו רעטען איהם, און האָט נאָר בעוויזען אליין אומצוקומען מיט דעם זעלבען טויט ווי ער. ווען דער פּריץ איז צוגעקומען צום אָרט. זענען בייד: לייבען טויט געווען, איהם איז מעהר נישט געבליבען, ווי פאַנאַנדער צוטרייבען די הינד, אַז זיי זאָלען די לייבען נישט אויף שטיקער צערייסען און זייער פעל נישט פערדאַרבען.

פון די דאָזיגע פעל האָט דער פּריץ געהייסען מאַכען אַ אונטערשפּרייטונג פאַר'ן בעט און אַ טעפּיך, און שפּעטער, ווען ער פלעגט פרעמדע געסט האָבען, פלעגט ער זיי מיט שטאָלץ ווייזען די צוויי פּראַכטפולע שטיק און זיי גענוי דערצעהלען די געשיכטע פון די לייבען, וואָס ער האָט אין גרויסע סכנות מיט זיין איינענער האַנד טיילווייז געפאַנגען און געמאַכט פון זיי זיינע קייטען־שקלאַפען, און טיילווייז אין דער מלחמה דערהרג'עט. דאַן האָבען די צוהערער זיין מוטיגקייט בעוואונדערט און איהם פאַר זיינע העלדישע טהאַטען גערימט און געלויבט.

---

# דער רייכער און דער ארימער הונד.

# דער רייבער און דער אָרעמער הונד.

## פון די געשיכטען פון מאַקס נאָרדוי.

געהייסען האָט ער גראָבפיסעל, און וואָס אנ׳אמת ער האָט דעם דאָזיגען נאָמען פערדיענט.

ער איז געווען דער מיאוס׳טער הונד, וואָס א מענשליך אויג האָט נאָר אמאָל געזעהן: געהאַט לאַנגע פיס, האַרטע האָר, שפּיציגע, ביי די עקען עטוואָס איבערגעבויגענע אויערען, א לאַנגען עק און געלע אויגען. קוקענדיג אויף איהם, וואָלט קיינער נישט געקאָנט בעשטימען, צו וואָס פאַר א גאַטונג הינד ער געהערט. א קאָפּ האָט ער געהאַט פון א וואָלף, א לייב פון א בולדאָג, פיס ווי ביי א באָרזע־הונד, די פעל פון א שפּיץ־הונד, דער עק פון ווערעל ווי ביי א געוועהנליכען ביל־הונד, און א קאָליר פון א טעקעל־הונד. ער איז געוויען מאָגער ווי אנ׳אויסגע־וויי׳קטער הערינג און שמוציג ווי פון רינשטאָק אַרוים. די קודלעס פלעגען איהם פון לייב אַראָבהענגען, ווי די לומפּען ביי א שלע־פער. זיינע אנגעריסענע אויערען האָבען דערצעהלט, וויפיעל ווילדע און אַפטע שלעגערייען ער האָט דורכגעמאַכט. ער פלעגט זיך קראַצען און בייסען דאָס לייב אַזוי האַסטיג און אַזוי לאַנג, אז ס׳איז לייכט געווען צו פערשטעהן, וואָס פאַר א מוראדיגע מחנה פון אַרומשפּרינגענדע ברוינע געסט האָט אין זיין קאָלטאָנאָוויאַטער פעל קוואַרטיר געהאַלטען.

נאָר טראָץ זיין עקעלהאַפטער אויסערליכער מראה האָט גראָבפיסעל געהאַט אין זיך פיעל גוטע מעלות פערבאָרגען. ער איז געווען שטאַרק ווי א בער און מוטיג ווי א לייב, נאָר אויך

טריט, ווי עס פאסט פאר א ערענטליכען הונד, און גוטהערציג, אפילו דאן, ווען ס'איז איהם זעהר שלעכט געגאנגען, און ער האט זיך מיט אנ'אמת געמעגט אויף זיין שיקזאל בעקלאגען.

וואס אנ'אמת, זיין מזל איז גאר נישט געוועזען וואס מקנא צו זיין. זיין בעל הבית איז געוועזען אנ'אלטער מעסער-שלייפער, וואס פלעגט זיך מיט זיין שלייף-שטיין ארומשלעפען פון דארף צו דארף. ער פלעגט איהם מוזען העלפען שלעפען זיין אינסטרומענט און דערפאר פלעגט ער גאנץ ווייניג פון זיין בעל הבית בעקומען צו פרעסען, ווייל על פי רוב האט ער אליין נישט געהאט, וואס צו'ם עסען; דערפאר פלעגט ער איהם נישט זשאלעווען קיין קלעפ מיט די הענד און די פיס, ווען איהם פלעגט זיך ווילען אויסלאזען אויף עמיצען זיין כעס דערפאר, וואס ער האט אזוי ווייניג פערדיענט.

נאר גראבבפיסעל פלעגט זיין בעל-הבית אלץ מוחל זיין, ווייל אז דער בעל הבית איז געוועזען שכור — און שכור פלעגט ער זיין שטענדיג, ווען ער האט נאר געהאט א פאר גראשען, א רעכטען שנעפסעל צו קויפען — אזוי איז ער געוועזען צו נ'איהם צערטליך, פלעגט איהם גלעטען און רעדען צו נ'איהם, ווי צו א גוטען ליעבען ברודער פון זיין גלייכען. און אז ער פלעגט זיך אויסרעדען פאר איהם דאס הארץ, וואס האט גאנץ ווייניג שמחות געהאט, פלעגט ער זיך אוועקלעגען דארט, וואו ער איז געשטאנען, אויפ'ן גראז פון דער לאנקע, צי אויפ'ן מאך אין וואלד, אדער גאר אין א רינשטאק אין גאס, און גלייך אנהויבען צו חראפען און דאן פלעגט גראבבפיסעל זיך זעצען נעבען איהם און היטען איהם און זיין שלייף-שטיין, דאס איינציגע, וואס זיין בעל-הבית האט פערמאגט אויף דער וועלט.

איינמאל' ביי נאכט האט זיך דער מעסער-שלייפער ווידער אין רינשטאק שלאפען געלעגט, נאכדעם ווי ער האט א רעכטען שנעפסעל געמאכט, און איז שוין מעהר נישט אויפגעשטאנען, ווייל ער איז געוועזען טויט. גראבבפיסעל האט אפילו בעמערקט, אז מיט זיין בעל-הבית איז געשעהן עפעס אונגעוועהנליכעס, ווי ער האט נאר אויפגעהערט צו הערען זיין חראפען. ער האט

איהם בעשמעקט, געלעקט איהם דאס געזיכט, געקראצט מיט די לאפעס זיין ברוסט און זיינע פיס, און אז דער אלטער איז טראץ אלעם נאך אלץ געבליעבען שטיל און אונבעוועגליך און האט שוין אנגעהויבען אבגעקיהלט צו ווערען, אזוי האט גראבפיסעל אנגעהויבען שרעקליך צו בילען און וואיען, אז ווייט ארום און ארום איז דאס געהערט געווארען, און די הינד אויף א מייל ארום און ארום האבען דאזיגע בילען אונטערגעכאפט און פאר טאג זעניען זיך צונויפגעלאפען מענשען, וואס האבען דערקענט, אז דער אלטער מעסער-שלייפער איז היינטיגע נאכט געשטארבען.

האט מען געוואלט דעם מת און דעם שלייף-שטיין צונעהמען, נאר גראבפיסעל האט גערעכענט, אז דאס טאר ער נישט דערלאזען, און איז צארניג בעפאלען יעדערען, וואס האט נאר געוואגט נעהנטער צוצוקומען. דער פאליציאנט האט ארויסגעצויגען זיין שווערד און ער וואלט איהם געוויס דערהרג'עט, ווען דער הונד וואלט זיינע קלעפ נישט אויסגעמיידט. דערפאר אבער האט ער נישט געקאנט זיך ארויסדרעהען פון די שט... און די שטיינער, וואס די פויערען האבען אויף איהם געווארפען און איהם אהן רחמנות געשלאגען, ביז ער האט איינגעזעהן, אז ער וועט גארנישט מאכען מיט זיי. דאן האט ער זיך מייאש געווען פון זיין ערשטען בעשלוס, נישט צו לאזען צונעהמען זיין טויטען בעל-הבית, און שטארק צעשלאגען און פערוואונדעט, וואיענדיג און קרעכצענדיג האט ער זיך פון ווייטען נאכגעשלעפט און זיך צוגעקוקט, ווי מען האט זיין טויטען בעל הבית אויפ'ן דארפישען בית-עלמין אוועקגעפיהרט.

מיט דעם ארעמען קערפער פון מעסער-שלייפער האט מען קיין גרויסע שהיות נישט געמאכט. נאך איניגע קורצע צערעמאניעס און שרייבערייען האט מען איהם אין א קבר אריינגעלעגט און מעהר האט מען זיך וועגען איהם נישט געקימערט. גראבפיסעל האט זיך אין בית-עולם אריינגעגנב'עט, זיך בעהאלטען אונטער א מצבה, און זיך פון דארטען צוגעקוקט, ווי מען האט זיין בעל-הבית אין דער ערד אריינגעלעגט און דעם קבר פער-

שאטען. ווען אלע מענשען זענען שוין געהאט אוועקגעגאנגען, איז ער פון זיין בעהעלטעניש ארויס. צוגעגאנגען צו'ם פרישען קבר און מיט אלע כחות אנגעהויבען זיין בעל-הבית פון דארטען ארויסצוגראבען. ער האט שוין געהאט א גרויסע לאך געמאכט, נאר פלוצלונג האט עס דער קברן בעמערקט און איז געקומען צו לויפען מיט א גרויס געפילדער און מיט א מורא'דיגען רידעל אין דער האנד. גראבפיכעל האט איינגעזעהן, אז ער וועט נעגען דעם דאזיגען בעוואפנטען מענשען נישט קאנען בייסטעהן, אזוי איז ער גלייך פון בית-עולם ארויס. ויעלבען דער קברן האט באלד צוגעשלאסען. נאך א מאל אריבערשפרינגען איבער'ן פארקאן אינעווייניג אריין האט ער שוין מעהר נישט געקאנט, ווייל דער פארקאן איז צו הויך געווען. אזוי ווי ער האט ביי'ם קבר פון זיין בעל-בית נישט געקאנט בלייבען, איז ער אוועק צוריק אויף יענעם ארט, וואו זיין בעל-הבית איז געשטארבען, און האט זיך אוועקגעלעגט ביי'ם ראנד פון רינשטאק, מיט א פעסטען בעשלוס פון דארטען קיינמאל נישט אבצוטרעטען.

נישט וויט פון דארטען איז געשטאנען א פאלאץ און פאר איהם איז געווען א גרויסער גארטען, וואס א פארקאן האט איהם אבגעטיילט פון איבעריגען וועג. אין יענעם פאלאץ האט געלעבט צווישען פיעל דינער און משרתים אנ'אלטע גרעפין, וואס האט געהאט א מאפס, צו וועלכען זי איז געווען זעהר צוגעבונדען. געהייסען האט ער ליעבלינג, געווען א געלער מיט א שווארץ געזיכט און א קורצער, קליינער און אויסגעקנעטענער געשטאלט. ער איז געווען גאר א פארנעהמער הונד. זיין פעל האט שטענדיג אויסגעזעהן זעהר פיין, ווייל אלע טאג האט מען איהם געבאדען, געבארשט, געקאמט און מיט שמעקענדע וואסערען בעגאסען. אויף דער לינקער פאדערשטער לאפע האט ער א גאלדענעם בראסלעט געטראגען, אויפ'ן האלז — א קראגען מיט א העל-בלויען שניפס, און אז ער פלעגט ארויסגעהן, פלעגט מען איהם אנטהון א פיינעם טיכענעם איבער-ציהער מיט זיידענע פוטער, וואס אין זיין שפיץ איז געווען א גראפען-קרוין אריינגעשטריקט. אויב עס האט פאר זיין שפאציער-גאנג אין דרויסען

גערעגענט, אזוי פלעגט ער אויך מוזען אנטהון א פאר גומענע קאלאשען, כדי זיך די לאפעס נישט אײנצונעצען און בעשמוצען.

אין זײנע רײכע קלײדער און טײערע ציערונג איז געווען א פערגניגען אויף איהם א קוק צו טהון, נאר ער איז גאר נישט אזוי צופריעדען געווען מיט דער דאזיגער גאנצער פראכט. ס'האט זיך איהם פשוט ווי אנ'איבעריגע משא אויסגעוויזען. ווי גערן וואלט ער מיט בארוויסע פיס אין קאלוזשעס ארומגעשפרונגען און זיך אין שטויב ארומגעוואלגערט! ווי גערן וואלט ער פון זיך די שווערע קלײדער אראבגעשלײדערט, און בלויז אין זײן גלאט-האריגער פעל געקלײדט, ארומגעלאפען ווי אנדערע הינד. וועלכע ער האט אזוי מקנא געווען, ווען ער פלעגט דורך די גראטעס פון פארקאן, וואס ארום שלאס-הויף, זעהן, ווי זײ פלעגען פראנק און פרײ ארומלויפען, שפרינגען, זיך וואלגערן און ארומרײסען זיך! ער האט זיך נישט געטארט מישען מיט זײ. א בעזונדערער דינער פלעגט איהם שטענדיג אבהיטען, ער זאל מיט אנדערע הינד קײן מחוקות נישט האבען. ער פלעגט שטענדיג מוזען זיצען אין זײן בעל-הבית'טעס צימער, און נאר צוויי מאל אין טאג פלעגט מען איהם אויף א קורצע צײט ערלויבען ארויסצוגעהן אויפ'ן הויף פון שלאס אונטער דער אויפזיכט פון זײן פיהרער, מעהרנטענטײל זאגאר אויף א שטריקעל, כדי זיך א ביסעל אויסצוליפטערן, פרישע לופט צו חאפען, און אנדערע נויטיגע זאכען צו טהון. די דאזיגע שפאצירען ווי פון אנ'ארעסטאנט זענען איהם אזוי לאנגווײליג געווען, אז ער פלעגט שוין בעסער וועלען בלײבען בײ זײן אלטער פריצטע. אזוי ווי ער האט צו ווענינ בעוועגונג געהאט און ווײל מען פלעגט איהם צופיעל באלעווען און קראפען מיט די בעסטע פאשע, איז ער געווארען ווי א דיק פעסעלע, בעקומען קורצען אטעם, רהײמאטיזם און א שטענדיגע בײסעניש אונטער דער הויט און חאטש מ'האט איהם אזוי רײן געהאלטען, האט ער זיך דאך אויך אזוי האסטיג און אפט געמוזט קראצען, ווי דער ארעמער גראבפיסעל, וואס האט אפילו נישט געוואוסט, וואס איז אזוינס קאם און בארשט, און פון בארען זיך און זײפען זיך האט ער

קײַן בעגריף ניִשט געהאַט.

בשעת מען האָט געפֿונען דעם טויטען מעסער־שלײַפֿער אין רינשטאָק נעבען פאַרקאַן פֿון שלאָס, איז זיך צונויגעלאָפֿען אַ גרויסער עולם און אויך די מענשען פֿון שלאָס זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿען דאָס צו בעטראַכטען. ליעבלינג איז אויך דערבײַ געווען; ער האָט זײַן שוואַרץ געזיכט מיט'ן פֿעררימען נעזעל און זײַן קורץ גאָמבעלע צווישען די גראַטעס פֿון פאַרקאַן אַרײַנגע־שטעקט און זיך צו געקוקט, וואָס דאָ קומט פֿאָר. ווען די מענשען האָבען נראָבפּיסלען מיט שטעקענס און שטײַנער געוואָר־פֿען, און איהם שיעור ניִשט די בײנער אין לײַב צעבראָכען, איז ליעבלינג שטאַרק איפֿגעבראַכט געוואָרען און ער האָט אָנגע־הויבען אַזוי הויך צו בילען, ווי זײַן קורצער אָטעם האָט איהם דאָס נאָר ערלויבט. די מענשען האָבען קײַן מיטלײַד ניִשט, נאָר ער האָט נראָבפּיסעלם האַרץ גאַנץ גוט פֿערשטאַנען און ווען ער וואָלט געקאָנט וואָלט ער גערן אַריבערגעשפּרונגען צו העלפֿען דעם דאָזיגען הונד, וואָס איז זײַן בעל־הבית אַזוי געטרײַ געבּ־ליבען און דערפֿאַר אַזאַ מיאוס'ען חלק געהאַפּט.

ליעגענדיג אין זײַן בעל־הבית'טעם צימער אויף אַ דונקעל־בלויער סאַמעטענער קישעלע, האָט ער אַ גאַנצען טאָג נישט אויפֿגעהערט צו קלערען יועגען דער דאָזיגער סצענע, וואָס ער האָט געזעהן. דער הונד ראָרם אין דרויסען האָט זעהר מיאוס און לעבערליך אויס־געזעהן; ער איז ווײַזט אויס פֿון אַ גאַנץ ניעדריגער אָבשטאַמונג, ער איז געווען אונערצוינגען, גראָב, און זאָגאַר אונציכטיג; ער איז געווען אונרײַן און צעקאַלעטשעט. נאָר דאָך איז ער געווען בעסער ווי ער, דער פֿאָרנעהמער מאָפּס, דער געבילדעטער און רײַכער ליעב־לינג. דער פֿרעמדער חבר איז זײַן בעל־הבית גאָרנישט שולדיג געווען, ווײַל ער האָט איהם אפילו ניִשט געקאָנט פּאַשען ווי עס דאַרף צו זײַן; דאָס האָט מען גאַנץ קלאָר געזעהן פֿון זײַן מאָגער־קײַט. און דאָך איז ער איהם טרײַ געבליבען ביז'ן סאַמע טויט, און דאָך האָט ער זיך פֿון זײַן טויטען קערפּער ניִשט געוואָלט שײדען; און דאָך האָט ער ליעבער פֿערטראָגען די ערגסטע קלעפּ, איידער זיך אָבצוזאָגען פֿון זײַן פֿליכט אַלס טרײַער שומר. וואָלט

ער, ליעבלינג, פעהיג געווען צו אזא העלדישער און פעסטער טרייהייט? ער האט זיך מיט חרפה אליין מודה געווען, אז ער צווייפעלט שטארק דערין. זיין בעל-הבית'טע האט איהם צעבאלעוועט. זי איז געווען אנגעזעהן און רייך. צוליעב איהר גרויסען יחוס האט מען אויך איהם איבעראל געאכטעט און זיך בעגאנגען מיט איהם ווי מיט א גראפישען מאפס. זי פלעגט איהם קארמענען מיט צוקער-ברויט און מיט לענדען-בראטען. און דאך — ווען זי וואלט געשטארבען, וואלט ער זיך וואיענדיג נישט אוועקגעלעגט נעבען איהר, ער וואלט די צוקומענדיגע מענשען נישט ארויסגעוויזען זיינע צייהן און בעזונדערס וואלט ער זיך נישט איינגעשטעלט אין דער סכנה, צו בעקומען אזוי פיעל קלעפ מיט שטעקענס און שווערד און שטיינער. די דאזיגע געדאנקען האבען איהם אנגעפילט מיט פארוואורפען געגען זיך זעלבסט און גלייכצייטיג מיט בעוואונדערונג פאר דעם העסליבען הונד דעם שלעפער, וואס האט זיך איהם אויסגעוויזען ווי א מוסטער פון הינדטישער פיינקייט.

ווען ליעבלינג איז אין אווענד, בעגלייט פון זיין דיענער, ווידער אויפ'ן הויף פון שלאס ארויסגעגאנגען, האט ער זיך צוגעשלעפט, אזוי שנעל וויפיעל זיין פעטקייט און קורצער אטהעם האבען דאס איהם ערלויבט, צו'ם פארקאן. ער האט גלייך דערזעהן גראבפיסלע'ן, וואס איז שוין צוריקגעקומען פון בית-עולם און לאנג אין גאסען-רינשטאק געלעגען מיט געשלאסענע אויגען, דעם פיסק צווישען די פארערשטע לאפעס, און פון צייט צו צייט שווער אבגעקרעכצט.

— העי! איהר! קומט גאר א ווײלע צו צו'ם פארקאן! — האט איהם ליעבלינג צוגערופען.

גראבפיסעל האט איף איהם קיין אכט נישט געלעגט.

— איהר זייט א ווילער הונד! איך שעץ אייך זעהר און בין אייער פריינד! — האט ליעבלינג ווייטער געזאגט. — איך פיהל א בעדערפניש אייך די לאפע צו דריקען. לײדער קאן איך צו'נאייך נישט ארויסגעהן.

פון דער אונגעוועהנליכער אנשטרענגונג צו רעדען הויך,

האָט ער זיך צעהוסט און גלײַך האָט זיך אָנגעהויבען דאָס בײַסעניש, וואָס האָט איהם אַזוי געפּײַניגט, אז ער האָט זיך געמוזט אײַנקאָרטשען, ווײַל צוליעב זײַן פּײַנעם אויבער-ציהער און שענעם קראַגען און אַקסעל-באַנד, האָט ער זיך נישט געקאָנט אויסקראַצען ווי עס דאַרף צו זײַן.

נאָר איצט האָט גראַבּפּיסעל זײַן קאָפּ אויפגעהויבען, געעפענט די אויגען און אויף איהם אַ קוק געטהון. „פעהלט דיר עפּעס?" האָט ער איהם נעפרעגט מיט זײַן גראָבער שטימע.

— אָה, איך בין זעהר עלענד, — האָט ליעבלינג זיך בלאָזענדיג געענטפערט, ווען ער האָט ווידער דעם אָטעם געכאַפּט. איהם האָט גאָר נישט געאַהרט גראַבּפּיסעלס געמײַנע פערטרויליכקײַט, וואָס ער האָט איהם גלײַך אָנגעהויבען צו דוצען. — נאָר לאָמיר נישט רעדען פון מיר, נאָר פון אײַך. איהר האָט אײַער בעל-הבית געוויס זעהר ליעב געהאַט?

— איך האָב נאָר איהם און ער האָט נאָר מיך אויף דער וועלט געהאַט. איך וויל איהם נישט איבערלעבען.

— אָבער, אום גאָטעס ווילען, וואָס רעדט איהר, מײַן ליעבער, — האָט ליעבלינג דערשראָקען אויסגערופען, — איהר ווילט זיך דאָך נישט קײַן מעשה אָנטהון.

גראַבּפּיסעל האָט גאָרנישט געענטפערט.

— אײַער בעל-הבית איז געוועזען אַ אָרעמער שלעפער, — האָט ליעבלינג גערעדט.

— ווי איך, — האָט גראַבּפּיסעל וואָרטשענדיג איבערגעהאַקט.

— נו גוט. זענט איהר דאָך איהם, הײַסט עס, גאָרנישט שולדיג געבליעבען. ער האָט דאָך פאַר אײַך גאָרנישט געקאָנט טהון. ער איז שוין טויט. לעבענדיג וועט ער שוין נישט ווערען. איהר וועט יעצט וועגען זיך אַ קלער טהון. וואָס רעכענט איהר יעצט צו טהון?

— גאָרנישט, איך בלײַב דאָ.

— בײַנאַכט? אויף דער בלויזער ערד? אונטערן פרײַען הימעל?

— איך בין שוין געוואוינט.

— יאָ, איהר האָט געווים נישט קיין רהײמאַטיזם און קיין אסטמא, ווי איך. פאַר מיר וואָלט עס געווען אַ טויט. און ווער גיט אייך צו עסען?

— קײנער נישט. איך וועל הונגערן, ביז כ'וועל אויסגעהן.

ליעבלינג האָט אַלץ מעהר מיטלייד בעקומען צו זיין פאַר־צווייפעלטען חבר.

— אָבער קומט דאָך צו זיך, מיין ליעבער פריינד און ברודער, — האָט ער געזאָגט. — מען מוז זיך קאָנען טרייסטען. אַז אָך און ועהה וואָלט געווען, ווען מען וואָלט זיך אַלץ אַזוי ועלען צום הארצען נעהמען! מיר איז אַ רחמנות אויף אייך. איך וועל טהון פאַר אייך, וואָס איך וועל נאָר קאָנען. וואַרט נאָר אַ ווײלע, איך וועל אייך באַלד ברענגען האָטש עפּעס צו'ם עסען.

און ער האָט זיך אויעקגעשלעפּט פון פּאַרקאַן, צוריק אין שלאָס, אַריין צו דער אַלטער גרעפין און עפּעס געבעטעלט ביי איהר. זי האָט איהם געגעבען, ווי זי איז געוואוינט געווען, אַ שטיק קוכען און דערביי איהם געגלעט און געצערטעלט. ער האָט בעדאַנקט מיט אַ שנעלען לעק אין האַנד און אַ שוואַכען דרעה מיט'ן וועדעל און איז גלייך צוריק געלאָפען צום פּאַרקאַן, וואו ער איז אָנגעקומען אַ פערקײכטער.

— עי, פריינד! איך האָב עפּעס אַ גוטע זאַך פאַר אייך! נאָר איהר מוזט צו מיר צוקימען, ווייל איך קאָן נישט אַרויס, — האָט ער צוגערופען גראַבפּיסלען, וועלכער איז נאָך אַלץ אַזוי געלעגען, ווי ליעבלינג האָט איהם פערלאָזט.

גראַבפּיסעל האָט זיך אויפגעהויבען און איז לאַנגזאַם צוגע־גאַנגען. ליעבלינגס מיטלייד צו איהם איז דאָך געווען פאַר איהם אַ גרויסע זאַך אין זיין עלענדקייט. ווען ער איז צו'ם פּאַרקאַן צו־געקומען, האָט איהם ליעבלינג דורכגעשטופּט פון אונטען דאָס שטיק קוכען און דערביי מיט פערגניגען דעם וועדעל געדרעהט. ער האָט זיך פאַראויס געפרעהט, ווי גוט די נאַשעריי וועט דעם אָרעמען הונד שמעקען. גראַבפּיסעל האָט אַ חאַפּ געטהון דעם

קוכען מיט זיין לאפע, לאנג איהם ארומגעשמעקט און סוף כל סוף געלאזט ליעגען.

— ווער קאן דען אזא זאך עסען, — האט ער געווארטשעט.

— דאס איז דאך אבער קוכען, מיין טייערער! — האט ליעבלינג איבערראשט אויסגערופען, — דאס איז דאך דאס בעסטע, וואס ס'קאן נאר געבען!

— איך קען דאס נישט. דאס איז נישט קיין עסען פאר ארענטליכע הינד. אפשר האסטו א איבעריגען ביין. וואלט איך מיט פערגניגען געגעסען. אויב נישט, טא לא'מיר געמאך.

ליעבלינג האט א שאקעל געטהון דעם קאפ, נאר אוועק צוריק אין פאלאץ, זיך אריינגעגנב'עט אין קיך, דורכגעווארפען דעם מיסט-קארב, וואס אזוי האט ער קיינמאל אפילו נישט געטארט צוקומען צו איהם, האטש ער וואלט מיט'ן גרעסטען פערגניגען אין איהם שטענדיג גענושטערט, און געפונען א גרויסען קעלבערנעם ביין, וועלכען ער האט גלייך צו'ם פארקאן אוועקגעשלעפט.

— אט איז א ביין, ווי איהר האט געוואלט, — האט ער געזאגט, — נאר איך קאן דאס מיר גאר נישט פארשטעלען, וואס איהר וועט מאכען מיט אזא טרוקענער, ווי שטיין הארטער זאך.

גראבפיסעל האט גארנישט געענטפערט, נאר ארויסגעשלעפט מיט זיינע שטארקע לאפעס דעם ביין פון צווישען די גראטעס אפער, מיט איין און איינציגען ביס האט ער איהם אויף צוויי צעבראכען, אז ס'האט אזש געקנאקט, און אין א קורצער ווייל ארום האט ער עס אויף קליינע שטיקעליך צעבראקעלט און איינגעשלונגען. מיט פערוואונדערונג און עקעל האט זיך ליעבלינג צוגעקוקט צו דער ארבייט פון זיין נייען פריינד, וואס האט פערמאגט אזעלכע גוואלדיגע ציינער ווי א וואלף. ווען יענער איז פארטיג געווארען, האט ער זיך אויסגעדרעהט צו'ם פארקאן, א לעק געטהון ליעבלינגס מארדע מיט זיין גרויסען פיסק און א מורמעל געטהון: — א דאנק. ביזט א וואוילער ברודער.

ליעבלינג'ען האט דאס הארץ אזש פאר פרייד געצאפעלט.—

אח, ווען איך וואלט נאר געקאנט ארויסקומען צו דיר!

— נו, טאָ קום, — האָט גראָבפּיסעל געענטפערט.

— איך טאָר נישט, — האָט ליעבלינג טרויעריג געענט־פערט און זיך מיט שרעק אומגעקוקט אויף זיין דיענער, וואָס האָט צו׳ם גליק גראדע זיך פערדערט מיט דער גרעפינס קוטשער און נישט אכטונג געגעבען אויפ׳ן מאָפּס, וואָס ער האָט געדאַרפט צו היטען.

— ווי שעמסטו זיך עס נישט צו זיין אזא שלימזל? — האָט גראָבפּיסעל צו איהם אַ זאָג געטהון. — אויך מיר אַ הונד, וואָס האָט אפילו מורא אַ ביסעל אַ הוליע צו טהון. — ער האָט זיך אַ קעהר געטהון אוועקצוגעהן.

— געה נישט אוועק — האָט ליעבלינג געזאָגט, — אָט וועל איך זעהן, אפשר וועל איך זיך קאָנען ארויסקריגען.

ער איז פאַרזיכטיג צו צו׳ם טהיר פון פּארקאַן, וואָס איז נישט געווען פערשלאָסען, און ווי ער האָט דערזעהן, אז דער דיענער איז נאָך אלץ אין זיין געשפּרעך פערטיעפט, האָט ער זיך שטיל ארויסגעגנב׳עט.

— איצט פאָרווערטס! — האָט גראָבפּיסעל געקאָמאַנדעוועט און זיך אַ לאָז געטהון אין גאַלאָפּ. מיט אלע כחות האָט ליעבלינג געפּרובט איהם נאָכצולויפען, נאָר — אומזיסט! — ס׳געהט נישט, אין אַ פּאָר סעקונדען ארום איז ער שוין אָהן אָטעם אויף דער ערד געלעגען און געקייכט, געקרעכצט, חאַפּענדיג דעם אָטעם. איין אויגענבליק האָט איהם גראָבפּיסעל אָנגעקוקט מיט פעראַכטונג, נאָר אויך מיט רחמנות, דאַן האָט ער איהם אַ נעהם געטהון פאַר׳ן האַלז און איהם אוועקגעטראָגען אין מויל, ווי אַ הינטישע מאַמע טראָגט איהרע קליינווארג. דאָס איז פאַר איהם נישט שווער געווען, ווייל ליעבלינג האָט זיך איהם אויסגעוויזען גרינג ווי אַ פעדער. ער איז געלאָפען מיט איהם אין איין אָטעם. אזוי לאַנג, ביז זיי האָבען דעם פּאַלאַץ שוין אינגאַנצען פון זייערע אויגען פערלאָרען. דאַן האָט ער איהם אויף דער ערד אוועקגעזעצט און פריינדליך צו איהם מיט׳ן וועדעל געדרעהט.

— וואָס פאַר אַ גוטער דו ביזט, — האָט ליעבלינג אַ זיפץ געטהון, נאָכדעם ווי ער האָט אין זיין פריינדס מויל דעם אָטעם

געחאפּט. נאָר פון גרויס אויפרעגונג האָט איהם אָנגעחאַפּט אַ ביי סעניש, און ער האָט זיך אָנגעהויבען מורא'דיג צו קראַצען, נאָר אומזיסט, ווייל די קליידער און די אנדערע זאַכען, וואָס ער האָט אויף זיין לייב געטראָגען, האָבען איהם געשטערט זיך גוט אויס־צוקראַצען.

— שלים־שלימזל! — האָט גראַפּעפּיסעל אַ ברום געטהון נאָכ־דעם, ווי ער האָט איהם אַ ווײַלע אַזוי אָנגעקוקט. דאַן האָט ער זיך אַלאָז געטהון אויף ליעבלינג'ען, אַז יענער האָט זיך אויף אַנ'אמת דערשראָקען, און מיט אײַניגע געזונדע ביסען האָט ער פון איהם אַראָפּגעריסען דעם שענעם אויבערציהער און דעם האַלז־באַנד און דעם קראַגען מיט'ן שניפּס. און עס אויף שטיקלעך צע־ריסען, דאַן האָט ער מיט איין שטאַרקען קלאַפּ מיט דער לאַפּע איהם אַראָפּגעבראָכען די קיים און געזאָגט: „אַט אַזוי, איצט זעהסטו חאָטש אויס ווי אַ אָרענטליכער הונד, און כ'וועל זיך נישט דאַר־פען שעמען מיט דיר". ליעבלינג האָט זיך געפיהלט אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבען, זינט ער געדענקט זיך. יעצט האָט ער זיך געקאָנט קראַצען וויפיעל ער האָט אליין געוואָלט, און ס'האָט איהם שוין גאָר נישט אַזוי געביסען, פון זינט ער איז גע־וועזען אויסגעטהון און די פרישע לופט האָט איהם פון אלע זייטען געבלאָזען. נאָר ווי צופריעדען ער איז געוועזען, האָט ער זיך דאָך מיט געוויסענס־ביסען אָן זיין אלטע בעל־הבית'טע דערמאָהנט און אַ מורמעל געטהון: „וואָס וועלען זיי דאָס איצט דאָרטען אין פּאַ־לאַץ זאָגען".

— קאָנסט דיר צוריקגעהן, אויב דו האָסט חרטה, — האָט גראַפּעפּיסעל גראָב געענטפערט און געמאַכט אַ מינע ווי זיך אָפּ־צוטראָגען.

— אָ, גאָה נישט אוועק, — האָט ליעבלינג געבעטען מיט מורא, — לאָז מיך נישט אליין, אָהן דיר בין איך פערלאָרען.

— טאָ האַלט ס'פּיסק און קום!

ס'איז דערווייל דונקעל געוואָרען, גראַפּעפּיסלען האָבען נאָך וועה געטהון די ביינער פון די קלעפּ, וואָס ער האָט בעקומען, ער איז געוועזען פערמאַטערט און אויך זיין חבר, האָט ער געזעהן,

איז שוין מיעד, האט ער איהם צוגעפיהרט צו א סטאגע היי אויף
א לאנקע און געזאגט: „אט דא וועלען מיר נעכטיגען". ער האט
אין היי א לאך געמאכט, ארייגעשטופט אהין דעם ציטעריגען ליעב
לינג און זיך אליין געלעגט פאר איהם. ליעבלינג איז געשלאפען
אזוי גוט, ווי נאך קיינמאל אין לעבען נישט. אויף היי ליעגט זיך
דאך עפעס גאר אנדערש, ווי אויף א סאמעטענער קישעלע אין
א ענגער און פערשלאסענער שטוב. אויך דאס רייסעניש אין די
גליעדער האט ער יעצט שוין כמעט אין גאנצען נישט געשפירט,
וויל זיין פריינד האט איהם מיט זיין גרויסען און שטארקען לייב
געווארעמט.

ווען ער האט זיך אין דער פריה אויפגעחאפט, האט ער זיך
געפיהלט, ווי ער וואלט גאר אנ'אנדער הונד געווארען. — דו
ביזט א וואוילער הונד, — האט ער צו גראבפיסלען געזאגט און
מיט דאנקבארקייט איהם זיין לאנגען, גראבען פיסק געלעקט. —
נאר איך ווייס נישט, וואס איז דאס מיר דארטען — ס'איז מיר
עפעס אזוי מארנע אין מאגען —

— דו ביזט הונגעריג, שוטה איינער, איך אויך, — האט
גראבפיסעל געענטפערט.

הונגער! דאס איז געווען א געפיהל, וואס ליעבלינג האט
קיין מאל נישט געוואוסט, אדער שוין לאנג פערגעסען. ס'האט
איהם שטארק געקלעמט ביי'ם הארצען, נאר דאך איז עס איהם
געווען פיעל אנגענעהמער, ווי דער עקעל, וואס זיינע טייע־
רע, רייכע שפייזען דארטען אין פאלאץ האבען אין איהם ערוועקט.

— וואו נעהמט מען עפעס צו'ם עסען? — האט ליעבלינג
געפרעגט.

— אט וועסטו באלד זעהן, — האט איהם גראבפיסעל קורץ
געענטפערט. ער האט א שמעק געטהון מיט זיין נאז ארום דער
סטאגע היי, דאן איז ער פלוצלונג צוגעלאפען און ארויסגע־
שלעפט פון א פויגעל-נעסט, וואס איז דארטען געווען בעהאלטען,
א יונג פויגעלע, וואס האט נאך געפיפסט און זיך געצאפעלט. עס
א ביס געטהון איף טויט און עס אווארף געטהון צו'ם שטוינענדען
ליעבלינג.

— נאַ, פּרעס, — האָט ער געזאָגט, און אַליין איינגעשלונ־גען די איבעריגע פויגעלעך, וואָס זענען נאָך אין נעסט געבליבען.

דאַן זענען זיי ביידע געגאַנגען אין אַ נאָהנטען הויף און גראַבּפּיסעל האָט אָנגעהויבען ארומצושמעקען אין מיסט־קאַסטען. ליעבּלינג האָט שוין אויך געוואָלט טהון דאָס זעלבע, נאָר פּלוצלונג איז מיט אַ שרעקליכער בּילעריי אָנגעלאָפען דער הויף־הונד און זיך אַ וואָרף געטהון אויפ'ן מאָפּס, וואָס איז פון שטאַרקען שטויס אויף דער ערד געפאַלען מיט די פיס ארויף. נאָר שוין איז נעבען איהם געשטאַנען גראָבּפּיסעל, און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ מורא'־דיגע שלעגעריי, און דער הויף־הונד האָט זיך באַלד געמוזט אָפּ־טראָגען. ער איז אַנטלאָפען מיט צעבּלוטיגטע אויערען און פּיסק און מיט אַ שרעקליכער וואָיעניש פאַר שמערצען.

— דו האָסט מיר דאָס לעבען געראַטעוועט, — האָט ליעבּלינג געקרעכצט, ווען זיי האָבען זיך האַסטיג פון הויף אָבגעטראָגען.

— ווייס איך וואָס! — האָט גראָבּפּיסעל געענטפערט, דאָך האָט ער פריינדליך מיט דער צונג זיין שווארץ געזיכט בעלעקט.

פאַר ליעבּלינג'ען האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייעס לעבען, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געקענט. ער האָט געקאָנט טהון, וואָס ער האָט געוואָלט, שטענדיג געווען אין דער פרייער לופט, ארומ־געיאָגט זיך אַזוי לאַנג, ביז ער איז פון מידקייט פון די פיס געפאַלען, און דאַן פלעגט ער זיך אוועקלעגען דאָרט, וואו ער איז געשטאַנען, ביז ער האָט זיך ווידער אויסגערוהט. מיט'ן עסען האָט אפילו קיין צרות נישט געפעהלט, ער האָט געמוזט פרעסען דאָס, וואָס ס'האָט זיך געמאַכט, אין בעסטען פאַל ביינער, וואָס ער פלעגט אויפ'ן מיסט אויסגראָבען, אין ערגסטען פאַל — קרויט־קאַטשאַנעס און געקאָכטע ריבען, וואָס אַ קוה האָט אונגערן פון צעבער ארויסגעוואָרפען. נאָר די דאָזיגע אָרעמע און שלעכטע פּאַשע, וואָס פריהער וואָלט ער זיך מיט עקעל דערפון אָבגעקעהרט, איז איהם זעהר וואויל בעקומען, און ס'האָט זיך איהם זאָגאָר אויסגעוויזען געשמאַקער, ווען ער האָט געזעהן, ווי דאָס שמעקט גראָבּפּיסלען. אָפט פלעגען זיך די ביידע פריינד מוזען

ארומרייסען מיט די דארפס-הינד, נאר דערפאר האט זיך שוין ליעבלינג מעהר נישט געשראקען, ווייל ער האט געוואוסט, אז ער קען זיך אויף גראבפיסלען פערלאזען. אין געזונד איז איהם פון טאג צו טאג בעסער געווארען. פון זיין רהיימאטיזם און בייסעניש איז קיין שפור נישט געבליעבען, ער איז מאגערער געווארען און צו־זאמען מיט זיין פעטקייט איז אויך פערשוואונדען געווארען זיין קורצער אטעם. ער פלעגט זיך שוין וועטען מיט גראבפיסלען, ווער עס וועט קאנען שנעלער לויפען, און ער איז שוין דערגאנגען אזוי וויים, אז ער האט איין מאל, צו זיין גרעסטער שמחה, געהאלפען א פאסטוך אריבערטרייבען זיין סטאדע שעפסען אויף א צווייטען וועג, און ביי דער דאזיגער שווערער ארבייט האט ער אזוי פיעל אויפגעטהון, אז אהן איהם וואלט זיך דער פאסטוך מיט זיין איי־געגעם הונד קיין עצה נישט געגעבען. דער פאסטוך האט איהם געוואלט לאזען ביי זיך, נאר דאס איז ליעבלינגען נישט אנגע־שטאנען. — אויב שוין דיענען, אזוי וועל איך בעסער געהן צוריק צו מיין בעל-הבית'טע, — האט ער געזאגט און איז מיט גראבפיסלען ווייטער געגאנגען.

אין פאלאץ האט מען זיך איבער ליעבלינג'ס פערשווינדען גאר נישט נעקאנט טרייסטען. דער דיענער, וואס האט אויף איהם נישט גוט אכטונג געגעבען, איז אהן שום טענה ומענה ארויסגע־יאגט געווארען, און די גרעפין האט אין דער גאנצער אומגעגענד געלאזט אויסרופען, אז זי וועט א גרויסע בעלוינונג געבען פאר דעם, וואס וועט איהר מאפס צוריק ברענגען. נאר קיינער האט איהם נישט געבראכט, ווייל לויט די סימנים, וואס זי האט אויפגעגעבען, אז ער טראגט א פיינעם איבערציהער, א האלז־באנד און א בראסלעט, האט איהם קיינער נישט דערקענט. גאר ליעבלינג האט יא געקלערט וועגען זיין אלטער גרעפין און גראבפיסעל וועגען זיין געשטארבענעם בעל-הבית, און אנ'ערך אין פיערצעהן טאג ארום, האט דער מאפס איין מאל אין דער־פריה א זאג געטהון: — וואס וואלט געווען א שטייגער, מיר זאלען געהן א קוק טהון, וואס הערט זיך עפעס דארטען אין פאלאץ?

— פון מיינעטוועגען, — האט גראבפיסעל געענטפערט

און בײדע האָבען זיך אַ לאָז געטהון לויפען גלײך צו'ם פּאַלאַץ צו. פיעל שטונדען האָט עס געדויערט, ביז זײ זענען אַהין אָנגעקומען. ווען זײ זענען אָנגעקומען, איז דער טויער פון פּאַרקאַן אָפען געשטאַנען, און ליעבלינג איז זיך דרײסט אַרײן. די דינער האָבען איהם נישט דערקענט, ווײל ער איז געוועזען שלאַנק און פלינק, ווי אַ באָרזע-הונד, און שמוציג, ווי אַ חזיר, וואָס איז נאָר וואָס פון דער בלאָטע אַרויס. נאָר זײנע אויגען זענען געוועזען קלאָר, זײן נאָז האָט פון פעטקײט געגלאַנצט און זײן בילען איז געוועזען הויך און האָט אָבגעקלונגען אין דער לופטען, ווי דער טהורם-גלאָק. מען האָט איהם געוואָלט אַרויסטרײבען, נאָר ער איז שנעל אַרײן אין הויז, אַרויף אויף די טרעפּ, צו צו'ם צימער פון דער אַלטער גרעפין און אָנגעהויבען קראַצען אין טהיר. דערהערט דאָס דאָזיגע בעקאַנטע קראַצען האָט זי אַ געשרײ געטהון פאַר שמחה, אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט און שנעל די טהיר געעפענט. ער איז אויף איהר אַרויפגעשפּרונגען און אָנגעהויבען לעקען איהר דאָס געזיכט מיט אַ הויכען און פרײדיגען בילען. זי האָט איהם אָבער מיט שרעק פון זיך אַראָבגעוואָרפען, דען אַ מורא'דיגער ריח האָט זיך פון איהם געטראָגען און ער איז געוועזען אַזוי שרעקליך שמוציג. זי האָט געהײסען ברענגען שמעקענדיג וואַסער און איהם מאַכען אַ וואַרעמע באָד, נאָר דערפון איז ליעבלינג האַסטיג אַנטלאָפען. ער האָט ש'ין מעהר נישט געוואָלט וויסען פון אַזעלכע זאַכען, ווי אויך פון קײן פײנע קלײדער, צוקער-ברויט און סאַמעטענע קישעלעך.

דערווײל איז גראַבפּיסעל געלעגען אין רינשטאָק און געוואַרט, וואָס דאָ וועט זײן, צי וועט איצט זײן רײכער פרײנד זיך אײנגאַנצען פערגעסען אָן איהם, אָדער ער וועט צוריקקומען צו איהם. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער אַרויסגעקומען. — ווילסטו אפשר מיט מיר אַרײנגעהן אין פּאַלאַץ? — האָט ער צו איהם פרעהליך געזאָגט.

— יאָ, קובען; כדי זײ זאָלען מיר די בײנער ברעכען. אָדער מיך אויף אַ קעט האַלטען, — האָט גראַבפּיסעל געוואָרטשעט.

— סיידען זיי וועלען פריהער מיך דער'הרג'ענען, — האט ליעבלינג געענטפערט און איהם געשטופט פאריוערטס.

אויפ'ן הויף פון פאלאץ האט מען דעם שלעכט אויסזעהענדען שלעפער צוערשט געוואלט מקבל פנים זיין מיט א מנה יפה, נאר ליעבלינג האט איהם מיט זיין לייב פערשטעלט, און מען האט דערקענט, אז דאס איז זיין פריינד. דאס האט מען דערצעהלט דער גרעפין און זי איז צוגעגאנגען צו'ם פענסטער בעטראכטען דעם מיאוס'ען, שטארקען, פרעמדען הונד; די צערטליכקייט, מיט וועלכער איהר מאפס האט זיך אין יענעם טאג בעצויגען צו איהם, האט זי זעהר גערי̇הרט, און זי האט בעפוילען, אז מען זאל איהם לאזען מיט ליעבלינג'ען.

דער מאפס האט געמוזט בעשטעהן, מען זאל איהם גוט אבריינינגען, נאר זיין פריהערד גען לעבען האט ער שוין מעהר נישט געוואלט פיהרען. מען האט איהם דעריבער געמוזט לאזען ארומלויפען מיט גראבפיסלען אויפ'ן הויף און אין דרויסען, און נאר יעדען אין דערפריה און פארנאכט האט מען איהם אויף א פיערטעל שעה צו דער גרעפין געבראכט, נאר זי האט זיין איצטיגען ריח נישט געקאנט פערטראגען און איז געווען גאנץ צופריעדען, ווען ער איז וויעדער אוועק פון איהר. ליעבלינג מיט גראבפיסלען זענען פון דעמאלט אן געבליבען טרייע פריינד און האבען זיך שוין קיינמאל נישט צעשיידט און אפט פלעגט ליעבלינג צו איהם זאגען: — דיר, ארעמער ברודער, האב איך, רייכער מאפס, צו פערדאנקען מיין געזונד און לעבען. ווען די רייכע וואלטען נאר שטענדיג געוואלט די ארעמע פאר זייערע פריינד מאכען!

— דאס וואלט פאר ביידע גוט געווען, — האט גראבפיסעלען געברומט מיט זיין טיעפער שטימע.

# דאס קאפ־וואסער.

# דאס קאפ-וואסער.

## פון די געשיכטען פון מאַקס נאָרדױ.

— אח, מאמע, — האט זיך דאס קלײנע מעדעל געקלאגט, — איך בין אזױ הונגעריג!

— זײ נאר רוהיג, מײן ליעב קינד, זײ נאר רוהיג, — האט איהר די מוטער אײנגערעדט.

— נאר פארװאס, מאמע, — האט דאס קינד אין א קורצע װײלע ארום װידער אנגעהױבען, — פארװאס, מאמע, געהען מיר נישט עסען?

— װײל מיר האבען גארנישט װאס צו׳ם עסען, — איז דער ענטפער געװעזען.

איצט האט די קלײנע אנגעהױבען ביטערליך צו װײנען און איהר מוטער האט זי אין איהרע ארעמס גענומען און געװײנט מיט איהר, און זי האט זי געװיעגט און זי זיך צוגעדריקט און געקושט.

די מוטער איז געװעזען א שײנע יונגע פרױ, װאס נישט לאנג צוריק איז איהר מאן געשטארבען. זי איז מיט איהר קינד אלײן אין דער װעלט געבליבען, און װײל זי האט קײן פערמעגען נישט געהאט, האט זי געמוזט ארבײטען, כדי פאר זיך און פאר דאס קלײנע מעדעלע צו פערדיענען אויף דאס נױטיגסטע. זי איז געװעזען א געשיקטע נעהערין און אויך א גאנץ פלײסיגע, נאר נישט שטענדיג האט זי ארבײט געפונען און דאן איז איהר זעהר שלעכט געװעזען. װײל דער בעקער און דער קצב און דער קרעמער זענען אויך נישט קײן רײכע מענשען, זײ קאנען נישט שענקען און אויך נישט בארגען אויף לאנג, און אז מען קאן נישט בעצאהלען, אזױ בעקומט מען נישט פון זײ נישט קײן קאװע און נישט קײן צוקער,

נישט קײן פלײש און נישט קײן ברויט, נישט קײן קארטאָפעל און נישט קײן שמאַלץ, נישט קײן קויהלען צו'ם הײצען און נישט נאַפט צו'ם לאָמפּ.

נו, איז גראָד איצט װידער געװען אַזאַ צײט אָהן אַרבײט, דאָס לעצט אָבגעשפּאָרט געלד איז שוין אויסגעגאַנגען און שוין צװײ טעג, װי אין אויװען האָט קײן פײער נישט געברענט, חאָטש ס'איז געװען װינטער און זעהר קאַלט, און קײן נאַפט איז נישט געװען אין לאָמפּ, חאָטש ס'איז שוין גאַנץ פריה דונקעל געװאָרען. דאָס קלײנע מײדעל האָט דעם גאַנצען טאָג גאָרנישט געגעסען און די מוטער האָט שוין צײט צװײ טעג געהונגערט.

— איך קאָן שוין מעהר נישט אויסהאַלטען, — האָט דאָס קינד געזאָגט מיט אַ שװאַכער שטימע. — אויב איך װעל קײן שטיקעל ברויט נישט קריגען, אַזוי מוז איך שטאַרבען.

— נײן, — האָט די מוטער אויסגערופען און זי פון האַנד אַראָבגעלאָזט. — דו זאָלסט נישט שטאַרבען. קום, איך װעל דיך אין בעט אַרײן לעגען, כדי דו זאָלסט זיך אָנװאַרעמען, און איך װעל געהן און װעל דיר ברויט ברענגען.

— יאָ, מוטער, ברענג, — האָט די קלײנע געמורמעלט, בשעת די מוטער האָט זי אויסגעטהון און אין בעט אַרײן געלעגט, — נאָר באַלד, איך בעט דיך, באַלד.

די מוטער איז געגאַנגען צו דער שכנ'טע אין ערשטען שטאָק. דאָס איז געװעז אַ זעהר רײכע פרוי, נאָר אַ גײציגע און אַ האַרטהערציגע. און זי האָט נאָך מקנא געװען די יונגע אלמנה. װײל נישט קוקענדיג אויף איהר גרויסען דלות איז זי דאָך געװען פיעל שענער און שטאַטליכער װי זי.

— ליעבע פרוי שכנ'טע, — האָט די מוטער געבעטען, — באָרגט מיר אויס אַ קלײניגקײט, נאָר אַ פּאָר מאַרק. איך װעל זײ אײך אָבגעבען פּינקטליך פונ'ם ערשטען געלד, װאָס איך װעל נאָר פערדינען. אָדער גיעט מיר עפּעס אַנ'אַרבײט. צײט צװײ

מעג ווי מיר פריערען און הונגערען און מיין קינד וויינט, ווייל איך קאן איהר קיין ברויט נישט געבען.

די רייכע פרוי האט אונגעדולדיג זיך צוגעהערט און געענטפערט בייז: — ווייס איך וואס, דא לייהט מען נישט. אז מען זאל נאר יעדען וועלען געבען, אזוי וועט דאך פאר זיך אליין נישט בלייבען. און קיין ארבייט האב איך אויך נישט פאר אייך. געהט אייך געזונדערהייד.

— אזוי זאל איך מיין קינד לאזען פון הונגער שטארבען? — האט די מוטער אויסגערופען און די הענד פערבראכען.

— פארוואס פערזעצט איהר נישט אדער פערקויפט נישט עפעס? — האט די רייכע פרוי געזאגט.

— איך האב שוין נישט מעהר וואס צו פערזעצען אדער צו פערקויפען, — איז דער ענטפער געוועזען.

— אזוי? — האט די רייכע פרוי געענטפערט מיט א בייזען שמייכעל. — איהר האט נאך אלענפאלס אייערע לאנגע בלאנדע צעפ. צוואס בעדארף א ארעמע הונגער-ליידענדע פרוי אזעלכע רייכע האר? איהר קאנט פאר זיי זיכער בעקומען א גרויסע סומע געלד.

די ארעמע מוטער האט די שלעכטע שכנ'טע איין ווילע אנגעקוקט, דערנאך איז זי אוועק מיט א שטומען גרום.

זי האט אין אמת'ן געהאט וואונדערשענע האר, לאנגע, געדיכטע, ווייכע ווי זיידענס, בלאנדע ווי געשפונענעם גאלד; ווען זי האט זיי פאנאנדערגעלאזט, איז זי געוועזען איינגעהילט אין זיי ווי אין א קעניגליכען מאנטעל; ווען זי האט זיי געקאמט האט עס אויסגעזעהן, ווי זונענשטראהלען וואלטען געשפיעלט ארום דעם קאם אין איהר האנד.

ווען די שלעכטע שכנ'טע האט איהר אנ'עצה געגעבען, אפ-צושניידען זיך די האר, איהר איינציגע צירונג, וואס האט צו זיך קיין גלייכען נישט, האט זי דערפיהלט א שטאך אין הארצען. נאר ווי זי איז איצט אויף דער גאס געשטאנען און געטראכט וועגען איהר הונגעריג קינד אויבען אין אייזקאלטען פינסטערען דאכשטי-בעל, אזוי האט זי זיך שנעל בעשלאסען צו'ם שווערען אפפער.

אין ראָג גאַס איז געווען אַ קראָם פֿון אַ שײַטעל-מאַכֿער, און אין שוי-פֿענסטער פֿון קראָם זענען געשטאַנען וואַקסענע דאַמען-ביוסטען מיט שענע, קונסט-פֿולע האָר, שײַטלען אין פֿערשידענע פֿאַרבען און וואונדערליך אויסזעהענדע פֿלעשעלעך מיט פֿײַנע ריחות, און אויפֿ'ן שויב האָט געקלעבט אַ צעטעל, וואָס אויף איהם האָט מען געקאָנט לעזען: „בלאָנדע און ווײַסע פֿרויען-האָר ווערט געקויפֿט פֿאַר די העכֿסטע פּרײַזען”.

אין די דאָזיגע קראָם איז די יונגע מוטער געגאַנגען. בײַ דער טהיר איז זי שטעהן געבליבען און זיך אָבגעהאַלטען, נאָר נישט לאַנג. זי האָט איהר גאַנצען מוט צונויפֿגענומען און איז אַרײַנגעגאַנגען.

— וואָס פֿערלאַנגט איהר? — האָט איהר געפֿרעגט דער שײַטעלמאַכֿער, אַ קלײן הויקערדיג מענשעלע מיט שטעכֿענדיגע שוואַרצע אויגען.

— פֿערצײַהט מיר, הערר פֿריזער, — האָט די מוטער גיזענטפֿערט שרעקעדיג, — איהר קויפֿט דאָך בלאָנדע פֿרויען-האָר?

— יאָ, געווים, איהר האָט צו פֿערקויפֿען?

— מײַנע אײגענע, הערר פֿריזער, אויב איהר ווילט.

— אַזוי, אַזוי, הם הם, — האָט דער קלײנער הויקערדיגער מאַן געמאַכֿט און אַנגעשטעלט אויף איהר זײַן שטעכֿענדיגען בליק. — לאָזט מיך אַ קוק טהון.

ער האָט זי אַרײַנגעפֿיהרט אין אַ צווײַטען צימער, האָט זי שנעל אַרויסגענומען די שפּולקעס און די האָרנאָדלען און עס זענען אַראָבגעפֿאַלען צווײ דיקע צעפּ, וואָס האָבען ביז צו איהרע פֿיס דערגרײַכֿט. דער שײַטעלמאַכֿער האָט אַזש אויסגעשריען פֿאַר איבערראַשונג. — ווי! די דאָזיגע צעפּ ווילט איהר זיך לאָזען אָבשנײַדען?

זי האָט נאָר מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל געטהון, ווײַל אין האַלז איז איהר ענג געוואָרען און זי האָט קײן וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדען. זי האָט דעם קאָפּ אָבגעדרעהט, כדי דאָס קלײנע מענשעלע זאָל נישט זעהן די טרעהרען, וואָס זענען איהר אין די אויגען אַנגעלאָפֿען.

— ציִ ווײסט איהר אָבער אויך, אַז מעהר ווָעלען אײַך שוין די האָר נישט וואַקסען אַזוי שען?

אָנשטאָט אַ ענטפער האָט זי נאָר מיט'ן אַקסעל אַ ציִה געטהון.

— נאָר פאַרוואָס בענעהט איהר אַזאַ זינר געגען זיך?

— ווײַל איך מוז, — האָט זי געזאָגט און שטאַרק צו שלאָכצען אָנגעהויבען. — איך האָב אין שטוב אַ קליין קינד, וואָס הונגערט און פריערט. איך האָב נישט קיין געלד און קיין אַרבײַט און קיינער העלפט מיר נישט. האָב איך דאָך קיין אַנדער ברירה נישט.

— אַזוי, אַזוי, הם הם, — האָט ער ווידער געזאָגט, זײַן שטעכענדיגער בליק איז געווען אָנגעשטעלט אויף איהר, אַזוי ווי ער וואָלט זי געוואָלט דורכבויערן, ער האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט עפּעס געטראַכט, דאַן האָט ער פּלוצלונג געזאָגט מיט אַ גראָבער שטימע: — אויב איהר ווילט עס דורכאוים — נו מילא, בין איך אויך צופרידען. זעצט זיך. וויפיעל פערלאַנגט איהר דען?

— איך ווײס נישט, ווי דער פרײַז איז. איך פערלאָז מיך אויף אײַך.

— נו, נו, עס וועט שוין זײַן אין אָרדנונג. — אַ ווײַלע האָט ער געזוכט צווישען די שערען און גאָלמעסער, וואָס זענען געלעגען אויפ'ן מאַרמאָרנעם וואַנד-טיש, נאָר ער האָט פון זיי קיין איינע נישט גענומען, נאָר ער האָט אויפגעעפענט אַ שופלאָד און שנעל אַרויסגענומען · עפּעס אַ זאַך, וואָס זי האָט פון אײַלעניש נישט געקאָנט גענוי דערזעהן, וואָס דאָס איז, נאָר עס האָט איהר אויסגעוויזען צו זײַן אַ לענגליכער לעדערנער פוטעראַל.

— מאַכט צו די אויגען, — האָט דאָס הויקערדיגע מענישעלע בעפוילען. זי האָט געפאָלגט. נאָר אויך דורך די געשלאָסענע אויגען האָט זי געפיהלט אַ פּלוצלונגען גלאַנץ ווי פון אַ בליץ, עס האָט זיך איהר געדוכט, ווי אַ פלאַם וואָלט איבער דער הויט פון איהר קאָפּ דורכגעלאָפען, זי האָט אַ געשריי געטהון און איז אין חלשות געפאַלען.

ווען זי איז ווידער צו זיך געקומען, איז דאס מענשעלע
פאר איהר געשטאנען, זי בעשפריצט מיט קעלנער וואסער און
געברומט: — וואס פאר א נארישקייטען — זיים דאך א קלוגע,
זי האט זיך מיט ביידע הענד דעם קאפ א טאפ געטהון
ער איז געווען נאהל ווי א ברעט. איהרע ביידע צעפ זענען גע-
לעגען אויפ'ן מארמארנעם טיש. עס האט אויסגעזעהן, ווי א
ליבטיגער שיין וואלט זיך פון זיי געצויגען. דער שייטעלמאכער
האט זיי גענומען און זיי אויף א וואג ארויפגעלעגט. אויף דער
צווייטער וואגשאל האט ער ארויפגעלעגט אזוי פיעל זילבערנע
טהאלער, ביז דאס צינגעל איז געשטאנען גלייך. ער האט צו-
ליעב דעם געמוזט ארויפלעגען אכט און צוואנציג טהאלער, ווייל
דאס האט געוואויגען מעהר ווי א פונט.
— אליין לעבען און אנדערע לעבען לאזען, — האט ער
געזאגט, ווען ער איז כארטיג געווען. די דאזיגע צעפ האבען
אייגענטליך מיט גאלד געדארפט געוואויגען ווערען, נישט מיט
זילבער, נאר איך מוז דאך אויך עפעס פערדינען.
ער האט איהר אויסגעצאהלט אין האנד אריין די 84 מארק,
נאר דאן האט ער איין טהאלער צוריק גענומען און בעמערקט
מיט א געהיימניספולען שמייכעל: — דריי מארק רעכען איך אראב,
פארוואס, וועט איהר זיך שוין דערוויסען.
ווען די מוטער איז ווידער אויף דער גאס געשטאנען איז
איהר דער קאפ אזוי געווען צעמישט, ווי זי וואלט נאר וואס פון
א שוועפען חלום זיך אויפגעכאפט. נאר זי האט דערפיהלט די
שווערע זילבערנע מטבעות אין קעשענע און דעריבער האט זי גע-
וואוסט, אז דאס איז נישט געווען קיין חלום.
איין אט איז זי איצט רייך געווען און האט ווענינסטענס
איהר קינד געקאנט עפעס פערגינען. זי איז גלייך אין די ערשטע
קראם אריין און געקויפט נישט נאר ברויט און קוילען, קאווע
און צוקער, נאר אויך קוכען, פוטער און אנ'איי. זי האט גאר
קיין אכט נישט געלעגט אויף דעם, וואס מען האט אין די קרא-
מען פערוואונדערט אויף איהר געשוירענעם קאפ געקוקט, זי האט
זיך צופיעל געיאגט. אז זי איז בעפאקט מיט די אנגעקויפטע זא-

בען און צוזאמען מיט'ן קויהלען-טרעגער אויף די טרעפ פון איהר הויז ארויף, איז די רייכע שכנ'טע געשטאנען אויפ'ן שוועל פון איהר טהיר און זי בעטראכט מיט בעזער שמחה. זי האט גלייך בעמערקט, אז זי האט פערלארען איהר פראכטפולע האר-ציערונג און האט זיך אנגערופען צו איהר מיט א בעזען שמייכעל: — איהר האט געטהון, ווי איך האב אייך געהייסען. גאנץ גוט אזוי. פון היינט אן וועט איהר שוין מעהר נישט דארפען קיין צייט פערליערען אויף צו קעמען זיך. — די מוטער איז נישט שטעהן געבליבען, נאר זי איז האסטיג וייטער געגאנגען. נאר ווי זי איז אויבען פאר איהר טהיר אנגעקומען, האט זי איהרע פעקעלעך אויף דער ערד אוועקגעלעגט און מיט איהר טוך דעם קאפ ארומגעבונדען, כדי איהר קליין מעדעלע זאל דאס נישט בעמערקען.

דאס קינד איז נאך נישט געשלאפען. דער הונגער האט איהר נישט שלאפען געלאזט. ווי די מוטער איז אריינגעקומען איז איהר ערשטווארט געווען: — מוטער, האסטו ברויט געבראכט?

— יא, מיין ליעב קינד, — האט די מוטער געזאגט און גלייך איז זי שוין ביי'ם בעט געשטאנען און איהר קינד מיט קושען בעדעקט, — און קוכען, און פוטער, און אנ'איי און נאך פיעל גוטע זאכען. אט האסטו. — זי האט איהר גלייך געגעבען א שטיקעל ברויט, וואס די קליינע האט גיעריג אין מויל אריינגעכאפט, דערנאך האט זי געמאכט פייער אין אויווען און אנגעצונדען די לאמפ און צוגעשטעלט קאווע און אבגעקאכט די איי און עס איז געווען ליכטיג און ווארעם און אנגענעהם אין דאכשטיבעל און דאס קינד איז געווען צופריעדען און האט געלאכט, און געפלאפעלט, און איצט איז שוין דער מוטער נאר קיין שאד נישט געווען, וואס זי האט איהרע שענע האר אבגעגעבען. אז זיי האבען זיך ביידע אנגעגעסען איבער זאט, איז דאס קליינע מעדעל גלייך איינגעשלאפען און די מוטער האט זיך נעבען איהר געלעגט אין זעלבען בעט.

אויף צו מארגענס אין דער פריה האט איהר פון שלאף אויפגעוועקט די הויכע שטימע פון איהר קינד, וואס האט ערשטוינט אויסגערופען: — מאמע, פארוואס האסטו צו'ם שלאפען

דײַנע האָר נישט געפלאָכטען? — זי האָט זיך אַ חאַפּ געטהון — ריכטיג, איהר האָר, געדיכט און לאַנג און װײַך װי זײַדענס, װי שטענדיג, איז איבער'ן קישען געװען אויסגעשפּרייט און איבער די קאָלדרע. זי איז פון בעט אַרויסגעשפּרונגען, נאָר זי האָט גאָר נישט געדאַרפט צושפּרינגען ביז צו'ם קלײנעם האַלב צעבראָכענעם שפּיעגעל בײַ דער װאַנד, כדי אײַנצוזעהן, אַז זי האָט אין אמת'ען איהרע האָר צוריק, װײַל װי זי איז אויף דער ערד אַראָב, האָבען זיך די האָר װי געװעהנליך אַראָבגעלאָזט און האָבען זי אײַנגעהילט פון קאָפּ ביז די פיס װי אַ קעניגליכער מאַנטעל פון געשפּונענעם גאָלד. זי האָט שנעל איהרע צעפּ געפלאָכטען, זיך האַסטיג אָנגעטהון און געלאָפען צו'ם שײַטעלמאַכער.

— הערר פריזער! װאָס איז דאָס? צי זענט איהר אַ שװינדלער? אָדער אַ כישוף-מאַכער?

— זײַט נאָר גאַנץ רוהיג, — האָט דאָס קלײנע הויקערדיגע מענשעלע געענטפערט און זײַן שטעכענדיגער בליק האָט געשײַנט זי דורך און דורך צו בויערן. — בײַ מיר געהט אַלץ צו אויף אַ נאַטירליכען אופן. איך האָב אַזאַ קאָפּ-װאַסער, װאָס האָט גאָר צו זיך קײן גלײַכען נישט. פון דעם דאָזיגען װאַסער װאַקסט דאָס האָר אויף צוריק איבער נאַכט, נאָר נאָך שענער און געדיכטער װי פריהער. מיט דעם דאָזיגען װאַסער האָב איך אײַך דעם קאָפּ געװאַשען, װען איהר זענט אין אָהנמאַכט געלעגען, און דערפאַר האָב איך אײַך דעם טהאָלער אַראָבגערעכענט. פערשטעהט איהר שוין?

— װי זאָל איך אײַך דאַנקען! — האָט די מוטער שטיל געזאָגט און געװאָלט זײַן האַנד אָנגעהמען אין אַ קוש טהון.

— מאַכט זיך נישט נאַריש! — האָט דער שײַטעלמאַכער גראָב אַ געשרײַ געטהון און אָבגעטרעטען אײן טריט צוריק. — זעהט װאָס שנעל זיך אָבצוטראָגען פון דאַנען. איך האָב קײן צײַט נישט.

נאָר װען זי איז שוין בײַ דער טהיר געשטאַנען, האָט ער זי װידער צוריק גערופען. — נאָך אײנס, ליעבע פרוי. װען עס

װעט אײַך אַמאָל װידער שלעכט זײַן, בעדאַרפֿט איהר נישט צו פֿערקױפֿען אײַערע צעפּ. שנײַדט נאָר אָב פֿון די שפּיצען אַזױ פֿיעל װי די ברײַט פֿון דער האַנד, נאָר אין קײן פֿאַל נישט מעהר. איהר הערט? און דאָס אָבגעשניטענע טראָגט אַרײַן אָט דאָ צו'ם גאָלדשמיד. ער װעט עס אָבקױפֿען בײַ אײַך, װײַל דאָס איז געשפּונענעם גאָלד, און עס װאַקסט אײַך צוריק. אָבער דאָס זאָלט איהר טהון נאָר, װען דאָס װעט װירקליך נױטיג זײַן און איהר װעט קײן אַנדער עצה נישט האָבען. נעהמט זיך דאָס אין זינען אַרײַן. און איצט אַדיע.

װי זי איז טיעף אין געדאַנקען פֿערזונקען אַהײם געגאַנגען, האָט איהר נעבען הױז בעגעגענט איהר גײַציגע שכנ'טע, װאָס האָט גראָד געװאָלט אין איהר קאַרעטע אַרײַנשטײַגען, כּדי צו פֿאָהרען שפּאַצירען, װי זי פֿלעגט יעדען טאָג טהון. די שלעכטע פֿרױ איז געבליעבען שטעהן װי צוגעשמידט, ברײַט האָט זי די אױגען געעפֿענט און אױסגערופֿען: — אָבער גוטע פֿרױ — װאָס טהוט זיך דאָ מיט מיר — צי דען האָט מען אײַך נעכטען אָװענד נישט אָבגעשניטען די צעפּ?

— יאָ, מען האָט זײ אָבגעשניטען, מאַדאַם שכנ'טע, — האָט די יונגע אלמנה געענטפֿערט, — נאָר זײ זענען מיר איבער נאַכט צוריק אָבגעװאַקסען.

— איהר מוזט פֿון מיר חוזק מאַכען, — האָט די שלעכטע גביר'טע אַ ברום געטהון; — װי קאָן דאָס דען זײַן?

— דער הערר פֿריזער האָט מיר דעם אָבגעשױרענעם קאָפּ געװאַשען מיט אַ װאונדערבאַר קרעפֿטיגעם קאָפּ־װאַסער, און דערפֿון זענען דאָס די האָר װידער אַזױ שנעל אָבגעװאַקסען, אָבער נאָך געדיכטער און לענגער װי פֿריהער.

די שלעכטע גביר'טע האָט קײן װאָרט נישט געזאָגט, נאָר אַ גיפֿטיגען בליק געװאָרפֿען אױף איהר שכנ'טע, װעלכע איז װידער פֿיעל שענער געװעזען פֿאַר איהר, זי געלאָזט בײַ דער טהיר שטעהן און הענדום־פֿענדום געלאָפֿען צו'ם הױקערדיגען שײַטעלמאַכער.

— װילט איהר מײַן האָר אָבקױפֿען? — האָט זי געפֿרעגט.

ווען זי איז אהן א גוט מארגען אין קראם אריינגעקומען.

דאס קליינע הויקערדיגע מענשעלע האט זי בעז אנגעקוקט מיט זיינע שטעכענדיגע שווארצע אויגען און געענטפערט: — אייער האר איז גארנישט ווערט. איך קאן אייך פאר זיי גארנישט געבען.

זי האט איהר פערדרוס פערביסען און געזאגט: — ס'מאכט נישט אויס, איך שענק זיי אייך. שניידט זיי נאר אב.

— נאר צו וואס? — האט ער געפרעגט.

— ע, וויל איך וויל, זיי זאלען מיר שנעל צוריק אבוואקסען, געדיכטער און לענגער, אזוי ווי ביי מיין שכנ'טע, די נעהערין. עס שיקט זיך נישט, אז אזא קבצנ'טע זאל זיין שענער ווי א רייכע און א פארנעהמע דאמע ווי איך בין.

— אזוי, אזוי, — האט דער הויקערדיגער קליינער געברומט, — נו, ווי איהר ווילט.

ער האט זי געהייסען זיך אויף א שטוהל זעצען, נאר ער האט נישט ארויסגענומען פון שופלאד דאס געהיימניספולע פוטעראל, נאר גענומען איינע פון די שערען, וואס זענען אויפ'ן מארמארנעם וואנד-טיש געלעגען, און אנגעחאפט איהרע מכלומרשטע צעפלעך פון א אונבעשטימטען ברוינליך-שווארצליכען קאליר. א שנייד — א שער, און שוין האט ער דאס ווערגלע אין האנד געהאט און עס מיט עקעל אין א ווינקעל א שליידער געטהון. א שנייד — א שער, און איהר גאנצער שארבען איז געווען נאהל ווי א ברעט, אז מען האט זיך געמוזט צולאכען, ווען מען האט אויף איהר א קוק געטהון. — שוין פארטיג, — האט ער גראב געזאגט, — איהר קאנט שוין געהן.

— נו, און דאס קאפ-וואסער?

— וואס פאר א קאפ-וואסער?

— פון וואס די האר וואקסען צוריק אזוי שנעל, נאר נאך שענער ווי פריהער.

— דאס קאסט איין און אכציג מארק, — האט ער געזאגט.

— דאס איז ביי מיר א קלייניגקייט, — האט זי מיט גאוה

געענטפערט; — איך האב דאך גענוג.

ער האט זיך געהייסען אויסצעהלען דאס געלד. דערנאך האט ער געעפענט א פלאש און ארויפגעשפריצט איהר אויפ'ן קאפ עטליכע טראפען, וואס האבען געשמעקט מיט פעך און מיט שוועבעל. עס האט איהר שרעקליך געביסען און געברענט, נאר זי האט פערשטיקט דעם וועהטאג. אבי נאר שען צו זיין, מעג מען שוין א ביסעלע ליידען, האט זי געקלערט און איז אוועק זעהר צופריעדען, וועהרענד דער שייטעלמאכער האט הינטער איהר מיט א שפאטישען געלעכטער די טהיר פון קראם צוגעמאכט.

ווי זי איז א היים געקומען און איהר מאן און איהרע דיענסט־לייט האבען אויף איהר א קוק געטהון, אזוי האבען זיי אין שרעק די הענד פערבראכען. נאר זי האט געזאגט: — „ווארט נאר א ביסעל", און איז גלייך אריין אין שלאפצימער און זיך געלעגט אין בעט אריין ווי א קראנקע. אזוי איז זי געבליעבען געדולדיג ליעגען דעם גאנצען טאג און איז שפעט אין אווענד איינגעשלא־פען מיט דער איבערציינגונג, אז מארגען וועט זי נאך שענער זיין. זי האט זיך אויפגעחאפט גאנץ פריה, ווייל די אונגעדולדיגקייט האט איהר נישט געלאזט שלאפען. איהר ערשטע בעוועגונג איז געוועזען, זיך מיטביידע הענד פאר'ן קאפ אנצוגעהמען — אח! ער איז נאך געוועזען אזוי גאהל, ווי די שער פון הויקערדיגען שייטעלמאכער האט איהם געלאזט.

— אפשר געהט עס נישט אזוי שנעל, — האט זי א קלער געטהון און איז אבגעלעגען נאך פיער און צוואנציג שעה אין בעט. נאר אויך אויף צו מארגענס איז זי געוועזען פונקט אזוי גאהל ווי פריהער. דאן האט זי זיך צארניג אנגעטהון, זיך פערבונדען דעם קאפ מיט שלייער און הוט און געלאפען צום הויקערדיגען שייטעלמאכער.

— מענש! איהר האט מיך אבגענארט! — האט זי אויף איהם א געשריי געטהון.

— דאס ערלויב איך מיר נישט! וואס הייסט? — האט ער גראב געענטפערט.

— אײַער קאַפּ-װאַסער איז שװינדעל, די האָר װאַקסען מיר נישט צוריק.

— האָט איהר קינדער? אָדער װעניגסטענס אײן קינד?

— נײן.

— נו, מײַן האָר-װאַסער װירקט נאָר בײַ מאַמעס. דאָס האָט איהר געמעגט פאָראױס װיסען. און איצט טראָגט זיך מיר אָב פון דאַנען.

דאָ האָט שױן גאָרנישט געהאָלפען. אױב זי האָט נישט געװאָלט בלײַבען מיאוס און לעבערליך, װי אַ סטראַשידלע, האָט זי זיך געמוזט אַ שײַטעל אָנטהון. און אַזױ װי איהרע האָר זענען שױן מעהר נישט געװאַקסען, האָט זי דעם שײַטעל געמוזט איהר גאַנץ לעבען טראָגען.

דערפאַר איז עס דער יונגער מוטער פון דעמאָלט אָן גע=גאַנגען אַלץ בעסער און בעסער, זי האָט שטענדיג געהאַט ארבײַט און אין גיכען האָט זי געקאָנט איהר דאַכשטיבעל פערלאָזען און זיך איז ערשטען שטאָק אַרײַנציהען, און פון איהרע גאָלדענע צעפּ האָט זי קײנמאָל נישט געדאַרפט דעם עק אָבשנײַדען, און זי האָט איהר קלײן טעכטערל ערצױגען, ביז זי איז גרױס געװאָרען. און אז זי איז געװאָרען אַ שײן, געבילדעט, ארטיג מערעל פון צװאַנציג יאָהר, אַזױ האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ טיכטיגען יונגען מאַן און זײ האָבען בײדע געהאַט פיעל קינדער. און אױב זײ זענען נישט געשטאָרבען, אַזױ לעבען זײ נאָך ביז הײַנטיגען טאָג.

# דער ברודער און די שוועסטער.

# דער ברודער און די שוועסטער

## פון די געשיכטען פון מאַקס נאָרדוי

אמאָל איז געווען אַ ברודער און אַ שוועסטער, אַ קליין יונגעלע און אַ קליין מעדעלע, וואָס זייערע עלטערן זענען געוועזן אָרעמע לייט, אַ שלאָסער, וואָס האָט אין אַ מאַשינען־וואַרשטאַט געאַרבייט, און זיין פרוי, וואָס האָט די ווירטשאַפט בעזאָרגט און פאַר פרעמדע לייט וועש געוואַשען. דער פאָטער פלעגט קיינמאָל אין דער היים נישט זיין, אויסער זונטאָג און יום טוב, און די מוטער איז געווען צו פיעל פערטהון, אַז זי זאָל זיך קאָנען וועגען איהרע קינדער קימערן. דעריבער זענען ברודער און שוועסטער מעהרסטענטייל געווען פראַנק און פריי, אָהן השגחה, און זענען געוואַקסען, ווי ווילדע קראָפּיווע. דאָס יונגעל איז געווען אַ ווילדער און אַ כעסן און פלעגט זיך נישט לאָזען אַ וואָרט זאָגען. אָפט פלעגט ער אַוועקגעהן ווייט הינטער'ן שטאָדט און נישט קומען צו דער צייט צו'ם עסען, ער פלעגט קלעטערן אויף בוימער און זיך די הויזען צערייסען. ער האָט זיך געחבר'ט מיט גאַסען־יונגען, זיי געשלאָגען און די נאָז צעבלוטיגט און אַליין ברענגען אַ היים בלויע סיניאַקעס און ביילען. ווער ווייס, וואָס איהם וואָלט זיך פּאַסירט, וויפיעל מאָל דאָרפס־הינד וואָלטען איהם געביסען, ציגיינער צוגעגנבה'ט און אויטאָמאָבילען איבערגעפאָהרען, ווען ער וואָלט זיין קליין שוועסטערל נישט געהאַט.

זי איז אפילו געווען מיט אַ יאָהר יונגער פון איהם, נאָר פיעל קליגער, און איז שטענדיג געווען נעבען איהם און איהם געשטערט, ווען ער האָט געוואָלט אָבטהון שוין צו נאַרישע זאַכען און אַזוי ווי ער האָט זי זעהר ליעב געהאַט, פלעגט ער איהר

מעהרסטענטהייל פֿאלגען, חאטש אפילו נישט שטענדיג, און אזו איז ער בעהיט געווארען פֿון פֿיעל שלעכטס.

איינמאל, אין א זומערדיגען טאג האט זיך פאסירט, אז דער ברודער האט וויעדער פֿארגעלעגט זיין קליין שוועסטערל, אז זי זאל מיט איהם ארומלויפֿען אין וואלד און פֿעלד. דאס שוועסטערל האט נישט געוואלט, ווייל די מוטער האט אנגעזאגט, זיי זאלען נישט ווייט פֿון שטוב אוועקגעהן.

— גוט, אויב דו ווילסט מיט מיר נישט געהן, וועל איך אליין געהן, — האט דער קונדס געזאגט, און געמאכט א מינע, ווי ער וויל אוועקגעהן. ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז זי וועט איהם נישט לאזען געהן איינער אליין.

— דו ביזט א גרויסער לאבוס, — האט זי איהם געזידעלט, נאר דאך האט זי זיך בעשלאסען מיטצוגעהן מיט איהם.

זיי האבען זיך שנעל אלאז געטהון, און באלד האבען זיי שוין געהאט די שטאדט הינטער זיך און זענען ארויף אויפ'ן וועג, צווישען פארקאנעס און הויפען פון פויערען, דאן זענען זיי געלאפען איבער לאנקעס, וואו ס'איז געוואקסען הויכע גראז און קאניצינע, געריסען פרוכט פון די קארשענבוימער, אבגעבראכען בלומען און געהאפט ווייסע און בלויע שמעטערלינגען. אזוי שפיעלענדיג זיך און שטיפענדיג זענען זיי פערקראכען אלץ ווייטער און ווייטער, ביז זיי זענען צוגעקומען צו א וואלד, דערנאך דורכין וואלד און ענדליך ביז צו'ם ברעג פון א רוישענדיגען טייך, וואו זיי האבען זיך געמוזט אבשטעלען.

— איצט וועלען מיר צוריק געהן, — האט דאס שוועסטערל געזאגט.

— ניין, — האט דער ברודער געענטפערט; — ער האט אנגענומען דאס שוועסטערל פאר'ן האנד און זיך מיט איהר געלאזט געהן איבער'ן ברעג פון טייך. ביי איין ארט, וואו דער ברעג איז געווען אויסגעקרימט, האט ער פלוצלונג דערזעהן א קליין שיפעל, וואס איז געווען אנגעבונדען אן אנ'אלטען ווידעבוים. ער האט א שאל געטהון פאר שמחה און איז גלייך אריינגעשפרונגען אין שיפעל אזוי האסטיג, אז דאס שיפעל האט זיך

געפֿעהרליך אָנגעהויבען שאָקלען.

— דו זאָלסט גלייך אַרויסגעהן! — האָט דאָס שוועסטערל דערשראָקען אויסגעשריען.

— וויל איך נישט, — האָט דער קונדס געזאָגט; — עס וויעגט זיך אַזוי גוט, אַז מיר דאַכט זיך, ווי איך בין אַ פֿויגעל אין דער לופֿטען; שפּרינג שנעל אַריין, שוועסטערל, וועלען מיר פֿאָהרען.

— איך האָב מורא, — האָט דאָס קליינע מעדעל געענט־פֿערט. — דאָס שפּיעל איז דאָך נישט אונזערע. ווען דער אייגענ־טהימער וועט דיך פּאַקען, וועסטו קריגען קלעפּ. און די מאַמע האָט אויך שטענדיג אָנגעזאָגט, נישט אַריינצוגעהן אין וואַסער.

— די מאַמע זעהט נישט, קום נאָר, קום, — האָט דאָס שלעכטע יונגעל געזאָגט און אָבגעבונדען דאָס שיפֿעל. אויב דאָס שוועסטערל האָט נישט געוואָלט איינע אַליין בלייבען אויפֿ'ן ברעג, האָט זי מיט גוטען צי מיט בעזען איהם געמוזט פֿאָלגען.

זי האָט מיט שרעק אַריינגעשטעקט צו ערשט איין פֿוס אין שיפֿעל, דערנאָך די צווייטע און שוואַך אַ קוויטש געטהון, ווען דאָס שיפֿעל האָט זיך אַ שאָקעל געטהון. דער ברודער האָט זיך פֿון איהר אויסגעלאַכט, זי אוועקגעזעצט אויפֿ'ן באַנק און מיט'ן גאַנצען כח אָנגעשטעלט דעם רודער אַקעגען ברעג. דאָס שיפֿעל האָט זיך אָבגערוקט, צו'ם אָנהויב פּאַמעלעך, דערנאָך אַלץ שנעלער און שנעלער. איידער די קינדער האָבען בעוויזען זיך אַרומצוקוקען, זענען זיי שוין געוועזען אין מיטען טייך, וואו דער שטראָם איז געוועזען צו'ם שטאַרקסטען, און מיט אַ אונגעהייערער שנעלקייט האָבען זיי זיך אַלץ ווייטער און ווייטער געטראָגען. די ברעגען זענען שנעל פֿאַר זיי פֿערביי געפֿלויגען. יעדע קרימונג פֿון טייך האָט זיי נייע בילדער געוויזען: צו'ם אָנהויב בלומיגע לאָנקעס, דערנאָך דונקעלע וועלדער, אויף לעצט הויכע בערג, וואָס האָבען זיך אַלץ נעהנטער און נעהנטער צוזאַמענגעפֿלאָכטען און אַ פֿינסטערען שאָטען אויפֿ'ן וואַ־סער־שפּיעגעל געוואָרפֿען. יעצט האָט זיך דער טייך געצויגען אין אַ ענגען איינשניידונג צווישען אונגעהויערע גלייך אַראָבהענגענדע ווענד, דאָס וואַסער האָט געשטרעמט מיט אַ גוואַלדיגער קראַפֿט

און די וועלען האבען מיט א דונערדיגען גערויש זיך אן די פעליזען אבגעשלאגען.

— איך האב מורא, — האט דאס שוועסטערל שטיל געזאגט.

— און איך קיין האר נישט, — האט דער ברודער געענטפערט; — דא איז אזוי ווילד און דאס וואסער זינגט אזוי לוסטיג.

— נאר וואו אהין פאהרען מיר? — האט דאס שוועסטערל געפרעגט.

— דאס ווייס איך נישט און דאס טאקי איז דאס שענסטע דערין, — האט דער ברודער געענטפערט; — לאָ'מיר די אויגען צומאכען און זאל עס אונז טראגען; מיר וועלען שוין ערגעץ אנקומען.

זי האט אזוי געטהון, ווייל ס'איז איהר שרעקליך געווען פאר די הימעל-הויכע בערג, וואס זענען אזוי נאהנט געוועזן, אז מען האט זיי מיט דער האנד געקאנט דערגרייכען, און פאר דעם גערויש פון וואסער. ווידער האט זיך דער טייך שארף אויסגעקרימט פאר אנ'ארויסשטעקענדיגען פעליזען, און מיט א מאל האבען ברודער און שוועסטערל גלייכצייטיג א געשריי געטהון. זיי האבען א שטארקען שטויס דערפיהלט און זענען אנידערגעווארפען געווארען אויפ'ן דנא פון שיפעל. שנעל האבען זיי די פערמאכטע אויגען געעפענט און דערזעהן, אז עפעס א אונגעזעהענע מאכט האט דאס שיפעל פון וואסער ארויסגעשנעלט און הויך אין דער לופט געשליידערט. ווען זיי זענען צו זיך געקומען האבען זיי דערזעהן, אז דאס שיפעל איז צוזאמען מיט זיי געלעגען אין א גרויסער נעץ פון שטריק דיק ווי א האנד, וואס איז געהאנגען אויף א שטעקען לאנג ווי א בוים. און דעם שטעקען האט געהאלטען א מורא'דיגער ריזע, וואס איז געזעסען אויף איינעם פון די הייכע גלייכע בערג פון ברעג און געבאמבעלט מיט זיינע פיס, חאס זענען לאנג געווען ווי צעהן מענשען. מיט איין רוק איז די נעץ אויפגעהויבען און א וועקגעווארפען געווארען אויפ'ן פעליזען, אז דאס גאנצע שיפעל האט געקנאקט און געקראכט. א האנד, וואס אין איהר האט זיך דאס שיפעל גאנץ בעקוועם געקאנט אויסשטע-

לען, איז אויסגעשטרעקט געוואָרען צום שיפעל, עס אַרויסגע־
פּלאָנטערט צוזאַמען מיט די צוויי קינדער פון די שטריק פון נעץ
און עס צוגעטראָגען צו צוויי אויגען, וואָס יעדעס פון זיי איז
גרויס געווען ווי אַ ראָד פון אַ וואָגען. אַ מויל האָט זיך געעפענט
ווי אַ טויער פון אַ שפּייכלער, און אַ שטימע, וואָס האָט ווי אַ
דונער געהילכט דורכ'ן גאַנצען טאָל, האָט געזאָגט: „קום אַמאָל
דערלעבט צו חאַפּען עפּעס רעכטס! מיין אַלטע וועט זיך פרעהען
דערמיט". די האַנד האָט זיך צוגעמאַכט אַרום שיפעל, און ביידע
קינדער האָבען געזעהן דורך זיינע פינגער, ווי דורך שפּאַלטען פון
טהורם־באַלקענס, אַז דער ריזע איז אויפגעשטאַנען, זיין נעץ אויפ'
פּלייצע אַרויפגעוואָרפען און זיך געלאָזט געהן. זיין קאָפּ האָט
אַרויסגעשטאַרצט איבער די העכסטע בוימער אַריבער, און זיין
גאַנג איז געווען שנעלער ווי דער שנעלסטער באַהן־צוג.

דער ברודער איז שיער נישט געשטאָרבען פאַר שרעק, ער
האָט הויך געקוויטשעט און כמעט אונפערשטענדליך געשריען:
„אוי וועה! אוי וועה! אַנ'עק, מיט אונז!".

דער שוועסטערל איז אפילו אויך נישט געווען גאַנץ גוט
אויפ'ן האַרצען, נאָר דאָך האָט זי געהאַלטען הויך דעם קאָפּ און
אויסגערעדט דעם ברודער פאַר זיין אונגנוצליכעס קלאָגען. „דו אַליין
האָסט אונז אין בלאָטע אַריינגעשלעפּט", האָט זי געזאָגט, „טאָ זיי
וועניגסטענס שטיל. אפשר זענען נישט אַלע ריעזען קיין מענשען־
פרעסער".

— נאָר צו וואָס דען האָט ער אונז פון וואַסער געפאַנגען
אויב נישט אויפפרעסען אונז, — האָט דאָס יונגעל געיאָמערט.

— ער וועט אונז אַ היים ברענגען צו זיין פרוי, — האָט איהם
דאָס שוועסטערל בערוהיגט; — ווע'לען מיר בעטען די מאַדאַם
ריעזין, זי זאָל אונז לאָזען אַ היים געהן צו אונזער מאַמען. אַ פרוי,
רעכען איך, וועט קיין קינדער קיין שלעכטס נישט טהון, אפילו אַז
זי איז אַ ריעזין.

נאָר פאַר'ן ברודער איז דאָס נישט געווען קיין גרויסער
טרייסט; ער האָט זיך צוגעטוליעט צו דער שוועסטערל, אַרום
גענומען מיט ביידע הענד איהר האַלז און געשלאָכצט: „אָ, שוועס

טערל, שוועסטערל, העלף מיר נאר נאך דאס איין מאל, כ'וועל שוין מעהר קיינמאל נישט שטיפען".

ס'האט נישט לאנג געדויערט, איז דער ריעז צוגעקומען צו זיין הויז, וואס איז געשטאנען אויף א הויכען בארג אין וואלד און איז געווען גרעסער ווי די סאמע גרעסטע קירכע, וואס די קינדער האבען נאר ווען געזעהן. פאר דער טהיר האט שוין געווארט די ריעזין און בעגעגענט איהר מאן מיט א שמייכעלע.

—איך האב דיר עפעס געבראכט!—האט ער געזאגט נאך פון וויטען מיט זיין דונערנדיגער שטימע און געדרעהט הין און צוריק זיין האנד מיט'ן שיפעל פאר זיין געזיכט, אז די קינדער האט אנגעהויבען פאר די אויגען צו שווינדלען.

— וואס איז דאס אזוינס?— האט די ריעזין נייגיעריג געפרעגט און שנעל אין שטוב אריינגעגאנגען.

דער ריעז איז אריין נאך איהר, ארויפגעשטעלט דאס שיפעל אויפ'ן טיש, א נעהם געטהון דאס יונגעל צווישען דעם גראבען פינגער און איהם אונטערגערוקט דער פרוי צו'ם געזיכט: „זעה נאר ס'א קליין קונדס'ל דאס איז! ער איז זיך גאנץ צופריעדען געשוואומען צוזאמען מיט אט דעם צווייטען ליליפוט'ל אין א שעלעכעל פון א נוס אויף אונזער וואסער, און אזוי האב איך עם איינגאנצען פאר א מאל ארויסגעכאפט".

דאס יונגעל האט זיך מיט אלע זיינע קרעפטען געצאפעלט און געווארפען צווישען די פינגער, וואס האבען איהם געהאלטען, ער האט געקוויטשעט, אזוי ווי מ'וואלט איהם שוין אויפ'ן שפיז ארויפגעשטעקט צו'ם בראטען, און אזוי מיאוס דאס געזיכט פערקרימט, אז דאס שוועסטערל האט צו איהם א זאג געטהון: „ציטער נישט אזוי, ברודערל, די בעלי בתים פרעסען דאך דיך דערווייל נישט אויף".

— נאך נישט, קלייגער קונדס דו איינער, נאך נישט, — האט דער ריעז געזאגט און אנגעהויבען הויך צו לאכען.

די ריעזין האט דאס צאפעלדיגע יונגעל איהם פון האנד ארויסגענומען און אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש, וואו ער איז באלד געפאלען דער שוועסטערל אויפ'ן האלז און זיין קאפ צו איהר

ברוסט צוגעשוליעט, און דערווייל האט די ריעזין דאס קליינע פארל בעטראכט, חאטש איהרע אויגען זענען זעהר גרויס געוועזען פון דעסטוועגען האבען זיי געקוקט פריינדליך און איהר געזיכט, איז געוועזען מילד און גוט, און דאס האט דאס שוועסטערל גאנץ גוט בעמערקט. די ריעזין אליין האט קיין קינדער נישט געהאט, און דעריבער איז איהר אזוי וויי געווארען אויפ'ן הארצען, ווען זי האט זיך אזוי נאהנט צוגעקוקט צו די דאזיגע צוויי מענשעני-קינדער.

— איך האב שוין לאנג קיין מענשען-פלייש נישט פערזוכט.— האט דער ריעז געזאגט. — מאך מיר נאר די קליינווארג אויף וועטשערע צורעכט. איך וויל זיי עסען געבראטענערהייד.

— ניין, — האט די ריעזין שנעל געענטפערט און די קינדער מיט איהר האנד בעדעקט, — די דאזיגע קינדער זענען נאך צו קליין. זיי וועלען דיר ביידע אויף איין צאהן נישט קלעקען. פריהער מוזען מיר זיי אויספאשען. אויף היינט אווענד האבען מיר פיער פעטע בארא‌נעס, צוויי קארץ קארטאפעל און א צענטנער קארשען. און די דאזיגע קליינע לאז מיר דערוויילע זיך צו שפיעלען מיט זיי.

— פון מיינעטוועגען, — האט דער ריעז א ברום געטהון און איז ארויפגעגאנגען, אויפצורוימען די נעץ.

אז די ריעזין איז אליין מיט די קינדער געבליעבען, האט זי זיך צו'ם טיש געזעצט, ביידע לאנג שווייגענדיג בעטראכט, דאן האט זי גענומען צו זיך דאס יונגעל, ווייל ער איז געוועזען דער-גרעסערער, און מיט א שטימע, וואס זי האט זעהר גוט פער-שטאנען וויי צו מאכען, האט זי געזאגט צו איהם: „האב נישט מורא, קעצעלע, איך וועל דיר גארנישט טהון, אויב דו וועסט נאר זיין א פיין קלוג קינד. וועסט זיין אזוי?"

— אך, מאדאם ריעזין, — האט דאס יונגעל געענטפערט מיט א וויינענדיג קול און ציטערנדיג מיט'ן גאנצען קערפער, — איך וועל מיך סטארען. נאר מיין שוועסטערל איז פיעל ארטיגער און קלינגער פון מיר.

— דאס איז אמת, קליינע? — האט די ריעזין געפרעגט

— מ'טאָר זיך נישט אַליין ריהמען, מאַדאַם ריעזין, — האָט דאָס שוועסטערל געענטפערט און אַ שענעם קניקס געמאַכט.

דער ענטפער און די אויפפיהרונג פון דער קליינער מערעל איז דער ריעזין זעהר געפעלען געוואָרען. זי האָט אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט: — מיר וועלען באַלד זעהן, ווער פון אייך ביידען איז קליגער. איך וועל אייך שטעלען דריי פראַגען און אויב איהר וועט אויף זיי ריכטיג ענטפערן, זענט איהר ווידער פריי.

דאָס שוועסטערל האָט פון פרייד אין די הענדטלעך געפאַטשט, אָנגעהאַפט איינעם פון די אונגעהויער גרויסע פינגער פון דער גוטער ריעזין און זיין שפיץ אַ קוש געטהון. ס'איז איהר אַפילו אויסגעקומען, ווי זי וואָלט געקושט דעם שפיץ פון אַ קלאָץ, נאָר דער ריעזין האָט עס דאָך הנאה געטהון.

— און איצט הערט זיך צו, — האָט זי געזאָגט, — נו, יונג: פאַרוואָס עסט מען אויבסט נאָכ'ן עסען און נישט פאַר'ן עסען?

— ווייל אויבסט איז אַזוי גוט, — האָט דאָס יונגעל שנעל געענטפערט.

די ריעזין האָט אַ שאָקעל געטהון דעם קאָפּ. — אויבסט איז אַזוי גוט פאַר'ן עסען ווי נאָכ'ן עסען. אַ שלעכטער ענטפער. ווייסטו אַ בעסערען, קליינע?

דאָס שוועסטערל האָט זיך אַ נייג געטהון און געזאָגט: — ווייל מען קאָן שוין מעהר קיין אַנדער זאַך נישט עסען, אויב מ'עסט זיך הונגעריגערהייד אָן מיט פרוכט.

— אָט, דאָס שיקט זיך שוין בעסער, — האָט די ריעזין געזאָגט. — איצט ווייטער. פאַרוואָס איז אויפ'ן שפיץ פון קירך־טהורם פאַרהאַן אַ האָהן און נישט קיין הוהן?

— ווייל אַ האָהן איז גרעסער, — האָט דאָס יונגעל געענטפערט; — דעריבער זעהט מען איהם בעסער.

די ריעזין האָט ווידער אַ שאָקעל געטהון דעם קאָפּ. — מ'קאָן דאָך די הוהן מאַכען אַזוי גרויס, ווי מען וויל. אַ שלעכטער ענטפער. ווייסטו אַ בעסערען, קליינע?

דאָס שוועסטערל האָט גלייך געענטפערט: — אַ הוהן קאָן

דאָך ניִשט זייַן אויפ'ן שפּיִץ פֿון טהורם. אַז זיִ וועט אייִער ליִעגען, וועלען זייִ אַראָבפּאַלען און אויף פּיִץ-פּיִצלעך צעבראָכען ווערען.

— ניִשט שלעכט, — האָט די ריִעזין געזאָגט. — איִצט די דריִטע פֿראגע. בעקלער זיך נאָר גוט, יונגעל. פֿאַרוואָס האָבען מענער לאַנגע האָר און פֿרויען קורצע אָדער גאָרניִשט?

— דערצו דאַרף איִך זיך גאָר ניִשט אַזוי פֿיִעל בעקלערען, — האָט דאָס יונגעל דרייסט געענטפֿערט; — ווייל די מענער שערען זיִך אָב די האָר און די פֿרויען ניִשט.

די ריִעזין האָט צום דריִטען מאָל אַ שאָקעל געטהון דעם קאָפּ. — וואָלסט בעסער געטהון, ווען דו וואָלסט זיך יאָ בעקלערט. פֿאַרוואָס שערען זיך די פֿרויען ניִשט די האָר? אָט דאָס איִז דאָך דער עיקר פֿראגע. דו האָסט וויִעדער אַ שלעכטען ענטפֿער געגעבען. אָט וועלען מיר באַלד זעהן, צי דיין שוועסטער וועט אַ בעסערן.

דאָס שוועסטערל האָט זיך דערמאָהנט אָן די ווערטער, וואָס זיִ פֿלעגט אָפֿט פֿון איִהר געפּלאָגטער מוטער הערען, און אַלט-קלוג געענטפֿערט: — די פֿרויען מוזען האָבען לאַנגע האָר, כּדי זיי זאָלען האָבען וואָס זיִך אויסצורייסען, ווען די מענער בעגעהען נאַרישקייטען.

די ריִעזין האָט זיך הויך פֿונאַנדערגעלאַכט, זיִ איִז שנעל אַרויסגעלאָפֿען, אַריינגערופֿען איהר מאַן און געהייסען דער קלייִער מעדעל נאָך אַ מאָל איהר ענטפֿער זאָגען. דאָס שוועסטערל האָט דאָס וויִעדער גאַנץ מוטיג געזאָגט, און אָט האָט זיך אויך דער ריִעז אַזוי צעלאַכט, אַז ער האָט זיך ביי די זייטען געמוזט האַלטען. — ווייב בלייבט ווייב, — האָט ער געשריִען, — צי ס'איִז קלייִן ווי אַ מויז, אָדער גרויס ווי אַ הויז.

אַז זיִ האָט דערזעהן איִהר מאַן איִן אַ גוטער לוינע, האָט די גוטע ריִעזין געזאָגט: — לאָ'מיר זיי לאָזען לויפֿען, די קלייִנע, מיר האָבען סיי ווי ניִשט וואָס צו מאַכען פֿון זיי.

— איִך האָב זיי געפֿאַנגען פֿאַר דיר; טהו מיִט זיי וואָס דו וויִלסט, — האָט דער ריִעז געענטפֿערט; ער האָט אַ הויב

גענומען מיט די אקסלען און צוריק צו זיין שטוב־ארבייט גע־
גאנגען.

ווי נאר ער איז פון שטוב ארויס, אזוי האט די ריעזין דעם ברודער מיט דער שוועסטער אין האנד גענומען, שנעל מיט זיי פון שטוב ארויס, אין וואלד אריין, און ווי זי איז צו'ם פוס פון בארג אנגעקומען, האט זי זיי אויף דער ערד אוועקגעזעצט און געזאגט צו זיי: — זעהט זיך אבצוטראגען פון דאנען, איידער מיין מאן וועט חרטה האבען. און ווייל דו, קליינע, ביזט זעהר א קלוג קינד, וועל איך דיר עפעס שענקען אויך.

זי האט פון איהר קעשענע א קליין זיידען בייטעלע ארויס־גענומען און עס דער שוועסטערל געגעבען. — נעהם דיר דאס און היט עס זעהר גוט אב. יעדעס מאל, וואס דיר וועט עפעס א קליגע זאך איינפאלען, וועסטו א גאלד־שטיקעל געפינען, איך רעכען, אז דו וועסט א רייך מעדעל ווערען.

דאס שוועסטערל האט איהר געוואלט דאנקען, נאר די ריעזין איז מיט איהרע אונגעהויערע טריט שנעל אוועק און שוין איז זי פון זייערע אויגען פערשוואונדען.

איצט זענען די קינדער פריי געוועזען; דאס איז טאקי זעהר גוט געוועזען; נאר זיי זענען גאר אליין אין ווילדען וואלד געוועזען, נישט געזעהן פאר זיך קיין וועג און קיין שטעג און נישט גע־וואוסט, וואו זיי זענען און נישט וואוהין צו געהן. האט זיך דער ברודער אוועקגעזעצט אין הויכען מעך און ווידער אנגעהויבען ביטערליך צו וויינען. — א, שוועסטערל, וואס וועט עס איצט ווערען פון אונז! ווי אזוי וועלען מיר איצט קומען צוריק אהיים צו דער מאמע'ן?

דאס שוועסטערל האט זיך נעבען איהם געזעצט און איהם געוואלט א ביסעל מוט צוגעבען, נאר זי האט זיך אליין שיער נישט צעוויינט און זי האט זיך שרעקעדיג געפרעגט, צי וועלען זיי איצט די וועלף נישט אויפעסען, נאבדעם ווי זיי זענען גליקליך פון די ריעזען ניצול געווארען.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האט זי דערזעהן הייך איבער זיך א באטשאן פליהען. „באטשאן! באטשאן!“ האט זי געשריע

אזוי הויך, ווי זי האָט נאָר געקאָנט. זי איז אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט און געווינקט וויפיעל זי האָט נאָר כח געהאַט. אַ איינ־מאָל איז איהר אין קאָפּ געקומען. אין דער זעלבער צייט האָט זי דערשפּירט עפּעס אַ הארטע זאַך אין ווייכען זיידענעם בייטעלע, וואָס זי האָט אין האַנד געהאַלטען. זי דאָט דאָס בייטעלע גע־עפענט, און אַ בלאַנקענדיג גאָלד־שטיקעל האָט איהר פון דאָרטען אַרויסגעגלאַנצט. הייסט עס, אַז דאָס איז אַ גוטער איינפאַל געווען.

דער באָטשאָן האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט, זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ צווייג פון אַ נאָהנטען בוים און אַ ברום געטהון: „וואָס איז? וואָס ווילסטו?"

— באָטשאָן, — האָט דאָס שוועסטערל גייזאָגט. — דו האָסט אונז שוין איינמאָל צו אונזער מוטער געבראַכט. ברענג אונז יעצט ווידער צו איהר. מיר האָבען פערבלאָנדזשעט און קאָנען נישט אַהיים טרעפען.

— מיר ברענגען נישט צוויי מאָל אַ קינד צו זיין מוטער, — האָט דער באָטשאָן אַ ברום געטהון, און געמאַכט אַ מינע ווידער אַוועקצופליהען.

— דו וועסט דאָך אונז אָבער נישט לאָזען דאָ עלענד אומ־קומען, — האָט דאָס שוועסטערל שרעקעדיג געשריען. — אָ, כ'בעט דיך, כ'בעט זעהר, זיי אַ גוטינקער, מיר וועלען דיך אויך זעהר, זעהר ליעב האָבען.

דער באָטשאָן האָט זיך אַ ביסעל פערטראַכט, ווי ער איז שטענדיג געוועהנט צו טהון, און דאַן האָט ער אַ מורמעל געטהון. — איהר זענט דאָך אָבער צו שוער. איך וועל געהן מיינע חברים רופען.

פייל פון בויגען איז ער אַוועקגעפלויגען, נאָר שוין אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבען די קינדער דערהערט אַ גרויס געריוש אין דער לופט און האָבען דערזעהן זיעבען באָטשאַנעס, וואָס האָבען זיך גלייך אויף זיי אַראָפּגעלאָזט. פיער האָבען אָנגעכאַפּט דעם ברודער פאַר די הענד און די פיס, דריי האָבען אַ נעהם געטהון דאָס שוועסטערל פאַר די אַרבעל און פאַר'ן פאַרטוכעל, און מ'האָט

זיך אַ לאָז געטהון אַרויף און אַוועק, דורך די בלויע לופט, איבער וואלד און פעלד, איבער באַרג און טהאָל, אַזוי שנעל, אַז די קינדער האָבען געמוזט די אויגען צומאַכען, כדי ס'זאָל זיי נישט אָנהויבען צו שווינדלען. ס'האָט געדויערט נאָר איין ווײַלע, די קינדער האָבען אַלײן נישט געוואוסט ווי לאַנג, און דאַן האָט זיך דערהערט אַ קלינגערײַ, אַ פּאַל, אַ גערויש, זיי האָבען שנעל אויפגעריסען די אויגען און זיך דערזעהן ליגען אין זייער מוטער'ס בעט, די באָטשאַנעס אָבער זענען דורכ'ן אָפענעם פענסטער אַוועקגעפלויגען.

זייער מוטער, וואָס איז זעהר אונרוהיג געווען איבער זיי האָט אַ געשרײַ געטהון פאַר שמחה, ווי זי האָט זיי דערזעהן, און האָט זיי אפילו פערגעסען צו בעשטראָפען, זי האָט זיך פאַראויס בעשלאָסען, ווען זי האָט זיי'צו דער צייט צו'ם עסען נישט געזעהן. זי האָט זיי אַלץ מוחל געווען, ווי דאָס קלײַנע מעדעל האָט איהר דערצעהלט פון דעם ריזע און איהר געוויזען די טײַערע מתנה פון דער ריזין, און דאָס גאָלד-שטיקעל, וואָס זי האָט אַלס לויהן בעקומען פאַר'ן ערשטען גוטען אײַנפאַל.

— איצט זענען מיר רײַך, — האָט זיך אָבגערופען דער ברודער, וואָס האָט זײַן שוועסטערל איצט בעוואונדערט נאָך מעהר ווי פריהער; — ווײַל דו וועסט דאָך געוויס יעדען טאָג האָבען זעהר זעהר פיעל גוטע אײַנפאַלען.

— איך מײַן אויך אַזוי, — האָט דאָס שוועסטערל געענטפערט שוין אַביסעל מיט גאוה.

פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך בעשלאָסען צו האָבען גוטע אײַנפאַלען. זי האָט געמאַכט אַלערלײַ חנ'דעלעך און גערעדט זיסע רעדעלעך, וואָס האָבען זיך איהר אויסגעוויזען זעהר קלוג און שען, און יעדעס מאָל, אַז ס'האָט זיך איהר געדוכט, אַז זי האָט געזאָגט עפּעס נאָר אַ וויכטיגע זאַך, פלעגט זי שטילערהייד גלײַך אַ טאַפּ טהון דאָס בײַטעלע אין איהר קעשענע. נאָר ווי גרויס איז געווען איהר איבערראַשונג און פערדראָס, אַז זי האָט קיין איין גאָלד-שטיקעל דאָרט נישט געפונען, און זי האָט זיך נאָר געטרייסט דערמיט, אַז די ריעזין האָט זי אָבגענאַרט. נאָר אײַנמאָל האָט זי

ראָך שוין יאָ געפֿונען אַ גאָלדשטיקעל אין בעטעלע, און דעריבער קאָן עס דאָך נישט זיין, אז די ריעזין האָט פּשוט פֿון איהר חווק געמאַכט. זי האָט לאַנג געקלערט וועגען דעם, און איינמאָל איז איהר פּלוצלונג איינגעפֿאַלען: ווי איז אַ שטיינער. אויב די אַלע חנ׳דעלעך און חיטרע שפּיצלעך, וואָס זענען מיר איינגעפֿאַלען און וואָס איך האָב אַזוי פֿיעל געהאַלטען פֿון זיי, זענען גאָר נישט געווען קיין גוטע איינפֿאַלען, נאָר סתם נאַרישקייטען?

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זי דערשפּירט עפּעס האַרטעס אין בעטעלע, האָט זי עס מיט אַ ציטערענדיגער האַנד אויפֿגעפֿענט, ס׳איז ווידער געווען אַ שען בלאַנקענדיג גאָלדשטיקעל. דאָס איז אַלזאָ געווען דער ערשטער גוטער איינפֿאַל, זינט דעם איינפֿאַל מיט׳ן באָטשאַן.

פֿון דעמאָלט אָן האָט זי זיך אויסגעלערנט צו זיין בעשיידען און נאַטירליך. זי פֿלעגט זיך שוין מעהר נישט אָנשטרענגען אויסצוקוועטשען גוטע איינפֿאַלען, דערפֿאַר פֿלעגען זיי אַליין קומען, אַמאָל עפּטער, אַמאָל זעלטענער, נאָר שטענדיג עפּעס; און פֿון דעמאָלט אָן האָט איהר שוין מעהר נישט געפֿעהלט קיין בלאַנקענדיגע גאָלד-שטיקלעך, און איהר פֿאָטער האָט שוין מעהר נישט בעדאַרפֿט צו געהן אין מאַשינען-וואַרשטאַט, ווייל ער האָט זיך אַ איינענע פֿאַבריק געקאָנט אויפֿבויען. און די מוטער האָט שוין אויך מעהר נישט געדאַרפֿט פֿאַר פֿרעמדע מענשען וועש צו וואַשען, און דער ברודער איז געוואָרען אַ פֿיינער און געבילדעטער יונגערמאַן און זענען אַלע געווען גליקליך און פֿערבליעבען גליקליך, ביז זיי זענען געשטאָרבען.

# א מעשה מיט א קליין מעדעל, וואס איז אין א גרויסען שיף געפאהרען.

# אַ מַעשה מיט אַ קליין מעדעל, וואָס איז אין אַ גרויסען שיף געפאָהרען.

## פון די געשיכטען פון מאַקס נאָרדוי.

אַ מאָל איז געפאָהרען אַ דאַמפפער פון האַמבורג קיין דרום-אַמעריקאַ. דאָס איז געוועזען אַ שיף, אַזוי גרויס ווי אַ גאַס מיט זעכציג הייזער. הונדערטער מענשען זענען דערין געפאָהרען: מאַטראָזען און הייצער, אָרעמע עמיגראַנטען און רייכע העררען און דאַמען. צווישען זיי איז אויך געוועזען אַ מעדעלע פון אַ ערך פינף יאָהר, מיט אַ זעהר ליבען קיילעכדיגען פּנים'ל און צוויי צעפּעלעך. געהייסען האָט זי ריבקע און איז געווען דאָס טעכטערל פון אַ יונגען פּאַר-פאָלק, וואָס אין דער היים אין מעקלענבורג איז זיי נישט גוט געגאַנגען און זענען דעריבער קיין אַרגענטינאַ געפאָהרען. דער פאָטער איז געזעסען אויף אַ צוזאַמענגעוויקעלטען שטריק אין אַ ווינקעל פון שיף, וואו ער איז די הין און צוריק לויפענדיגע מאַטראָזען אין וועג נישט געשטאַנען, און זיך געלערענט שפּאַניש פון אַ ביכעל. און די מוטער איז געווען בעשעפטיגט מיט ריבקע'ס אַ גאַנץ קליין שוועסטערל, וואָס זי האָט ביי'ם ברוסט געהאַלטען. אין די ערשטע צוויי-דריי טאָג נאָכ'ן אַרויספאָהרען פון טייך עלבע, איז ריבקע געבליבען ביי איהר מוטער. ווייל זי איז נאָך געוועזען אונבעקאַנט אויפ'ן שיף און האָט זיך אַביסעל מורא געהאַט פאַר די מאַשינען און פאַר די אַלע זאַכען, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן, און פאַר די פיעל פרעמדע מענשען. זי האָט אויך געהאַט אַביסעל ים-קראַנקהייט. און האָט געמוזט זיצען רוהיג, כדי זי זאָל נישט ליידען. ווי עס איז איהר בעסער געוואָ-

רען און אויפ'ן שיף האט מען שוין געהאט איינגעלעגט די משאות און אלץ איז אין ארדנונג געווען און דער דאמפפער איז שוין געווען ווייט אין מיטען פרייען ים. דאן האט זי זיך געוואגט אוועקצוגעהן א ביסעל פון דער מאמען און זיך ארומצוקוקען אויפ'ן בארט.

זי האט פארזיכטיג ארויפגעקלעטערט אויף די אייזערנע טרעפ און צוגעקומען ביז'ן אויבער-דעק פון שיף. ביים שיף-נאז, דאס הייסט ביי'ם פארדערשטען עק, איז זי שטעהן געבליבען און איהרע העלע, בלויע אויגעלעך האבען אנגעהויבען ארומצו־וואנדערן פון וואסער צו'ם הימעל און פון די מאסט-בוימער צו די קוימענס און דעם שטייער-ראד. די שיפס-לייט האבען זיך אויף איהר נישט אומגעקוקט, ווייל זיי האבען געהאט עפעס אנדערש צו טהון. נאר איין אלטער מאטראז האט זי מיט א מאל בעמערקט, האט ער אויף איהר שארף א קוק געטהון און א פרעג געטהון: „נו, קליינינקע, וואס טהוסטו מיר עפעס דא?"

— איך פאהר און דאס איז מיין שיף,—האט זי דרייסט געענטפערט.

דא האט זיך דער אלטער מאטראז הויך צעלאכט, זיך מיט דער פלאכער האנד אויפ'ן קניע א קלאפ געטהון, אז עס האט אזש געהילכט, און עטליכע מאל איבערגעחזר'ט: „אט האסטו דיר אנ'עופה'לע א קליינס! אזא קליין מעדעלע דארף צו האבען אזא גרויסע שיף צו פאהרען דעריין!"

און דאן האט ער זי אנגענומען פארן ארעם, זי צוגעפיהרט צו'ם פארדערשטען מאסטבוים, כדי זי צו אבמעסטען. זי האט אפילו נישט דערגרייכט ביז צו'ם אייזערנעם רונג, וואס רינגעלט איהם ארום סאמע פון אונטען. זי איז נישט געווען העכער ווי א חאלעווע פון א רייטער-שטיוועל.

— ס'איז נאר צו פלאצען פאר געלעכטער, — האט דער אלטער מאטראז געזאגט. און דער מאסטבוים, וואס האט זיך צו דעם אלעם צוגעקוקט, האט אויף אנ'אמת זיך אנגעהויבען צו דרעהען פאר לאכען, ער האט זיך געוואקעלט אהין און אהער און געסקריפעט און געפייפט, און די שיפס-פאהן, וואס האט געוועהט

אין דער הויך, אויפ'ן סאמע שפּיץ פון מאסטבוים, האט זיך אויך אנגעהויבען צו שאקלען פאר לוסטיגקייט, און ביידע האבען אויף זייער רוישענדער און פייפענדער שפּראך דערצעהלט דעם שטייער־ראד וועגען דאס קליינע מעדעל, וואס איז אין אגרויסען שיף געפאהרען. פון געלעכטער האט דער שטייער־ראד זיך אנגעהויבען אזוי שנעל צו דרעהען און הוידען, אז צוויי שטייער־לייט האבען איהם קוים געקאנט רוהיג איינהאלטען און ער האט גלייך אריבערגעוואונקען די נייעס צו די דאווויטס, דאס זענען די געבויגענע אייזערנע שטאנגען, וואס אויף זיי הענגען די קליינע רעטונגס שיפלעך איבער'ן ראנד פון שיף, און די אייזערנע שטאנגען האבען דאס דערצעהלט די שיפלעך, וואס זיי האבען געטראגען, און די שיפלעך האבען דאס איבערגעגעבען די דיקע פרעהליכע ים־חזירים, וואס זענען נעבען שיף ארומגעשווימען, כדי צו חאפּען עפּעס אפּרעס און נייעס, און די ים־חזירים האבען געפּלוידערט וועגען דעם און אזוי האט זיך די דאזיגע נייעס אלץ ווייטער און ברייטער אין ים פערשפּרייט, ביז דער וואסער־מענש און זיינע טעכטער האבען זיך אויך דערפון דערוואוסט, און זיי זענען אלע זעהר נייגיעריג געווארען צו זעהן דאס לעבערליכע קליינע מעדעל, וואס איז אין גרויסען שיף געפאהרען. זיי האבען אבער געמוזטווארטען ביז ביי נאכט, ווייל כל־זמן ס'איז נאך ליכטיג, קומען זיי פון אונטער'ן וואסער נישט ארויף, ווייל זיי ווילען נישט, די מענשען זאלען זיי זעהן. אז קליינע קינדער זעהען זיי, מאכט זיי נישט אויס.

דערווייל האט די קליינע ריקע גאר נישט געוואוסט, אז אויפ'ן שיף, און דער לופט אין איין וואסער האט מען אזוי פיעל גערעדט פון איהר, און איז אוועקגעגאנגען פון אלטען מאטראז, וואס האט איהר נאכגעקוקט לאכענדיג, און זי האט זיך ווייטער געלאזט געהן ביי'ם בארט נייעס צו ענטדעקען. מיט פערוואונדערונג האט זי געקוקט אויף די קוימענס, וואס זענען געווען אזוי ברייט און אזוי הויך ווי טהורמעס, זי האט שרעקעדיג געקוקט אונטען אין דער מאשינען־אבטיילונג, וואו גוואלדיגע שטאהלענע ווילען האבען זיך מיט א שרעקליכען גערויש געהויבען ארויף און אראב, זי האט זיך צו דער קאמאנדא־בריק צוגעקוקט, וואו אויף

ג אונגעהויערער הויך איז געשטאנען א הערר אין א שווארצען פראק מיט גאלדענע קנעפ און דורך א לאנגען שפאקטיוו אין די ווייטקייט געקוקט, זי איז צוגעקומען צו גרויסע מיט דעקען פערהאנגענע שיפלעך, און צולעצט איז זי דערגאנגען ביז צו שטיגען אין מיטען שיף, וואס זענען פערדעקט געוועזן מיט א טייערען טעפיך און האבען ביי ביידע זייטען געהאט בלאנקע פערגאלדעטע פארענצען.

איין אויגענבליק איז זי געשטאנען אין ספק, נאר באלד איז זי דורך די שטיגען אראב און איז אריינגעקומען אין א גרויסען זאל, וואס זי האט נאך אזא רייכען קיינמאל אין לעבען נישט געזעהן. אויף די ווענד זענען געהאנגען שפיגלען און טייערע בילדער, אויף דער פאדלאגע איז געווען אויסגעשפרייט א דיקער טעפיך, האט ס'איז אזוי ווייך געווען צו געהן אויף איהם, ווי אין הויכען מעך, אין שאקעל-שטוהלען און אויף הויכע סאפעס מיט פערגאלדעטע פארענצען זענען געזעסען הערען און דאמען און האבען צווישען זיך געפלוידערט אדער געלעזען ביכער און צייטונגען. ריעקע איז נאהנט נעבען טהיר געבליבען שטעהן און גע־גלאצט די אויגען אויף די גאנצע פראכט, וואס זי האט נאך קיינמאל נישט געזעהן, נאר פלוצלונג איז צו איהר צוגעקומען א מענש אין אוניפארם, וואס האט אויסגעזעהן ווי א דינער, און האט זי גראב געפרעגט: „וועמען זוכסטו דא?“.

— קיינעם נישט, — האט ריעקע שרעקעדיג געענטפערט.

— אויב אזוי, טא טראג זיך שנעל אב פון דאנען, דא מעגען זיין נאר די פאסאזשירען פון ערשטער קלאס. — דער דינער האט גאנץ גוט געזעהן, אז דאס קליינע מעדעל פאהרט נישט אין דער ערשטער קלאס, ווייל זי איז געוועזן אנגעטהון אין ארעמע, אבגעטראגענע, האטש אפילו ציכטיגע קליידער.

ריעקע האט צו'ם אנהייב נישט פערשטאנען, וואס דער בעזער דינער האט פון איהר פערלאנגט, און זי האט זיך קיי־ריהר נישט געטהון ארויסצוגעהן פון זאל. דאן האט זי דער גראבער מענש שטארק פאר'ן ארעם אנגענומען און זי געוואלט ארויספיהרען. מיט אזא בעהאנדלונג איז ריעקע נישט געוואוינט

געוועזן, ווײַל זי איז געווען אַ שײן גוט אַרטיג מערעלע, און דעריבער פלעגט מען זיך מיט איהר שטענדיג פריינדליך בענעהן, דעריבער האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען און געזאָגט: „לאָזט מיך אָב, מיר טהוט וועה!״.

אַ עלטערע דאַמע, וואָס איז אויף דער סאָפע געזעסען, האָט דאָס אַלץ צוגעזעהן און האָט דאָס קינד צוגערופען: „קום אַהער, מײַן קינד!״.

איצט האָט זי שוין דער דיענער געטוזט אַבלאָזען, ריבעקע איז צוגעגאַנגען צו דער דאַמע, וואָס האָט איהר בלאָנד קעפעלע געגלעט און מיט אַ טײַערען טאַשען-טיכעל פון שפּיצען די אויגען און די באַקען אָבגעווישט, און זי אויסגעפרעגט וועגען איהר היים און איהרע עלטערן. ריבעקע האָט זיך גאָר נישט געשעמט און אויף אַלץ געענטפערט קלאָר און פערשטענדליך, אויך אַנדערע רייזענדער זענען צוגעקומען און האָבען געקוקט מיט פערגניגען אויף די ריהרעווידיגקייט פון שענעם קינד, און אַלע האָבען מיט איהר געוואָלט פלוידערן און זי גלעטען. צווישען זײַ איז געווען אַ אַרגענטינישער גוטס-בעזיצער, וואָס האָט צוריקגעקעהרט מיט זײַן פרוי אין זײַן היימאַט. זײַ איז אָבגעשטאָרבען זייער איין און איינציג קינד. און דעריבער זענען זײַ קיין אייראָפּא געפאָהרען, כדי אָבצוטרייבען פון זיך די טרויעריגע געדאַנקען.

— ס'איז מערקווירדיג, — האָט דער אַרגענטינישער העררר געזאָגט צו זײַן פרוי אין שוואַרצען, — אַז די אָרעמע מענשען האָבען גראָד אַזעלכע שענע געזונדע קינדער, און מיר, רייכע, האָבען שוואַכע און קרענקענדע, און מיר קאָנען זײַ אַפילו נישט אויפהאָדעווען.

די פרוי אין שוואַרצען האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר זי האָט געטראַכט פון איהר געשטאָרבענעם קינד, איהרע אייגען זענען פייכט געוואָרען און זי האָט צוגעצויגען צו זיך דאָס קליינע מערעלע און זי פיעל מאָל געקושט.

דערווײַל איז פערבײַ אַ שטונדע, ריבעקע'ס עלטערן זענען געוואָרען אונרוהיג, ווײַל זי איז נישט צוריק געקומען, און דער פאָטער האָט זיך אויפגעהויבען און זי געגאַנגען זוכען. ער האָט

זיך נאָכגעפֿרעגט אויף רעכטס און אויף לינקס, צי עמיץ האָט זי נישט געזעהן, און נאָך פֿיעל נאָכפֿרעגענישען איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז זי איז אין זאַל פֿון ערשטען קלאַס. ער האָט געוואוסט, אַז אלס אָרעמער צווישענדעק-רייזענדער טאָר ער נישט נישט נאָר דעם זאַל, נאָר אַפֿילו דעם מיטען שיף נישט בעטרעטען. דעריבער האָט ער געבעטען א מאַטראָז, ער זאָל איהם ארויסברענגען זיין קליין מעדעלע. דער מאַטראָז האָט עס דעם בעזעהן דינער געזאָגט, און דער בעזער דינער איז אין זאַל אריינגעגאַנגען און געזאָגט צו ריקעק'ן: „געה שנעל צו דיין טאַטען, ער וואַרט דאָרטען אויף דיך אין דרויסען".

— אַח, א שאָד, — האָט א מורמעל געטהון די עלטערע דאַמע, וואָס האָט זיך די ערשטע אָנגענומען פֿאַר איהר.

— דו זאָלסט אָבער באַלד קומען צוריק, גלייך נאָך מיטאָג, — האָט צוגעגעבען די פֿרוי אין שוואַרצען.

— די קליינע טאָר אהער נישט קומען, ס'איז שטרענג פֿערבאָטען, — האָט דער דינער האַרט ערקלערט.

זיינע ווערטער האָבען ארויסגערופֿען אַנ'אמת'ען טומעל צווישען די פּאַסאַזשירען, בעזונדערס צווישען די דאַמען. „דאָס וועלען מיר נישט דערלאָזען" האָט איינע געזאָגט. „מיר ווילען דאָס קינד דאָ האָבען ביי זיך", האָט א צווייטע בעשלאָסען. „ס'איז אונמעגליך דריי וואָכען נאָכאַנאַנד אָהן איין איינציג קינד צו לעבען", האָט א דריטע געטענה'ט.

— אויב אזוי מוזט איהר געהן צו דער קליינער אין צווישען-דעק, אָדער איהר דאַרפֿט מיט'ן הערן קאַפּיטאַן זיך דורכרעדען, — האָט דער דינער געזאָגט און געוואָלט דאָס קינד אוועקפֿיהרען.

— לאָזט זי אָב, — האָט בעפֿויהלען דער אַרגענטינישער גוטס-בעזיצער. און ער האָט אָנגענומען ריקעק'ן פֿאַר דער האַנד און איז מיט איהר ארויפֿגעגאַנגען אויבען, וואו איהר פֿאָטער האָט געוואַרט אויף איהר. ער האָט געוואָלט א קוק טהון אויף איהם. ער האָט פֿאַר זיך דערזעהן א אָנשטענדיג געקליידעטען יונגענמאַן, וועלכער איז איהם גלייך געפֿעלען געוואָרען. ער האָט פֿערפֿיהרט

מיט איהם א שמועס און גלייך דערקענט, אז ער האט פאר זיך א בעשיירענעם, פערשטענדיגען און געבילדעטען מענשען.

— וואס זענט איהר אייגענטליך? — האט ער איהם געפרעגט.

— איך בין א עקאנאם.

— און וואס רעכענט איהר צו טהון אין ארגענטינא?

— איך וועל מיר דארט זוכען א שטעלע ביי א גוטס-בעזיצער. אויב ס'וועט מיר געהן גוט, און אויב איך וועל קומען צו א תכלית וועל איך מיר דערנאך פיליכט אנ'איינען גוט קויפען אדער פאכטען.

— ריכטיג צוגעטראפען, — האט דער ארגענטינישער גוטס-בעזיצער געזאגט. — איך דארף יעצט גראד א טיכטיגען פערוואלטער, און צום בעסטען וואלט מיר געווען א דייטשער. אויב איך וועל מיט אייך צופריעדען זיין, וועט איהר קאנען ביי מיר הויך שטייגען.

דער פאטער פונ'ם קליינעם מעדעל האט דעם פארשלאג אנגענומען מיט גרויס שמחה. ער איז מיט אמאל פריי געווארען פון אלע זארגען, בפרט נאך, אז דער ארגענטינישער הערר האט איהם צוגעזאגט נאך א גרעסערען געהאלט, ווי ער האט אליין ערעכענט צו בעקומען, און האט איהם נאך פארגעלעגט גלייך א קאנטראקט צו מאכען. ער האט געוואלט געשווינד לויפען צו זיין פרוי, איהר די גוטע בשורה אנצוזאגען, נאר דער גוטס-בעזיצער האט איהם אבגעהאלטען.

— נאך איינס. מיין פרוי וויל שוין דא אויפ'ן שיף אייער קליין מעדעל שטענדיג נעבען זיך האלטען. מיר ווילען זי אבעּ נישט אברייסען פון איהרע עלטערן. דעריבער מוזט איהר זיך אלע צו אונז אריבערציהען. איהר וועט דאך מיר געווים ערלויבען צו שענקען אייער ריעקע'ן די נויטיגע שיפסקארטען פון ערשטער קלאס.

דאס אריבערפעקלען זיך איז שנעל אבגעמאכט געווארען מיט'ן קאפיטאן. די עלטערן פונ'ם קליינעם מעדעל האט מען אבגעפיהרט אין א גרויסע ליכטיגע קאיוטע מיט א קיילעכדיגען

פענסטער צו'ם ים צו, און ביי'ם עסען זענען זיי געזעסען ווי די פירשטען ביי'ם טיש פון דער ערשטער קלאס, ריעקע געבען דער פרוי און שווארצען, וואס האט איהר די געשמאקסטע שטיקלעך אין טעלער געלעגט, און איהר געגעבען כמעט שוין צופיעל, אז איהר מוטער האט געמוזט אכטונג געבען, זי זאל זיך נישט צופיעל אנעסען און דעם מאגען פערדארבען.

נאך מיטאג האבען אלע רייזענדער זיך געשפיעלט מיט'ן קינד, וואס האט מיט אלעמען געמאכט בעקאנטשאפט, געגאנגען פון איינעם צו'ם אנדערען און לוסטיג געפלוידערט מיט יעדערען, וואס זי האט זיין שפראך פערשטאנען. צווישען זיי איז געווען איינער א פארשטעהער פון א מוזעאום פאר פעלקער-פארשונג. ער איז געפאהרען פון איראפא, וואו ער האט איינגעקויפט פערשיעדענע מערקווירדיגע זאכען פאר זיינע קאלעקציעס. ער האט די גאנצע געזעלשאפט צו זיך איינגעלאדען, כדי זיי צו ווייזען זיינע אוצרות. ער האט זיי ערקלערט די בעדייטונג פון פערשיעדענע כלי-זין, אינסטרומענטען, בעפוצונגען פון די פעלקער פון דער אורא̈לטער פערגאנגענהייט און געגענווארט. נאך דערביי האט ער זיך בעשיידען אליין מודה געווען, אז ער בעזיצט פיעל אזעלכע זאכען, וואס ער ווייס נישט, צו וואס זיי האבען געדיענט. דערביי האט ער זיי געוויזען עפעס א מארנע זאך פון עלפאנט-ביין, וואס איז געווען מיט אויסקריצונגען בעדעקט, און צו זיי געזאגט: „זעהט איהר, מיינע העררען, אט א דאס ווייס איך נישט, וואס דאס איז אזעלכעס. וואהרשיינליך איז דאס א לעפעל צו קאשע, אדער א צייכען פון עפעס א אונבעקאנטען מיטעל".

ריעקע האט אנגעהויבען לאכען און אויסגערופען: „דאס איז דאך א האטשיק צו שיך!"

— א האטשיק צו שיך? — האט דער פארשטעהער פון מוזעאום ערשטוינט געפרעגט, — דאס איז נישט מעגליך. די מענשען, וואס האבען די דאזיגע זאך געמאכט, האבען דאך געוויס קיין שיך נישט געטראגען. —

— נאר דאך איז עס א האטשיק צו שיך, — האט ריעקען געזאגט און אלע דאמען האבען מסכים געווען מיט איהר. דער

פֿאַרשטעהער האָט נאָך אַמאָל גוט בעקוקט די זאַך, שאַקלענדיג מיט'ן קאָפּ, און דאַן האָט ער טאַקע אין איין עק דערזעהן א צייכנונג, וואָס ער האָט ביז אַהער נישט בעמערקט, און וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט א ווילדען מענש מיט פֿעדערען אין די האָר און מיט שיך אויף די פֿיס, וואָס מען קאָן זיי אָנטהון נאָר מיט דער הילף פֿון א האַטשיק.

— דו האָסט רעכט, מיין קינד, — האָט ער געזאָגט. — און ווי באַלד דו ביזט אַזוי קלוג, אפשר וועסטו מיר אויך קאָנען זאָגען, וואָס דאָס איז? — ער האָט איהר שמייכלענדיג דער־לאַנגט עפּעס א הילצערנע זאַך, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א גע־וועהנליכער צלם און אין דער הויך זענען געווען פֿאַלדען אויס־געשניצט.

— דאָס איז א צלם, — האָט געזאָגט איינער א רייזענדער, וועלכער איז דערביי געווען.

— ס'קאָן נישט זיין קיין צלם, — האָט דער פֿאַרשטעהער פֿון מוזעאום בעמערקט, — דען ס'איז מיט טויזענדער יאָהר עלטער ווי דאָס קריסטענטהום.

ריעקע האָט די מערקווירדיגע זאַך אין האַנד גענומען, נאָר א קוק געטהון דערויף און געזאָגט:

— דאָס איז א וויקעל־שטעקעל.

— וואָס איז דאָס א וויקעל־שטעקעל? — האָט דער פֿאַר־שטעהער פֿון מוזעאום געפֿרעגט.

— איהר ווייסט עס נישט? דאָס איז אַזאַ שטעקעל, וואָס מ'וויקעלט אַרויף אויף איהם א פּאַסמע באַוועל, כּדי ס'זאָל ווערען א קנויל. אַז נישט, ווי דען וועט איהר שטריקען?

— דרך־ארץ! — האָט די מוטער איהר דערמאָהנט, נאָר דער געלעהרטער הערר האָט מיט שמחה געזאָגט: — לאָזט אָב, דאָס קינד האָט גאַנץ רעכט פֿון מיר חוזק צו מאַכען, ווייל איך בין אַזאַ עם הארץ. — און צו ריעקע'ן האָט ער געזאָגט: — איך דאַנק דיר זעהר, ליעב קינד, איך האָב פֿון דיר יעצט פֿיעל געלערנט.

נאָך אָווענד־ברויט זענען זיי זיך אין זייער קאיוטע אוועק

וואו ס'איז פיעל שענער געווען, ווי אויפ'ן צווישען-דעק. אזוי ווי דער ים איז געווען גאנץ רוהיג און דאס וועטער ווארים, האט די מוטער ערלויבט ריבקע'ן דעם קליינעם קיילעכדיגען פענסטער אויפצומאכען און דעם קאפ ארויסצושטעקען. ווי נאר איהר געזיכט האט זיך בעוויזען אין פענסטער, האט אין דרויסען אויסגערופען א שטימע: „אט איז דאך דאס קליינע מערעל, וואס פאהרט אין גרויסען שיף!"

זי האט זיך נייגיעריג ארומגעקוקט און דערזעהן דעם וואסער-מענש מיט א לאנגער בארד. און ער האט זיינע טעכטער פון וואסער ארויסגערופען, כדי זיי זאלען אויך זעהן דאס קליינע מערעל. דריי, פיער, פינף מערעלשע קעפ האבען זיך פון וואסער א הויב געטהון און אבגעשאקעלט זייערע לאנגע, נאסע, גרינע האר, און גלייך דערנאך האבען זיי אויך זייערע הענד ארויסגעצויגען איבער'ן וואסער און געפאטשט, און די ים-מערלעך האבען געזאגט: „אוי דאס שענע קליינע מערעלע, וואס פאהרט אין גרויסען שיף!"

— מיר וועלען איהר עפעס שענקען, — האט דער וואסער-מענש געזאגט.

— יא, יא, — האבען אלע ים-מערלעך געשריען און זיך אזוי שנעל ארונטערגעטונקט, אז דאס וואסער האט געגארגעלט. נאר גלייך זענען זיי שוין צוריק געווען אויפ'ן וואסער און איינע נאך דער אנדערער האבען זיי דעם פאטער איבערגעגעבען פערשיעדענע זאכען און ער האט עס מיט זיין לאנגען קרעלענ-שטעקען, וואס האט אויסגעזיעהן ווי א גאפעל מיט צוויי שפיצען, דורכ'ן פענסטער איהר דערלאנגט.

— האב קיין מורא נישט, — האט ער געזאגט, — נעהם דיר דאס אלס אנדענקען פון מיינע טעכטער. זיי זענען אויך געווען אזעלכע קליינע מערלעך ווי דו.

די ערשטע האט איהר געשיקט א פערלמוטער-שיסעלע, די צווייטע — א רויטען קרעלענ-צווייג, די דריטע — א פערל, די פיערטע — א לאנגען, געפלאכטענעם צאהן פון א איינהארן און די פינפטע — א פיטש-נאסע, מיאוסע זאך, וואס זי האט צום אנהויב מורא געהאט אנצוריהרען. נאר דער וואסער-מענש האט עס ארייני-

געשטופט מיט זיין שטעקען דורכ'ן פענסטער, דאן האט זיך אין דרויסען דערהערט, ווי פיעל שטימען האבען הויך א לאך געטהון, און דאן איז אלץ שטיל געווארען און מען האט שוין מעהר נישט געזעהן דעם וואסער-מענש מיט זיינע טעלבער.

ריעקע'ס פאטער האט די נאסע זאך פון פענסטער ארייננעצויגען און עס בעטראכט, און דאן האט ער בעמערקט, אז דאס איז א צונויפגעוויקעלטע פעל פון עפעס א אונבעקאנטע חיה. ער האט עס אויפגעוויקעלט און איז זעהר ער-שטוינט געוועזען צו זעהן, ווי לאנג און ברייט זי איז. זי איז גע-וועזען מיט שופען בעדעקט און פול מיט מאדנע שווארצע און גרינע פלעקען, געהאט לאנגע נאדלען אויפ'ן רוקען, א רויטען קאם ביי'ם נאקען און דער קאפ האט זיך געענדיגט מיט א שנאבעל, ווי ביי א טשערעפאכע. האט ער זי צוריק צוזאמענגעוויקעלט און בעשלאסען דאס צו ווייזען די איבעריגע פאסאזשירען פון שיף.

ווי די פאסאזשירען האבען אויף מארגען דערהערט, אז דער וואסער-מענש האט ביינאכט מיט דאס קליינע מעדעל געפלוידערט און איהר פיעל שענע זאכען געשענקט, אזוי האבען אלע די דא-זיגע מתנות געוואלט זעהן. די דאמען האבען אם מיינסטען בע-וואונדערט די פערל, נאר ווי מען האט די שלאנגען-פעל פונאנ-דערגעוויקעלט, איז איינער א יונגערמאן פשוט אין דער לופט א שפרונג געטהון און מיט פרייד אויסגעשריגען: „די ים-שלאנג! די בעריהמטע ים-שלאנג, וואס קיינער האט נישט געוואלט גלויבען אין איהר! אט האבען מיר זי! הורא! מיר האבען די ים-שלאנג.“ דער דאזיגער יונגערמאן איז געוועזען א נאטור-פארשער, ער איז געפאהרען קיין דרום-אמעריקא, כדי אין די אורא‌לטע וועלדער א ענטדעקונג צו מאכען. ער האט געוואלט ווערען א פראפעסאר, כדי ער זאל קאנען חתונה האבען מיט א יונג מעדעל, וואס איהר פאטער האט זי איהם נישט געוואלט געבען, כל זמן ער איז נישט געוועזען בעריהמט און נישט געהאט קיין אמט און נישט קיין מי-טעל. דאס האט ער דערצעהלט ריעקע'ס פאטער און איהם געבע-טען, ער זאל איהם די פעל פון דער ים שלאנג פערקויפען. וויל אויב ער וועט זי בעשרייבען און זי פאטאגראפירען און אבדרוקען

א בוך וועגען איהר, אזוי וועט ער מיט אמאל בעריהמט ווערען און וועט זיבער ווערען א פראפעסאר און וועט קאנען זיין כלה הייראטען.

— נעהמט אייך די דאזיגע שלאנגען-הויט, — האט ריוע־קע'ס פאטער געזאגט; — איך שענק עס אייך און זייט דערמיט גליקליך.

דער יונגער מאן האט דורכאוים געוואלט בעצאהלען דער־פאר, נאר ריועקע'ס פאטער איז שיער נישט אין כעס געווארען.— פאר געלד וועל איך די פעל נישט פערקויפען. יעדער מענש דארף העלפען דעם צווייטען, מיט וואס נאר ער קאן.

דער יונגער מאן האט זיך שוין פארגעשטעלט, ווי ער איז פערהייראטעט מיט זיין כלה, און האט זיין גליק נישט געקאנט איינהאלטען אין זיך. ער האט אלעמען אין זאל דערצעהלט, ווי זיין מזל האט זיך יעצט איבערגעדרעהט און ווי ער האט דאס אלץ צו פערדאנקען דעם קליינעם מעדעל, וואס פאהרט צוזאמען מיט זיי. איין הערר, וועלבער איז ביז אהער געזעסען שווייגענדיג און מיט קיינעם קיין מחזקות נישט געמאכט, האט דאן צוגערופען צו זיך ריועקע'ן, איהר א גלעט געטהון דאס בלאנדע קעפעל און געפרעגט: „זאג מיר, טייערינקע, ווי קאן איך מאכען, איך זאל אויך האבען אזא קליין מעדעלע ווי דו?"

— האט איהר דען נישט? — האט ריועקע געפרעגט.

— ליידער נישט, — האט דער הערר געזאגט.

— פארוואס נישט? — האט ריועקע געפרעגט.

— ווייל איך בין נישט פערהייראטעט.

— נו, טא פערהייראטעט זיך!—האט ריועקע א זאג געטהון אזוי הויך, אז אלע האבען דאס דערהערט און אנגעהויבען צו־לאכען.

— יא, אבער וועמען זאל איך הייראטען?

ריועקע האט זיך ארומגעקוקט ארום און אנגעוויזען אויף א בעשיידען פרייליין, וואס איז געזעסען אין א ווינקעל, און געזאגט: „הייראטעט אט די, זי איז א שענע און א גוטע".

דאס פרייליין איז רויט געווארען, די געזעלשאפט האט

בלומר׳שט זיך פֿערהוסט, און דער העדר איז צוגעגאנגען צו׳ם פֿרײַלין, זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר איהר און געבעטען ענטשולדיגונג, וואָס ער האָט זי אונגערן אין אזא פֿערלעגענהײַט געבראַכט. דערווײַל האָבען זײַ זיך ביידע בעקאַנט און ס׳האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז דער העדר איז אַ זעהר רײַכער נאָר מערקווירדיגער מענש, וואָס האָט נישט געהאַט וואָס צו טהון און נישט געוואוסט, וואָס זאָל ער מאַכען מיט זײַן גאַנצען געלד, און אַזוי ווי ס׳איז איהם שטענדיג געווען לאַנגווײַליג, האָט ער ארומגערײַזט די וועלט און ביז איצט האָט ער גאָר נישט געוואָלט הערען און געדענקען פֿון חתונה האָבען; און דאָס פֿרײַלין איז געווען אַ יתומה און איז געפֿאָהרען קײַן בראַזיליען צו איהרער אַ מוהמע, כדי נישט צו לעבען עלענד אויף דער וועלט. און ווי זײַ האָבען זיך ביידע שטאַרק צערעדט און נעהנטער געוואָרען אײַנער דעם אַנדערען, זענען זײַ זיך אײַנם דאָס אַנדערע געפֿעלען געוואָרען און אין דרײַ טאָג אַרום האָט דער העדר צו זיך דאָס קלײַנע מערעל צוגערופֿען און געזאָגט: „איך האָב דײַן עצה נעפֿאָלגט, ריעקע, און כ׳וועל טאַקע הײַראַטען דאָס שענע גוטע פֿרײַלין”. ריעקע איז מיט אַ שמחה צו די עלטערן געלאָפֿען און זײַ די דאָזיגע נײַעם דערצעהלט, און אַזוי אַרום האָבען זיך אַלע דערפֿון דערוואוסט; אויף די תּנאים האָט דער העדר אַ גרויסען באַל געמאַכט פֿאַר די מאַטראָזען, מיט מוזיק און טענץ, און זײַ אַלעמען טײַערע מתּנות געגעבען, און אין גאַנצען שיף האָט געהערשט פֿרייד און אַלע האָבען געזאָגט: „מען זעהט קלאָר, אַז הײַנט פֿאָהרט אַ קלײַן מעדעל אין גרויסען שיף”.

די עלטערע דאַמע, וואָס האָט זיך די ערשטע אָנגענומען פֿאַר דער קלײַנער ריעקע׳ן, ווען דער בעזער דיענער האָט זי געוואָלט פֿון זאַל ארויסטרײַבען, איז אויך אויף ווײַטער געבליעבען איהר בעסטע פֿרײַנדין, און האָט זי שטענדיג נאָר געוואָלט האַלטען נעבען זיך. דאָס האָט פֿערדראָסען דער דאַמע אין שווארצען און אײַנמאָל האָט זי גאַנץ ערנסט געזאָגט: „איהר מעגט דאָך מיר אויך אַ מאָל די קלײַנע לאָזען. איהר געזעלשאַפֿט טרײַסט מיך אַ ביסעל פֿאַר מײַן אײַנציג קינד, וואָס איך האָב פֿערלאָרען”.

— איך האָב אויך מײַן אײנציג קינד פערלאָרען, — האָט די עלטערע דאַמע טרויעריג געענטפערט.

די פרוי פון ארגענטינישען גוטס-בעזיצער האָט זי געבעטען, זי זאָל איהר געניער ווענען דעם דערצעהלען. נאָר יענע האָט צו׳ם אָנהויב נישט געוואָלט. אם ענדע איז זי בעשטאַנען. נאָר סוף כל סוף האָט זי זיך בעשלאָסען איהר אַלץ צו דערצעהלען. זי האָט אויך געהאַט נאָר איין און איינציג קינד, דאָס איז געווען שוין אַ דערוואַקסענע טאָכטער. און זי האָט זי טאַקי פערלאָרען, נאָר נישט דורכ׳ן טויט. די טאָכטער האָט געגען דער מוטערס ווילען חתונה געהאַט מיט אַ מענשען, וואָס זי האָט איהם נישט געוואָלט האָבען פאַר קיין איידעם. אלס שטראָף פאַר אַזאַ אונגעהאָרכזאַמקייט וויל זי איהר פון דעמאָלט אָן מעהר נישט קענען, און זאָגט פאַר יעדערען, אז זי האָט מעהר קיין קינד נישט. נאָר זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס איז נישט ריכטיג, און ביי זיך אין הארצען האָט זי געבענקט נאָך איהר איינציגער טאָכטער, וואָס זי האָט אַזוי שלעכט בעהאַנדעלט. זי האָט אפילו קיין בריעף פון איהר קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעהמען און בכלל נישט געוואָלט פון איהר וויסען. דאָך האָט זי זיך דערוואוסט, אַז זי האָט אַ קליין מעדעל געבאָרען, און אַז זי איז שען און בלאָנד און האָט בלויע אויגען. דאָס דאָזיגע איי֗ניקעל מוז שוין יעצט אוודאי אַלט זיין ווי ריעקע, און איז געווים אויך אַזוי חנ׳ודיג און פרעהליך ווי זי. און דעריבער יעדעס מאָל, ווען ריעקע פלעגט נעבען דער דאַמע זיך שפּיעלען און מיט איהר פלוידערן, אַזוי פלעגט זי זיך אָן איהר איי֗ניקעל דערמאָהנען, און ווען זי האָט דאָס קינד ארומגענומען און עס געקושט, אַזוי פלעגט זיך איהר דוכטען, אַז דאָס האַלט זי איהר אייגען איי֗ניקעל אין די אָרעמס.

אַז די דאַמע אין שווארצען האָט די דאָזיגע געשיכטע דערהערט, האָט זי איהר אָנגעהויבען צוצורעדען, זי זאָל זיך מיט איהר טאָכטער דורכאויס איבערבעטען, און ריעקע, וועלכע האָט אַלץ געהערט און כמעט אַלץ פערשטאַנען, האָט אויך געזאָגט: „איהר מוזט אייער טאָכטער פערצייהען און נעהמען צו זיך אייער קליין איי֗ניקעל. איך וויל זי זעהן און זיך שפּיעלען

מיט איהר. איך וועל איהר אויך עפּעס שענקען, מיין פּערל-מוטער-שיסעלע, אָדער מיין פּערל, אָדער מיין קרעל, אָדער וואָס זי וועט נאָר אליין וועלען. נאָר נישט דעם צאָהן פון איינהאָרן. דאָס איז פאַר איהר צו גרוים".

דער עלטערער דאמע האָבען אזש די טרעהרען אָנגעהויבען רינען פון די אויגען, זי האָט ריעקע'ן צו איהר ברוסט צוגעדריקט און געזאָגט: „דו האָסט רעכט, ריעקע'לע. איך וועל טהון, ווי דו פערלאַנגסט".

— נאָר גלייך! — האָט ריעקע געהייסען.

— דאָס איז אונמעגליך, — האָט די דאמע שמייכלענדיג דורך די טרעהרען געזאָגט, — נאָר כ'וועל דאָס טהון, ווי כ'וועל נאָר אַ היים קומען.

דערמיט האָט זיך ריעקע בעגנוגענט, און די פרוי אין שווארצען האָט די עלטערע דאמע גראַטולירט, וואָס זי וועט יעצט צוריק איהר פערלאָרען קינד געפינען, און דערצו נאָך צוזאמען מיט אַ ליעבען איניקעל. די געשיכטע פון דער מוטער, וואָס האָט זיך מיט איהר איינציגען פערשטויסענעם קינד איבער-געבעטען, איז גלייך אין דער געזעלשאַפט אויך בעוואוסט גע-וואָרען און דער הערר, וואָס איז געוואָרען דער גליקליכער חתן פון דער יתומה, האָט צו איהר געזאָגט: „ריעקע'לע, דו ביזט ווירקליך אַ ריינער מלאך השלום. וואָס וואָלט אַ שטיינער גע-ווען, ווען דו וואָלסט פרובירט נאָך אַ שלום מאַכען?"

— וועלכען? — האָט דאָס קינד נייגיעריג געפרעגט.

— זעהסטו אָט דאָרטען יענע צוויי הערדען. איינעם אין רעכטען און דעם צווייטען אין לינקען ווינקעל?

ריעקע האָט אהין אַ קוק געטהון און געענטפערט: „יאָ". זי האָט די דאָזיגע הערדען שוין פון לאַנג געקענט. זי האָט גאַנץ גוט בעמערקט, אַז זיי האָבען קיינמאָל צווישען זיך גאָרנישט גערעדט, נישט צוגעגאַנגען איינער צום צווייטען און האָבען שטענדיג געוואוסט זיך אַזוי אויסצוזעצען, אַז שטענדיג איז גע-זעסען איינער אין איין עק און דער צווייטער אין אַנדערען עק פון זאַל

— אָט, זעהסטו, די צוויי העררען זענען פרעזידענטען פון צווי דרום-אמעריקאנישע רעפּובּליקען.

— וואס איז דאס אזוינס? — האט ריבקע געפרעגט.

— דאס וואלט צו לאנג גענוען דיר צו ערקלערען, — האט דער הערר געזאגט. — נאר גענוג אז דו ועסט וויסען, דאס די לענדער פון די דאזיגע העררען זענען שוין זייט פיעל יאהרען שונאים איינס דעם אנדערען און דאס בעדייט, אז זיי ווילען מיט איינאנדער מלחמה האלטען, און דאן וועלען פיעל מענשען פערוואונדעט און געטוידט ווערען.

— קליינע מעדלעך אויך? — האט ריבקע דערשראקען געפרעגט.

— קליינע מעדלעך אויך, — האט דער הערר געענטפערט. טא געה זשע צו זיי און בעט די דאזיגע הערען, אז זיי זאלען צווישען זיך גוט ווערען און קיין מלחמה נישט האלטען איינער מיט'ן אנדערען און מאכען שלום.

ריבקע האט זיך צוויי מאל נישט געלאזט בעטען. זי איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די צוויי הערען, וואס האט אויסגעזעהן יונגער און פריינדליכער און שוין איינמאל צו איהר א שמייכעל געטהון, און זי האט איהם געזאגט, ווי שרעקליך ס'איז מענשען צו פערוואונדען און טויטען, בפרט נאך קליינע מעדלעך, און דעריבער זאל ער נישט פיהרען קיין מלחמה. ריבקע האט גערעדט דייטש און דער הערר האט פערשטאנען נאר שפּאניש, און ער האט זיך מיט א שמייכעלע געפרעגט זיינע שכנים, וואס דאס שענע מעדעל וויל אייגענטליך פון איהם. ס'האט זיך באלד געפונען א טאלמאטש, וואס האט איהם ריכטיג פערטייטשט די רעדע פון דער קליינער מעדעל. דאן האט דער הערר ריבקע'ן איבער'ן בעקעל א גלעט געטהון און געזאגט: „זאג דאס אלץ אויך דארטען מיין הערן קאלעגע".

ריבקע האט דעם הערר אנגענומען פאר'ן האנד און, טראץ דעם, וואס ער האט זיך אין אנפאנג נישט געלאזט, האט זי איהם מיטגעשלעפּט אויפ'ן צווייטען עק זאל און דארטען ווידערהאָלט פאר'ן צווייטען הערר איהר ביטע וועגען שלום. דער צווייטער

הערד איז געוועזן אלט און טריב. צו'ם אנפאנג האט ער שטארק זיין שטערן פערקנייטשט, ווען מען האט איהם פערטייטשט די ווערטער פון דער קליינער מעדעל, נאר דער ערשטער הערד האט איהם העפליך בעגריסט, ווען ער איז צו איהם צוגעגאנגען, און ער האט שוין מיט גוטען צי מיט בעזען געמווזט צוריק גריסען, און ריעקע האט נישט געוואלט אבטרעטען, ביז זי וועט פון איהם קיין קלא־רען ענטפער נישט ערהאלטען. די אויגען פון דער גאנצער געזעלשאפט זענען געוועזן אויף איהם געווענדעט, און ס'איז איהם קיין אנדער זאך נישט געבליבען צו טהון, אויב ער האט נישט געוואלט זיך ווייזען פאר א טיראן און מענשען־פרעסער, ווי ריעקע'ן א גלעט צו טהון און זאגען מיט א זיס־וויערען שמייכעלע: „איעלכע זאבען פערשטעהן נישט קליינע מעדלעך".

— אבער דאך, דאך, — האט ריעקע זיך געבעטען און דאן האט זי אנגעחאפט דעם אלטענס האנד און זי אריינגעלעגט אין צווייטענס האנד. ביידע האבען אנגעהויבען רעדען מיט איינאנ־דערן, צו'ם אנהויב ווי געצוואונגען, נאר דערנאך אלץ הערצלי־כער און אין איניגע מינוט ארום זענען זיי ביידע אריינגעגאנגען אין די קאיוטע פון עלטערן. פון דער מינוט אן זענען זיי אפט און לאנג צוזאמען געזעסען, ביי'ם טיש האבען זיי זיך געזעצט איינער נעבען אנדערען, און אין איניגע טעג ארום האט זיך אויפ'ן שיף פערשפרייט די פריידיגע בשורה, אז זיי האבען זיך איבערגעבעטען און וועלען שוין מעהער נישט האלטען קיין מלחמה צווישען זיך. דער קאפיטאן האט געהייסען פון זיינע קליינע האר־מאטען אויסשיסען אלס צייכען פון פרייד, און פאר די שיפסלייט האט מען א נייען מאלצייט געמאכט און זיי האבען נייע מתנות בעקומען, און אלע מענשען אויפ'ן שיף, די פאסאזשירען און די מאטראזען, האבען איינגעזעהן, אז דאס קליינע מעדעל איז די וויכטיגסטע פערזאן אין גרויסען שיף.

די שניצער האבען געשניצט און אויסגעשניצט פאר דאס קליינע מעדעל אין גרויסען שיף א קליין שיף מיט א גרויס מעדעל אינעווייניג, און ווען זיי זענען אין אפאר טעג שפעטער אין דרום אמעריקא אנגעקומען, האבען זיי איהר עס געשענקט אלס איי־בי־

גען אנדענקען פון איהר ערשטער רייזע אויפ'ן ים, וואו זי האט דעם וואסער-מענש מיט זיינע טעכטער דערפרעהט און איהר פאטער א אויסגעצייכענטע שטעלע געשאפט און א פארשטעהער פון א מוזעאום זיינע אונבעקאנטע אנטיקען ערלעהרט און א געלעהרטען געהאלפען צו בעקומען רוהם און א כלה און א פראפעסאר שטעלע און א אלטען איינגעעקשנ'טען בחור מיט א שענער יתומה פערקנאסט און א מוטער מיט איהר טאכטער איבערגעבעטען און צווישען צוויי צעקריגטע מלוכות שלום געמאכט. צי דען איז עס נישט געווען א גליקליכע רייזע?



# די פליעג פון פאר א יאהרען.

# די פליעג פון פאר א יאהרען.

דו ווייסט, ווי עס געהט צו מיט די פליעגען אין הערבסט,
ווי נאר עס הויבט אן קאלט צו זיין, אזוי ווערען זיי מאט, זעצע
זיך אויף די שויבען פון די פענסטער, און דאן וועלען זיי נישט
אוועקפליהען, אפילו ווען דו וועסט זיי מיט'ן פינגער ריהרען,
און איין מאל אין דער פריה בלייבען זיי דארט אונבעוועגליך קלע-
בען און זענען טויט.

נו. איז א מאל געוועזען א גרויסע, ברוינע פליעג, זום-זום
האט זי געהייסען. איין מאל, אין א ווארעמען זומערטאג, ווען
דאס פענסטער איז אפען געשטאנען, איז זי אין קיך אריינגעפלוי-
גען און האט שוין די קיך מעהר נישט פערלאזען, ווייל דארט
איז זעהר פיעל צו עסען געוועזען און דער ארט איז איהר זעהר
געפעלען געווארען. אין שראנק זענען שטענדיג געוועזען ברעקליך
צוקער און אויפ'ן טיש מילך און קאווע, און זי האט שטענדיג
געהאט איבער גענוג צו עסען און טרינקען. ווען זי האט נישט
געגעסען און גענאשט, האט זי זיך מיט די פאדערשטע פיסלעך
די פליגעל און דעם רוקען געפוצט; און ווען זי האט זיך נישט
געפוצט, האט זי זיך נייגיעריג צוגעקוקט, ווי מאריע בעשעפטיגט
זיך ביי'ם קוימען, ווי זי לעגט אן פייער, ווי זי שטעלט צו די
טעפ, ווי זי זאלצט, פעפערט און שמאלצט, ווי זי ווארפט אונטער
פייער און שוימט אב, — און דאן פלעגט די פליעג זיך בעמי-
הען צו טרעפען, וואס פאר א גוטע זאכען עס וועט היינט זיין א
נאש צו טהון. און ווען מאריע איז אין קיך נישט געוועזען, האט
זום-זום געפלוידערט מיט דער גריל, וואס האט אין שפאלט פון
שיבער געוואהנט און וואס האט זיך זעהר שנעל בעפריינדעט מיט
איהר. די גריל איז געוועזען א גאנץ לוסטיג בעשעפעניש און איז
קיינמאל נישט מיעד געווארען צו רעדען און שמועסען, צו פרע-

גען און צו דערצעהלען . אויך קיין גערסט האט נישט געפעהלט . ווי נאר מאריע האט אין דער פריה דאס פענסטער געעפענט , אזוי זענען גאנצע מחנות פליעגען אריינגעפלויגען , שוועסטער און מוהמעס און שכנות , און אלע האבען זום-זום בעגריסט און איהר אלע נייעס דערצעהלט און זום-זום האט זיי שען אויפגענומען און זיי מיט קאווע און קוכען מכבד געוועזן . זי האט געהאט גע-נוג און האט זיך דאס געמעגט ערלויבען. אנ'עבינער יום-טוב איז עס פאר איהר געוועזן און די צייט איז וואונדערבאר שנעל גע-לאפען און נאך איידער מען האט זיך אומגעקוקט , איז שוין דער זומער אוועק און דער הערבסט איז געקומען .

צו ערשט האט דאס זום-זום גארנישט בעמערקט . איהר איז נאך אלץ זעהר גוט געוועזן. וואס געהט עס איהר אן , וואס נאכט ביינאכט חאפט איצט אין דרויסען א וויים פרעסטעל ? אין איהר ווארעמער קיך איז געוועזן ווארעמלעך און זיבערלעך . נאר ביים לעבוויי האט זי דאך איינגעזעהן . אז עפעס האט זיך געענדערט אין דער וועלט . מאריע האט די פענסטער אלץ זעלטענער און זעלטענער געעפענט און זום-זום'ס קרובים און בעקאנטע האבען שוין מעהר נישט געקאנט צו איהר צו גאסט קומען . איז נאך א מאל יא אריינגעפלויגען איין פריינדין , אזוי איז זי מאדנע מאט געוועזן , די נאשעריי'ען , וואס זום-זום האט איהר מכבד געוועזן כמעט ווי נישט אנגעריהרט , געענטפערט פויל אויף אלע פראגען און מיט א מאל איז זי , צו זום-זום'ס גרויסען שרעקען . אין מיטען פון א ווארט פלוצלונג אומגעפאלען און זיך שוין מעהר נישט פון ארט געריהרט .

זום-זום האט די גריל געפרעגט , וואס האט דאס אלץ צו בעדייטען. נאר די גריל האט איהר קיין ענטפער נישט געגעבען . און אז זום-זום איז צו איהר לאך צוגעקראכען און אריינגעקוקט אהין , האט זי דערזעהן , אז די גריל ליעגט אויסגעשפרייט און שלאפט . זי איז געשלאפען איצט כסדר , פון אין דער פריה ביז אוועגד און פון אווענד ביז אין דער פריה . זום-זום האט דאס גאר-נישט געקאנט פערשטעהן און אויפ'ן הארצען איז איהר זעהר נישט פרעהליך געווארען . זי האט אבגעווארט , ביז מאריע איז

פון קיך ארויסגעגאנגען, דאן איז זי מיט איהר צוזאמען ארויס-געפלויגען, כדי זיך אביסעל אויף די וועלט ארומצוקוקען און אפשר זיך אויך דערוויסען, פארוואס קיין געסט קומען שוין מעהר נישט צו איהר, און פארוואס די ווייניגע געסט, וואס זיינען יא געקומען, זיינען אזוי אומעטיג און שוואך געוועזען, און פארוואס זיינען זיי אזוי אפט קראנק געווארען און געשטארבען, ווען זיי זיינען ביי איהר אין קיך געזעסען און קאווע געטרונקען.

אין דרויסען האט זום-זום שיער נישט שלעכט אבגעשניטען זי האט נאך נישט בעוויזען צו בעמערקען, ווי אלץ זעהט אויס אנדערש ווי פריהער, אזוי איז איהר די קעלט אין אלע גלידער אריינגעדרונגען, די פליגעל זיינען איהר שווער געווארען און די פיס זיינען איהר שטייף געווארען און ס'איז איהר שווארץ געווארען פאר די אויגען און זי האט נאך געהאט פונקט אזוי פיעל כח, זיך אויף מאריע'ם הויב צו זעצען און מיט איהר צוזאמען צוריק אין שטוב אריין. וואלט דא מאריע גראד נישט געווען, וואלט שוין זום-זום קיינמאל נישט לעבעדיג אין קיך צוריקגעקומען.

עס האט א צייט געדויערט, איידער זום-זום איז אינגאנצען צו זיך געקומען. ביסלעכווייז האט זי זיך אנגעהויבען דערמאהנען, וואס זי האט אויף איהר קורצער שפאציער-רייזע געזעהן און וואס זי האט נישט געזעהן. ווי אין דרויסען איז איצט אזוי מאדנע וויסט געווען! אמת, נישט געווען מעהר די מורא'דיגע שוואלבען, וואס טהוען נישט מעהר, נאר לאקערען אויף פליעגען, זיי דאס לעבען צו נעהמען. נאר אויך קיין פליגען זיינען נישט געווען. קיין מיקען, שמעטערלינגען, קיינער פון די אלע, וואס פליהען ארום אין זונענשיין. און קיין זונענשיין איז שוין אויך נישט געווען קיין פיצעל בלויער הימעל, קיין גרין בלאט. נאקעטע בוימער, גרויע וואלקען און א אייזיגער לופט-הויך, וואס שניידט אזוי ווי מיט מעסער אין אונבעדעקטען לייב. וואס פאר א גליק איז עס, וואס זי האט דיווארעמע קיך! די גוט-געשלאסענע פענסטער לאזען די קעלט נישט אריינדרינגען און ביי'ם קומען איז שטענדיג אזוי וואויל ווי אין שענסטען זומערטאג; מען דארף נאר נישט צו נאהנט צו'ם פייער קומען. פאר'ן פייער אבער איז זום-זום

זעהר פארזיכטיג געוועזען.

זי איז פון א גרויסער סכנה ניצול געווארען. דאס איז פאר זום-זום קלאר געוועזען, און זי האט זיך געפרעהט דערמיט און זיך די פאדערשטע לאפקעס פאר פערגניגען געריבען. נאר די קליינע זום-זום איז א גוט בעשעפעניש געוועזען. זי האט נישט געקלערט נאר וועגען זיך אליין. זי האט אויך געקלערט וועגען די איבעריגע, די שוועסטער און ברידער, די פעטערס און מוהמעס, די שכנות, חבר'טעס און בעקאנטע, וואס מיט זיי האט זי אין דער שענער צייט פון יאהר אזוי פיעל שענע שטונדען פערבראכט, פערלויגען און פערזומט. וואס האט פון זיי אלע געקאנט ווערען? געוויס זענען זיי אלע געשטארבען. אז נישט וואלט דאך וועניג-סטענס איינע פון זיי אמאל צו איהר צו גאסט געקומען. נאר קיינע איז נישט געקומען. דאס האט זום-זום זעהר טרויעריג גע-מאכט, און האטש איהר אליין איז גוט געוועזען, איז זי דאך גאנץ אפט שטיל אין א ווינקעל געזעסען און געזיפצט און אויף די טויטע געטרויערט. אפשר האט זי צייטענווייז געוויינט אויך. נאר דאס קאן איך נישט זאגען, ווייל די טרעהרען פון א פליעג זענען אזוי קליין, אז מען קאן זיי נישט זעהן, אויב מען גיעט נישט שטארק אכטונג.

זום-זום האט געגעסען גוט און געטרונקען גוט און ס'איז איהרווארעם געוועזען און זי איז געשלאפען גוט, נאר אביסעלע צו פיעל, און זי איז פעט געווארען און פויל, און דעריבער איז זי ליעבערשט געזעסען אדער אביסעל אויף דער וואנד א רומגעקראכען, איידער געפלויגען. דאס פליהען איז איהר צו שווער געווארען. זי האט זיך געוואונדערט, וואס זי, וואס איז אמאל אזוי ריהרעוודיג געוועזען, איז אזא שווערפעליגע פערזאן געווארען, נאר ביסלעכווייז האט זי זיך דערצו צוגעוואוינט. צו אלץ געוואוינט מען זיך. אפילו צו איינזאמקייט, אמת, דערצו צום שווערסטען.

דער ווינטער איז לאנג געוועזען, און האטש די טעג זענען געוועזען קורץ האט זום-זום דאך גענוג צייט געהאט וועגען אלץ צו טראכטען. בעזונדערס וועגען דעם, צי עס וועט נאך אמאל ווידער זיין פליעגען אויף דער וועלט. דען צו שרעקליך וואלט

עס שוין געווען, ווען זי וואלט שוין אויף אייביג געדארפט די אייני ציגע פליעג בלייבען. גאר אליין אין דער וועלט צו לעבען, דאס איז דאך נאך ערגער ווי דער טויט. ווייל אז מען איז געשטארבען אזוי ווייס מען דאך שוין מעהר גארנישט, נאר דער לעבעדיגער ווייס פון לאנגווייליגקייט און קומער. אמת, זי האט נאך א ליעבע פריינדין, די גריל. נאר די איז אליך געשלאפען און געשלאפען און ס'איז גאר נישט געווען וואס צו מאכען מיט איהר. ווער זי נאך אמאל זיך ווידער אויפכאפען? און אפילו אז יא — אמת, זי איז א ליעבע פריינדין געווען, אבער דאך נאר א פרעמדע, און קאן נישט גערעכענט ווערען ווי אייגען פלייש און בלוט.

ווען זי האט זיך די דאזיגע טרויעריגע געדאנקען אבגעגעבען, אזוי האט איהר אנגעהויבען אין ברוסט צו קלעמען און דער קאפ איז איהר שווער געווארען און אפילו צוקער, קובען און קאווע האבען איהר שוין נישט שטארק געשמעקט. וואס נוצט גרויסע עשירות, ווען מען האט נישט מיט וועמען זיך צו טיילען דערמיט!

דער ווינטער איז ענדליך אויך פערביי, דער פריהלינג איז געקומען, די זון האט ווידער העל אוןווארעם געשיינט און אין דרויסען האט מען אויף די דארע צווייגען פון די צוויי ביימער אין גארטען געקאנט א בליהונג דערקענען.

און דא איז איין מאל פאר מיטאג עפעס וואונדערבארעס געשעהן. מאריע האט ברייט דאס פענסטער פון קיך געעפענט. א שמעקעדיגע פרישע לופט האט אריינגעשטראמט, פון וואס זום-זום האט צוערשט אנגעהויבען שוידערן, נאר דערנאך איז זי דערי פון יונגער און ניי בעלעבט געווארען. א ווייל'ע האט זי זיך מיט דער דעה געשלאגען, דאן האט זי זיך בעשלאסען, איהר ווינקעל פערלאזען, ביז צום געעפענטען פענסטער צוגעפליגען — און זעה א וואונדער, ווי זי איז נאר ארויסגעפליגען, אזוי האט זי ארום און ארום דערהערט דאס טייערע, שוין אזוי לאנג נישט געהערטע זומען פון איהרע אייגענע. א גאנצע מחנה פון שענע, יונגע, גלאנציגע, פרעכטיג רוהרעוודיגע פליעגען האט געטומעלט און געטאנצט און געשפיעלט זיך אין זונענשיין און שכור פאר פרייד האט זיך זום-זום וואקלענדיג אין מיטען פון דער מחנה א לאז געטהון און

מיט בריים אויסגעשפרייטע פליגעל איז זי צוגעפלויגען צו איינער און צו א צווייטער, וואס זענען געבען איהר צום נאהנטסטען געוועזען און געוואלט זיי ארומנעהמען און צו איהר ברוסט צוציהען און זיי קושען, און מיט א האלב פערשטיקטער שטימע האט זי זיי אנגעהויבען צוצורופען: „שוועסטער, טייערע שוועסטער! אח, אז איך האב די זכיה געהאט צו דערלעבען, איך ווידער צו זעהן!"

נאר די פליעגען זענען זיך פלוצלונג פאנאנדערגעפלויגען, זיך שרעקעדיג ערווייטערט פון איהר און מיט מורא זי אנגעקוקט, דאן האט זיך איינע אבגערופען: „ווער איז דאס דען די דאזיגע חיה?" און א צווייטע האט זיך אויסגעלאכט: „קיקט עס נאר אן. דאס דיקע פעסעל!" און א דריטע האט געשפאט: „מאדאם, אייערע פליגעל זענען היינט נישט געבארשט!" און אלע האבען געלאכט.

זום-זום איז געשטאנען בעלעדיגט און געקרענקט. עס איז איהר שווער געווארען, אזוי לאנג אין דער לופט צו בלייבען, האט זי זיך אויפ'ן פענסטער אראבגעלאזט. טרויעריג האט זי געזאגט: „צי דען קען מיך נישט קיינע פון אייך? איך בין דאך זום-זום!" און זי האט אנגערופען די נעמען פון פיעל שוועסטער און קוזינעס און חבר'טעס, וואס זענען פאר א יאהרען מיט איהר יונג געוועזען און זיך צוזאמען מיט'ן לעבען געפרעהט.

נאר דער נייער פליעגען-דור האט קיינעם פון די דאזיגע נעמען נישט געקענט און וואס מעהר אונבעקאנטע נעמען די ארעמע זום-זום האט אויסגערעכענט, אלץ אונצוטרוילעבער און פיינדליכער זענען די יונגע פליעגען צו איהר געווארען און איינע האט צו דער צווייטער געזומט: „מען מוז זיך היטען פאר איהר. זי איז א שווינדלערין".

„אבער קוממט דאך! אבער גלויבט מיר דאך!" האט זום-זום פול מיט שרעק געבעטען, — „זעהט, פאר א יאהרען האב איך אזוי פיעל שוועסטער און ברידער און חבר'טעס געהאט! דאן זענען מיר אויך א גרויסע מחנה געוועזען, ווי איהר איצט! און איך בין פון אלע די גרעסטע שטיפערין געוועזען! נאר דאן איז דער הערבסט געקוממען און אלע זענען אויסגעשטארבען און דאן איז

דער ווינטער געקומען און איך בין גאר אליין געבליבען און איך האב געמיינט. די גאנצע וועלט איז אונטערגעגאנגען. נו איז דאך אבער ווידער פריהלינג געווארען און איך זעה ווידער מיינע אייגענע און זיי זענען אזוי שטיפענדיג ווי אמאל און איך בין אזוי גליקליך, אייך צו זעהן; נאר פארוואס זענט איהר אזוי אונפריינדליך און האלט זיך פון דער ווייטען און ווילט מיך נישט פאר אייער שוועסטער דערקענען?

די יונגע פליעגען זענען נעהנטער צוגעקומען און האבען זיך אלץ מיט מעהר ערשטוינונג צו איהרע ווערטער צוגעהערט און זי רעדען געלאזט, ביז עס האט איהר אטעם פערפעהלט און זי האט צו הוסטען אנגעהויבען. דאן האט איהר געענטפערט איין פליעג מיט גאלד-און רובין-אויגען, וואס האט איבערוויזען צו זיין די חכמת פון זיי אלע: „מאדאם, דאס אלץ, וואס איהר רעדט, איז אלץ אומזין. איהר האלט אונז פאר נארישער ווי מיר זענען אין אמת'ען. נאר מיר וועלען זיך נישט לאזען פערנארען פון אייך. וואס מיינט איהר עפעס מיט דעם „פאר א יאהרען"? יעדע פליעג ווייס דאך, אז די וועלט האט זיך ערשט מיט אונז אנגעהויבען. פאר אונז האט קיין זאך נישט עקזיסטירט. און קיינער האט נאך נישט געזעהן, אז א פליעג זאל שטארבען, סיידען א שוואלב אדער א קראה האט זי אויפגעפרעסען. הערבסט און ווינטער? דערפון האט מען נאך קיינמאל נישט געהערט עפעס ווי לאנג פליעגען דענקען. איז עס שטענדיג אזוי ווי איצט געוועזען. איהר מעגט זיך שעמען, וואס איהר ווילט אונז אזעלכע נארישע זאכען איינרעדען".

די איבעריגע פליעגען האבען צושטימענד אונטערגעזומט און איינע האט הויך אויסגעשריען: ציי זעהט איהר דען נישט, אז זי איז משוגע? לאזט זשע צורוה די נארישע מכשפה און קוקט טאנצען". און אלע האבען לוסטיג די פערלמוטער-גלאנציגע פליגעל א ריהר געטהון און אוועק פון דאנען...

„שוועסטערלעך! ליעבע שוועסטערלעך!" האט זום זום מיט א פערקיילטער שטימע געבעטען, נאר קיין פליעג האט זיך שוין מעהר נישט צוגעהערט צו איהר און אין איין אויגענבליק

איז זי שוין אלײן אויפ'ן פענסטער געבליבען און די איבעריגע האבען זיך װײט אין נאלדענעם זונענשײן געװיעגט.

זום-זום איז א קורצע צײט װי בעטויבט אויף איהר ארט געזעסען און עס נישט בעגרײפען געקאנט, פארװאס די יונגע שװעסטער זענען אזוי אונפרײנדליך צו איהר, װעהרענד זי דאס דעם גאנצען װינטער אזוי שטארק געבענקט נאך זײ, ענדליך האט זי זיך בעשלאסען צוריק אין קיך צו געהן און צו זעהן, צי די גריל האט זיך שוין איפגעחאפט כדי איהר געשעהניש איהר צו דערצעהלען און זיך בעקלאגען פאר איהר.

און װירקליך, די גריל איז שוין װאך געװען, נאר זי האט דערװײל אנאנדערע גריל צו גאסט בעקומען און בײדע האבען פלײסיג געגרילצט מיט אײנאנדער, און װען זום-זום איז צום שפאלט צוגעקומען און דעם קאפ פערװאונדערט און אביסעל פערשעמט ארײנגעשטעקט, אזוי האט איהר פרײנדין צו איהר גראב געזאגט: „װאס דארפט איהר דא? צי זעהט איהר דען נישט, אז איך האב א גאסט! איך האב איצט קײן צײט נישט פאר אײך!"

דאן האט זום-זום, קײן װארט נישט זאגענדיג, צוריקגעקעהרט אין איהר אלטען הײמישען װינקעל אויף דער װאנד און האט די פליענעל אראבגעלאזט און איז שטיל געבליבען זיצען. װידער האט זיך די װעלט עפעס געענדערט און איז מיט נײ לעבען פול געװען. נאר װאס האט דאס דער ארעמער זום-זום געהאלפען? זי איז אלט געװארען און פאסט שוין נישט צו דער נײער װעלט. „בעסער װאלט איך אין הערבסט געשטארבען, װי אלע מײנע שװעסטער!" — האט זי טרויעריג געקלערט און שטארק געקיקט אויפ'ן דינעם רויך, װאס איז פון קוימען אין די הויך ארויפגע- שטיגען, כדי זיך ארויפצוציהען דורך די קוימען-לאך. ארויף, ארויס, איבערן דאך, איבער'ן הויז, אין די זוניגע לופט, צום בלויען הימעל. זי האט אויף דעם בלויליכען זיך ציהענדען זײל געקוקט און א בענקשאפט האט זי אנגעחאפט, צוזאמען מיט'ן רויך ארויפצושטײגען און פון צערטלענדען, װארעמען רויך ארויפגעטראגען צו װערען, דארט ארויף' דארט ארויס, אין די

ווייגע לופט, צום בלויען הימעל, און זי איז אלץ נעהנטער און נעהנטער צוגעקראָכען און פּלוצלונג האָט זי שוין מעהר נישט געקאָנט ווידערשטעהן און איז מיט איין שפּרונג אין מיטען פון רויך-זייל געווען, און דער רויך-זייל האָט זי א נעהם ארום געטהאן און זי איז פערשוואונדען. זי האָט נישט געוואוסט ווי איז עס איהר געשעהן, זי איז בעטויבט געוואָרען. די זינען פערלאָרען, זי איז אראָבגעזונקען און אין צוויי טען א יגענבליק איז זי אויף די גליהענדע קוילען פון קויבען א קליין הייפעלע אש געווען. זי האָט קיינע שמערצען נישט געליטען, דען ווען זי איז אין פייער געפאלען, איז זי שוין בעוואוסטלאָז געווען.

אין שפּאלט פון שיבער האָט די גריל פרעהליך מיט איהר נאסט געגרילצט און פאר'ן אָפענעם פענסטער האָבען די פליעגען געטאנצט, איבערצייגט, אז זיי וועלען אייביג לעבען, אויב קיין שוואלב וועט זיי נישט אויפפרעסען.

קאטאלאג פון בוכהאנדלונגס-פערלאג א. גיטלין, ווארשא, נאלעווקי
איוואנאווסקי באזאר נומער 1.

שוין ערשינען פון דרוק!

# דאס בוך און דער לעזער

(זאמעלבוך)

רעדאגירט דורך א קאלעגיום שריפטשטעלער.

מיט פאלגענדען זעהר רייכען אינהאלט:

1) אש ש: בילדער פון אלטען ארץ ישראל: I אויפ'ן וועג קיין בית לחם.
„ „ II דער לעצטער מעמד.
2) נאמבערג ה. ד: קרוטיקער און עסטעטיקער.
3) וויסענבערג מ: ר' יואל (פיעסע.)
4) הירשביין פרץ: וואנדער-טרוימען.
5) טייטש משה: צו דער זון.
6) „ „ * * (לידער)
7) קאגאנאווסקי: מעדלעך, מיין ערשטער דורכפאל.
8) טרונק י. י: דעם ים.
9) שעפס א. ח: יוגענד.
10) „ „ * * (לידער)
11) פון יאפאנישען: האקאטא.
12) „ „ די נאמען-זינגערין
13) זיידלער אסתר: * * (לידער)
14) רוטשיק ר: א רומעניש ליעד.

מיר פערשפארען צו לויבען דאס זאמעלבוך „דאס בוך און דער לעזער“ וועלכע יעדער קען זעלבסט פערשטעהן, בלויז נאך די נאמען וועלכע האבען אין איהם אנטהייל גענומען. „דאס בוך און דער לעזער“ איז איינס פון די בעסטע ליטעראַרישע ווערק, וועלכע זענען ערשינען ביז יעצט.

פראכטפאל שעהן געדרוקט. 8 דרוק בויגען פרייז 50 קאפ. מיט פארטא 60 ק.

דער עוויגער יוד, ראמאן אין 6 טהייל, פון איידזשען סיו (פערפאסער פון מסתרי פאריז). 432 זייטען — 1 רובל

פֿערלאַג א. גיטלינס פֿאָלקס־ביבליאָטעק.

מאַטילדע סאַראַאָ.

# דער צײַטונגס־שרײַבער.

ראָמאַן.

ווענען דעם דאָזיגען ראָמאַן איז אונז כמעט איבעריג צו רײַדען. פֿאַר איהם זאָל רײַדען אונזער גאַנצע סעריע איבערזעצונגען, וואָס אין איהר געשמאַק און זין וועט זיך יעדער באַלד איבערצײַגען. אַלץ איז דאָ געקליבען געוואָרען מיט גרויס פּאָזיטיווקייט און ערנסט און צו דערזעלבער צײַט איז אויך אײַנגעלעגט געוואָרען אַ סך אויפֿמערקזאַמקײַט אויף די איבערזעצונגען. די דאָזיגע איבערזעצונגען זענען ריין, פּשוט, לײַכט און גלאַט יודיש. האָבענדיג אָט די אַלע זיבען ראָמאַנען אונזערע, וועט דער לעזער בעזיצען אַ טייל פֿון יענע פּעריל־ביכער, וואָס טראָגען אַרײַן ליכט פֿאַר׳ן מח, געפֿיהל פֿאַר׳ן האַרץ, און פֿײַנקײַט פֿאַר׳ן געשמאַק, — אָט די אַלע מעלות, וואָס אַ בוך דאַרף געבען.

מיט דעם דאָזיגען ראָמאַן „דער צײַטונגס־שרײַבער“ שליסען מיר דערווײַל אונזער ערשטער סעריע איבערזעצונגען. ווײַטער אַ ביסעל וועט קומען די צווייטע. מיר זענען איבערצײַגט, אַז דער לעזער אונזערער, וואָס האָט אַזוי וועניג גוטע איבערזעצונגען פֿון ראָמאַנען, וועט ווי געהעריג אָבשאַצען דעם ווערטה פֿון אונזערע זיבען ראָמאַנען.

פּרײַז 40 קאָפּ׳.

פערלאג א. גיטלינס פאלקס-ביבליאטעק.

## מייער-פירשטער.

# דער קרונפרינץ.

### ראמאן.

דער דאזיגער ראמאן איז א צארט, מילד ווערק, וואס איז נישט אויסגערעכענט אויף גראבע עפעקטען. דאס איז א קונסט-ווערק, און דערמיט איז שוין אלץ געזאגט.

דער קייזערליכער הויף, וואו דער קרוינפרינץ האט זיך ערצויגען, די רייזעס פונ'ם פרינץ, דאס געפינען זיך צווישען די היידעלבערגער סטודענטען, זיין פריי לעבען, וואס האט זיך בשום אופן נישט געפאסט צום עטיקעט פון א פרינץ — דאס אלץ איז וואונדערליך שען און פריש איבערגעגעבען און לאזט איבער נאך זיך א טיעפען רושם.

עס איז זיכער צו האפען, אז אזא צארטער, חנ'עוודיגער און העכסט-קינסטלערישער ראמאן וועט אויסקשטויסען די אלע יענע שונד-ראמאנען, די אלע יענע איבעלדיגע פערפאסעריען, וועלכע ווערען, ליידער, נאך אלץ געלעזען אין דער יודישער גאס.

מייער-פירשטער'ס ראמאן איז איבערזעצט אין אלע שפראכען, פון איהם איז געווען ענטציקט די קריטיק און דאס פובליקום. זיין ערשיינען אין יודיש, אין א גלענצענדער איבערזעצונג, דארף פרעהען יעדען אמת'ען פריינד פון אונזער ארימער איבערזעצונגס-ליטעראטור.

פרייז 40 קאפ'.

פערלאג א. גיטלינס פאלקס-ביבליאטעק.

באלעסלאוו פרוס.

# פרעה.

## ראמאן.

דער דאזיגער קלאסישער ראמאן פון בעריהמטען פוילישען שריפטשטעלער איז איבערזעצט אין אלע שפראכען און איבעראל האט זיך די קריטיק וועגען איהם בעגייסטערט אבגערופען.

דער דאזיגער ראמאן בעהאנדעלט אין א וויסענשאפטליכער און שפאנענדער פארם צוגלייך די גרויסע היסטארישע עפאכע פון מצרים, ווען יודען האבען דארטען אויך געשפיעלט א ראלע. עס ווערט זעהר געניי געשילדערט דאס גאנצע לעבען פון מצרים, אנהויבענדיג פון דעם העכסטען הויף ביז די סאמע ניעדריגסטע שקלאפען-קלאסען. און אלע שילדערונגען זענען זעהר אינטערעסאנט און דער לעזער, דורכלייענענדיג דעם ראמאן, האט ער נישט נאר דורכגעלייענט א אינטערעסאנטען ראמאן, נאר אויך דורכשטודירט א גאנצע שטיק היסטאריע, און בעסער ווי ער וואלט עס שטודירט פון א טרוקענעם היסטארישען בוך.

אין אונזער ליטעראטור, וואס איז אזוי ארעם אין וויכטיגע גאנצע איבערזעצונגען, האט דער דאזיגער ראמאן נאך א גרעסערע און וויכטיגערע בעדייטונג.

ענטהאלט 42 דרוק-בויגען.

פרייז 1 רוב.

קנוט האמסון.

# דער רעדאקטאר.

ראמאן.

אין דעם דאזיגען ראמאן איז פאראן א סך פרייע לופט, א סך זון און פרייע מענשען. האמסונ'ס לייכטקייט און שפיעלעני-דיגקייט פיהלט זיך אין יעדער שורה, און א גרויסען תענוג האט מען פון לעזען דעם דאזיגען ראמאן. האמסונ'ס העלדען געהען פונאנדערגעשפיעלעט, טראגען שטענדיג א שמייכעלע אויף די ליפען, האבען הנאה פון הימעל און דער ערד, און ארום זיי און אין זיי, דאכט זיך, לויפען ארום פרייע ווינדמען. דער מענש איז דא דאס לעבען און דאס לעבען — דער מענש, און די העלדען זיינע האבען זיך פיינט צו פערשקלאפען, זיין פערנומען מיט טרוקענע חשבונות, פייניגען זיך א לאנג גרוי לעבען צוליעב גארנישט. זיי האבען ליעב די זון, זיי גארן נאכ'ן הימעל, זיי ענטציקט די ערד, נאר אין דערזועלבער צייט קען האמסון אזוי ריהרענד דער-צעהלען פון ליעבע, אזוי צארט מאהלען ליעבע-בעוועגונגען, ליעבע-חן און ליעבע-צער...

איבריגענס, אין דעם דאזיגען ראמאן געהט אויך פארביי א שטיק געזעג-שאפטליך לעבען, וואס איז אונגעהויער אינטערעסאנט און הומאריסטיש, ווי האמסונ'ס שטייגער איז.

פרייז 50 קאפ.

## גיואי דע מאָפּאַסאַן.

# איוועטאַ

### ראָמאַן.

אַ הייסער און אַ ליכטיגער ראָמאַן איז **איוועטאַ**. **דאָ טרעט** אַרויס מאָפּאַסאַן מיט אַלע זיינע אונגעוועהנליכע גרויסע מעלות: דער טיעפער אַנאַליז, די ברייטע האַנדלונגען און די בולט'ע שטריכען פון דער פרוי. שוין פון דער ערשטער שורה אָן האַפּט אַרום דעם לעזער מאָפּאַסאַנ'ס גרויסע קונסט, יעדער העלד פון ראָמאַן, **אפילו** אַנ'אונבעדייטענדער, קומט פאַר די אויגען, ווי אַנ'אויסגעהאַקטער פון שטיין. און אָפט-מאָל דאַכט זיך, אַז אָט-אָט הערט זיך דאָס קלאַפּען פון זיין האַרץ, אַז אָט-אָט הערט זיך זיין אָטעם. סצענעס שווינדלען פאַרביי, פערשיעדענע, אויף אַלערליי אופנים, און אויב דאָרט איז דאָ גערויש, קלינגט אין די אויערן, ווי אַ צוג וואָלט דורכגעלאָפען. און אויב דאָרט קומט פאָר שטילקייט, דאַכט עס זיך ביים לעזען, אַז די גאַנצע וועלט מיט איהר האַנדעל און וואַנדעל איז ערגעץ פון אונטער די פיס אַוועקגעשוואומען... אָט דאָס קאָן מאָפּאַסאַן.

דער ראָמאַן איז פון איבערזעצונגען אָהן אַ ספק אַ צירונג אין דער יודישער ליטעראַטור, און די איבערזעצונג איז אַ מוסטערהאַפטע. דאָס איז איינער פון די לייכטעסטע, ליעבסטע און האַרציגסטע ראָמאַנען, וואָס נאָר אַזאַ מייסטער ווי מאָפּאַסאַן האָט געקענט שאַפען. איבערלעזענדיג דאָס בוך, ציטערט עס נאָך לאַנג-לאַנג אָב אין זכרון...

דער ראָמאַן ענטהאַלט 8 דרוק-בויגען.

פרייז 45 קאָפּ'.

ש. כהן.

# „דער למד-וו׳ניק“.

דער למד=וו׳ניק איז אייגענטליך אַן׳אמת׳ע געשיכטע. נאָר דער אמת איז דאָ צונאָסען איבער׳ן גאַנצען בוך, ווי אַ פרישער פריהלינגריח, וואָס גיט צו יעדען זייטעל אַ בעזונדער חן. וואָס איז דאָס אַזוינס אַ למד=וו׳ניק? דאָס איז איינער פון יענע 36 צדיקים, וואָס זיי גנב׳ענען זיך אדורך ווי שאָטען׳ס איבער דער וועלט, וואָס קיינער קען זיי נישט און ווייס זיי נישט, וואָס זענען כלומר׳שט תמ׳עוואטע שמשימ׳לעך, אָרומגעפּליקטע וואַסער=טרעגער, בלייכע שניידער, שטילע אויסגעהונגערטע שוסטער, וואָס זעהען גאָרנישט אויס, ווי צדיקים דאַרפען אויסזעהן דאָס רוב און וואָס זענען דאָך די הייליגסטע אויף דער וועלט.

שטיל, פערבאָרגען און הייליג שטאַרבען אָט די דאָזיגע למד=וו׳ניקעס און זייער אונפערשטענדליך לעבען בלייבט אַ רעטעניש פאַר אַלעמען. וואָס האָבען זיי דאָ געטהאָן אויף דער וועלט און וואוהין זענען זיי אַוועק? און עס וועהעט פון זייער אַוועקגעהן מיט שטילער פּאָעזיע, מיט קלאָרער צניעות, ווי פאַרטאָג ביים פאַרשווינדען פון מאָרגענשטערן.

אין דעם דאָזיגען בוך וועט זיך דער לעזער בעקענען מיט דעם זעלטענעם געהיימניספאָללען לעבען פון אַ למד=וו׳ניק, וואָס וועט איהם, דעם לעזער, בעצויבערן און האַלטען לאַנג אין זיין געפאַנגען אין אַן׳אונפערשטענדליכער, זיסער און צניעות׳דיגער וועלט.

פרייז 35 קאָפּ׳.